STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00133

FUN FRILING BIZ HARBST

S. Bunyan

Permanent preservation of this book was made possible by
The Laguna Hills Leisure World Yiddish Club
in memory of
Stanley Bunyan

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ז. בונין

*

פון פרילינג ביז האַרבסט

ז. בוניז

ז. ביבון

פון פרילינג ביז האַרבסט

פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב

תשכ"ה — 1965

S. BUNYAN
FROM SPRING UNTILL AUTOMN

ז. בונין / פון פרילינג ביז האַרבסט

*

צייכענונג: ב. מלחי

פאַרלאַג „המנורה", רח' זנגביל 24, ת"א, ישראל
„Hamenora" Publishing House
Tel-Aviv, Zangwill st. 24, Israel

©

Copyright by S, Bunyan
4103 Hollyknoll Drive
Los Angeles 27, California

נדפס בישראל תשכ"ה
Printed in Israel 1965

דפוס „ארזי" בע"מ, ת"א, רח' אילת השחר 4, טל. 34294

געווידמעט דעם הייליקן אָנדענק
פון מיין יוגנט־פריינד, חבר און שוואָגעו־
מאיר באַראַן
מיט וועמען איך האָב דורכגעשפּאַנט
איבער זעכציק יאָר פון אומאונטערבראָ־
כענער פריינדשאַפט

איך באַדאַנק מיינע פאָלגנדיקע פריינד פונעם בוך־קאָמיטעט און באַזונדערס — דעם דערציילער און נאָוועליסט נח גאָלדבערג, דעם סעקרעטאַר פונעם קאָמיטעט.

י. סאַפּיאַן — פּאָרזיצער
נח גאָלדבערג — סעקרעטאַר
פרענק העריסאָן — קאַסירער

א. באַביטש
ליובאַ באַביטש
סטענלי בונין
פּינטשע בערמאַן
סעם ברוידי
מ. ל. גאַלפּערין
מאיר דראָזד
גאָלדע דראָזד
חיים דאַרנאָוו
שרה באַשע דאַרנאָוו
רחלע האַוסנער
חבר און חברה
ל. זעלמאַן
מלכה חפץ־טוזמאַן
לייזער מעלצער
מרים מעלצער

גאָסי סאַרטאָ
שמואל סיגאַל
כאַצקל סיגל
מ. פּאָטאָפּסקי
מאָריס פּאַרבער
מאַניע פּאַרבער
י. פרידלאַנד
משה קאַפּלאַן
חבר און חברה
מנחם קאַרסאָן
מלכה רויזענבלאַט
י. ראַשעל
מ. שניידער
הערי שטערנפעלד
סאָפיע שטערנפעלד

קיין אַמעריקע

(טאָגבוך)

26סטן נאָוו. 1911.

דאָס ערשטע וואָס איך טו, ווען איך קום בשלום קיין ניו־יאָרק — איך גיי, נייך, איך לויף זיך באַקענען מיט מאָריס ראָזנפעלד און ה. רויזנבלאַט.

פון קיין אַנדערע פּאָעטן אין ניו־יאָרק, דאָס הייסט לעבעדיקע, האָב איך ניט געוווּסט. אַוודאי האָבן מיר געזונגען ביי אונדז אין שטאָט עדלשטאַט: „אָ, בעסטע פריינד, ווען איך וועל שטאַרבן" און „מוזע רוף מיך ניט", און באַוושאַווערס „הייב אויף דיינע אויגן צו מזרח און מערב". האָבן זיי דאָך אָבער ניט געוואָלט וואַרטן אויף מיין קומען... אַך, ווי אונדזער יוגנט האָט ליב געהאַט צו זינגען מאָריס ראָזנפעלדס „איך האָב אַ קליינעם ייִנגעלע, אַ זונעלע גאָר פיין" און ה. רויזנבלאַטס: „ווידער אַרבעט, ווידער שאַפן, ווידער דרייען די מאַשין".

ווען זשע איז דאָס געדעדט געווען, ווען די שיף פאָרט טאַקע קיין ניו־יאָרק. איז אָבער די נאָז פון שיף געצילט קיין גאַלוועסטאָן, טעקסאַס. וואָס עפּעס גאַלוועסטאָן אין מיטן דרינען? אָבער דאָ מוז איך איבעררייסן: די לימענע מיט די חלשות־טראָפּנס, וואָס מיינע פריינד האָבן מיר מיטגעגעבן, העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. ס׳איז מיר ניט גוט. איך בין שוין ביים פּאָרענטש פון שיף...

✶

אַן אינטערנאַציאָנאַלע שווימענדיקע שטאָט איז די „בראַנדענבורג", וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון ברעמען, דייטשלאַנד.

אַוודאי האָט מוזיק געשפּילט, און טאַשנטיכלעך האָבן ווי פאָנען אין דער לופט געפלאַטערט ביז די שיף האָט זיך ביסלעכווייז דערווייטערט,

ווו מען האָט שוין די מוזיק מער ניט געהערט, און די באַגלייטערס מיט זייערע פאַכנדיקע טיכלעך מער ניט געזען.

אַ געמיש פון יידן, פּאָליאַקן, רוסן, רוטענער, אוקראַינער, טשעכן, איטאַליענער, שפּאַניער און ווער ווייסט וויפל נאָך אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן ?

אַן אָקסן־שיף איז דאָס פריער געווען, האָט מען זי איבערגעבויט אויף אַ פּאַסאַזשיר־שיף, נייַן, אויף אַן עמיגראַנטן־שיף. פון דעסט וועגן פאַרמאָגט זי דריי קלאַסן : ערשטער, צווייטער און דריטער קלאַס. דריטער קלאַס רופט זיך „צווישנדעק", ווו „עמך" פון די עמכדיקסטע פאָרן.

דער „צווישנדעק" באַשטייט פון אַ סך גרויסע אָפּטיילונגען, יעדע אָפּטיילונג איז ווי אַ לאַזאַרעט מיט דריי־גאָרנדיקע בעטן. דער גערוך, מילד גערעדט, איז שרעקלעך. אַ גליק וואָס גלייך נאָך „אָבענד־ברויט" גייען אַלע אַרויס אויפן דעק.

די טענץ און די געזאַנגען פון די פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן. מיט זייערע פּילפּאַרביקע נאַציאָנאַלע קליידער, ציען צו אויך די פּאַסאַזשירן פון ערשטן און צווייטן קלאַס, הגם דער קאַפּיטאַן קען ניט פאַרטראָגן, וואָס זיי מישן זיך מיטן ערב־רב. אַפילו איך, פון דריטן קלאַס, האָב זיך אויך דערהויבן צו אַ העכערן שטאַנד אין די אויגן פון קאַפּיטאַן.

דייטשישע אַרבעטער, סטאָלאַרעס, האָבן עפּעס געבויט אויפן שיף, האָט מיך אָנגענומען אַ חשק צו אַרבעטן. באַקומען די דערלויבעניש פונעם קאַפּיטאַן און די נייטיקע געצייג, האָב איך געאַרבעט גלייך מיט זיי. שפּעטער, אין אָוונט, ווען מאַטראָסן האָבן מיט בעזעמער און דערקאַטשן געוואַשן דעם דעק און איך האָב מיט איינעם פון זיי פאַרפירט אַ געשפּרעך, האָט דער קאַפּיטאַן עס דערזען און ער האָט צו מיר אויסגעשריען : „מיין ליבער הער, דאָס איזט דאָך אונטער זייער ווירדע, איר זענט דאָך איין טישלער !".

די דייטשן פירן זיך אויף ווי ניט נאָר די שיף, נאָר די גאַנצע וועלט געהערט צו זיי. זשלאָקען ביר ווי וואַסער, האָפערדיק און חוצפּהדיק איז זייער זינגען : „דויטשלאַנד איבער אַלעס".

אַנדערש זיינען די טענץ און געזאַנגען פון די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס זיינען ווי באַגלייט מיט אומעט און מעלאַנכאָליע, איבערהויפּט ווען אַ צאָל יידן מיט זייערע רוסישע מיטפאָרער צעזינגען זיך :

„ווֹאַ פּאָליע בעריאָזאַ סטאָיאַלאַ,
ווֹאַ פּאָליע קודריאַוואַיאַ סטאָיאַלאַ,
ליולי, ליולי, סטאָיאַלאַ,
ליולי, ליולי, סטאָיאַלאַ.

— — — — — — — — —

טשוּדאַ, טשודאַ,
פּראָסטאָ טשודאַ,
טשודאַ ראָדינאַ מאָיאַ.

„אין פעלד איז אַ בעריאָזקעלע געשטאַנען,
אַ קוטשעראַווינקע געשטאַנען,
ליולי, ליולי געשטאַנען,
ליולי, ליולי, געשטאַנען.

— — — — — — — — —

וווּנדער, וווּנדער,
איבער וווּנדער,
וווּנדערלעכע היימאַט מיינע״

די אַלע ביימער וואָס וואַקסן אין און אַרום מיין שטעטל, די טאָפּאָליע, בעריאָזע און ווערבע, רופן אַרויס ביי מיר אַ גרויסע בענקשאַפט נאָך מיין יוגנט. אפשר דערפאַר וואָס איך האָב איינגעזאַפּט אין זיך פון מיין פריסטער יוגנט אויף דער אוקראַיִנע די בענקענדיקע און נאָגנדיקע לידער, וואָס די „פּאַראָבקעס״, „דיווטשאַטעס״ און גלאַט פאָלקס־מענטשן פלעגן זינגען און אויסגיסן אין זיי זייערע ביטערע הערצער פאַר דער בעריאָזע, טאָפּאָליע און ווערבע, און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז די ביימער וויינען מיט מיט זיי. און וואָס עפּעס נאָר אוקראַיִנער?

מיט אַ קורצער צייט פאַר מיין פאַרלאָזן רוסלאַנד, איז דערשינען אַ קליין ביכל לידער „שטילע געזאַנגען״ פון דוד איינהאָרן, און אין איינס פון די לידער גיסט דער פּאָעט אויס זיין האַרץ פאַר דער בעריאָזע:

„יעדעס, יעדעס בלעטל אירס
שעפּטשעט שטיל אַ תפילה,

— — — — — — — — — — — —

איז, —
זיי זשע דו, בעריאָזקעלע,
מתפלל אויף פאַר מיר.

און חיים נחמן ביאַליקס יידישע טאָכטער, וועט „ביי דער ווערבע פרעגן, פון איר באַשערטנס וועגן. זי וועט עס ניט אויסהאַלטן, זי וויל, טאַטע, ניט קיין אַלטן״.

צו אילוסטרירן ווי אַזוי איך בין פאַרכאַפּט געווען פון די אוקראַיִנישע פאָלקס־לידער, וועל איך דאָ פאַרנאָטירן אַזאַ פאַל:

איך בין אַלט געווען אַ יאָר עלף, ווען איך בין איין מאָל געגאַנגען אויפן מאַרק און געהערט אַן אוקראַיִנישן בלינדן „קאָבזאַר״ (אוקראַיִנישער פאָלקס־זינגער) זינגען אַ ליד באַגלייט פון אַ לירע מיטן אויסזען ווי אַ גרויסער קאָכלעפל, באַצויגן מיט לאַנגע און קורצע סטרונעס. דער ניגון און די ווערטער האָבן אויף מיר געמאַכט אַ גרויסן רושם. איך האָב געהאַט ביי זיך אַ פאַרמעגן פון גאַנצע דריי קאָפּיקעס, האָב איך אים געגעבן אַ קאָפּיקע ער זאָל עס פאַר מיר נאָך אַ מאָל זינגען, און אַ צווייטן מאָל, — אַזוי, ביז איך האָב אים אַוועקגעגעבן דאָס לעצטע פון מיין קאַפּיטאַל, מיין דריטע קאָפּיקע. אָבער איך האָב איבערגענומען דאָס ליד וואָרט אין וואָרט, מיט דער מעלאָדיע, פאַרשטייט זיך.

דאָס ליד האָט געהייסן: „אָי, מאָראָזע, מאָראָזענקאָ״. איך ברענג איין סטראָף אין אוקראַיִנישן אָריגינאַל, און בלויז פיר סטראָפן פון מיין איבערזעצונג.

„אָי, מאָראָזע, מאָראָזענקאָ,
סלאַווני טי קאָזאַטשע,
העי פאָ טעבע, מאָראָזענקאָ,
ווסיאָ אוקראַיִנאָ פלאַטשע״.

— — — — — — — — — — — —

„אָי, מאָראָזע, מאָראָזענקאָ,
בראַווער קאָזאַק פיינער,

העי נאָך דיר, אַ מאַראַזוענקאָ,
ווײנט דאָך גאַנץ אוקראַינע!

ניט אַזוי די אוקראַינע,
ווי די מיליציאָנערן,
און די אַלטע מאַראַזיכע,
— גיסט זיך אָפּ מיט טרערן.

וויין ניט, וויין ניט מאַראַזיכע,
לאָז זיך טרייסטן אין דיין פּיין.
קום מיט אונדז, מיט די קאָזאַקן,
טרינק זיך אָן מיט מעד און ווײן.

אַי, ווי קאָן איך, ליבע ברידער,
מעד אין האַלדז זיך שפּאַרן,
ערגעץ שלאָגט זיך מיין מאַראַזענקאָ,
מיט די פאַרשאַלטענע טאַטאַרן".

איך פלעג דאָס ליד זייער אָפט זינגען. שפּעטער מיט יאָרן, ווען איך האָב געלייענט גרעצס יידישע געשיכטע, האָב איך אויסגעפונען, אַז אָט דער מאַראַזענקאָ, וועמען דער בלינדער קאָבזאַר האָט אַזוי באַוויינט, איז געווען באָגדאַן כמיעלניצקיס רעכטע האַנט...

די שיף שווימט אָפּ אַלץ ווייטער און ווייטער, און דאָס האַרץ, ווי אַן אַנגעצויגענע פּרוזשינע שיער צום פּלאַצן, ציט צוריק, צוריק צו טאַטע־מאַמע, צו מיינע ליבע, טייערע חברים, צום אוקראַאינישן סטעפּ, צום דניעפּער, וווּ איך האָב אַזוי פיל וווּנדערלעכע נעכט אויף לאָדקעס פאַרבראַכט, צו דער טאָפּאָליע, בעריאָזע און ווערבע, וואָס וויינען, ווי עס ווײנט מיין האַרץ אין מיר.

רעטראָספּעקט

30סטן נאָוועמבער, 1911.

ניט אָנצוהייבן מיטן „רעטראָספּעקט", וואָרעם קוים הייבסטו זיך מיט אים אָן, איז עס אַ מעשה אָן אַן עק. ער האָט קרובים, באַקאַנטע, אַ פאַר־גאַנגענהייט, אַ מעשה אין אַ מעשה, ווי מענדעלע זאָגט.

אָנגעהויבן דאַכט זיך מיטן וועג קיין אַמעריקע, קומען די „רעטראָ־ספּעקטן" און שלעפּן דיך אַוועק צוריק, צוריק צום סאַמע אָנהייב. איז לאָמיך דאָ פריער פאָרשטעלן מיין שטעטל:

„מענאָ" הייסט עס, מעסטעטשקאָ מענאַ, טשערניגאָווער גובערניע. אַ פינף טויזנט אוקראַינער און אַ טויזנט יידן. אַ שטעטל, ווי געוויינטלעך אַ שטעטל אין אוקראַינע, מערסטנטייל מיט שטרוי־באַדעקטע נידעריקע הייזער. עטלעכע הייזער, ביי די אַ ביסל מער פאַרמעגלעכערע בעלי־בתים — מיט רויטן טשערעפּ, און די רייכערע הייזער — געדעקט מיט בלעך און גאַנעקלעך אַרום הויז. אונדזער שטיבל, אַ נידעריקס ביז דער ערד, איז געדעקט מיט שטרוי, ווייס־געקאַלעכט און מיין טאַטע צאָלט פאַר דעם דריי רובל אַ חודש דירה־געלט...

פון שטעטל האָט זיך געצויגן איין לאַנגע גאַס, וואָס האָט זיך גערופן: „סאָסניצער שליאַך" און האָט טאַקע געפירט צו דער קרייזשטאָט „סאָסניצע", אַ נאָמען נאָכן שיינעם גרויסן סאָסנאָוון וואַלד, וואָס האָט זיך דאָ געפונען, און מענטשן זיינען אַהין געפאָרן אויף דאַטשע. ווען מיר זיינען שוין גע־וואָרן רעוואָלוציאָנערן, האָט דער „סאָסניצער שליאַך" אונדז געדינט פאַר אונדזער בירזשע. אַגב, סאָסניצער שליאַך דערמאָנט מיך אויך, ווי איך בין איין מאָל אַ ביינאַכט איבער אים געלאָפן און אַ שכן אונדזערער האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך מיר, ווען ער כאַפּט מיך, וואָלט ער מיך צעריסן ווי אַ פיש. וואָס איז געווען די מעשה? שוין איין מאָל אַ מעשה!

אין איינעם אַ פּסח, צום צווייטן סדר, האָב איך זיך אָנגעטאָן אין מיין

טאַטנס ווייסן קיטל, צוגעטשעפּעט אַ פּאָר ווייסע פליגלען פון אַ גאַנדז, אָנגעטאָן אויפן קאָפּ דער מאַמעס אַ ווייסע הויב, און זיך אַוועקגעשטעלט ביים שכנס טיר. ווען ער האָט געעפנט די טיר פאַר אליהו הנביא, האָב איך זיך אַריינגעשטעלט אין טיר. מילא, די שכנטע האָט פון שרעק גלייך געחלשט, אָבער דער מאַן האָט זיך ניט דערשראָקן. ער האָט זיך געלאָזט לויפן נאָך מיר מיט אַזאַ רציחה, נאָר מיך צו פאַרטיליקן! ס'איז כ'לעבן כדאי געווען צו זען, ווי אליהו הנביא איז געפלויגן איבערן סאָסניצער שליאַך...

נאָך אַ הויפּטגאַס איז געווען: „בערעזנער שליאַך". דאָרט איז האַרבסט־צייט די בלאָטע געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט געמאַכט אַ גרעבליע פון לאָזעס. ס'איז אויך געווען אַ „בולוואַר", ווו דער אָרקעסטער פון דער „פּאַ־זשאַרנע קאָמאַנדע" האָט אָפט געשפּילט און מען האָט דאָרט געשפּאַצירט; און אַ וואָקזאַלנע גאַס, די איינציקע גאַס וואָס האָט געהאַט אַ ברייטן שאָסיי.

געווען צוויי שולן, די אַלטע שול און די נייע שול. די אַלטע שול האָט פאַרמאָגט אַן אַנטיקן אָרון־קודש מיט אויסגעשניצטע פייגלען, לייבן און הירשן, וואָס האָבן מיט זייערע הערנער אונטערגעהאַלטן דעם סופיט איבערן אָרון־קודש. און גאָר פון אויבן אויפן אָרון־קודש זיינען געווען אויסגע־שפּרייט צוויי הענט, ווי זיי וואָלטן געהאַלטן אין איין בענטשן דעם עולם דאַווענער. אין מיטן שול איז געשטאַנען אַ גרויסע אַכטקאַנטיקע בימה מיט עפּענונגען אונטן, ווו מען האָט אַריינגעוואָרפן צעריסענע שמות פון אַלטע, הייליקע ספרים. ווען ס'האָט זיך אָנגעקליבן אַ היפּשע צאָל שמות, האָט מען עס מקבר געווען אויפן הייליקן אָרט. צו שמחת־תורה פלעגן גיין אַרום דער בימה יידן מיט און אָן ספר־תורות און זינגען און טאַנצן. יינגלעך זיינען נאָכגעלאָפן מיט זייערע פאָנען, אָבער קיינע פון די פאָנען זיינען ניט געווען אַזוי שיין ווי מיינע, וואָס מיין טאַטע האָט אַזוי אויסגעצאַצקעט און מיט גרויסע אותיות אָנגעשריבן „דגל מחנה אפרים". אַזוי ווי מיין טאַטנס נאָמען איז אפרים, בין איך הייסט עס זיין מחנה...

אויף וואָקזאַלנער גאַס האָבן געוווינט די פאַרמעגלעכערע יידן. דאָ איז אויך געווען די נייע שול. וואָקזאַלנע גאַס האָט פאַרשטייט זיך געפירט צו דער אייזנבאַן „סטאַנציע מענאַ".

יונגוואַרג. פלעגט קומען באַגעגענען און באַגלייטן דעם „קורערסקן פאַיעזד", מיט בענקשאַפט נאָכגעקוקט דעם אַפגייענדיקן פאַיעזד, און גע־

האָפּט, אַז אַ מאָל וועלן זיי אַליין אויך זיך אַוועקלאָזן אין דער ברייטער וועלט אַריין.

און איצטער, אַז איך האָב שוין אייך אַ ביסל באַקאַנט מיט מיין שטעטל מענאַ, דערלויבט מיר פאַר אייך פאָרשטעלן מיינע טאַטע־מאַמע.

מיינע עלטערן

ס׳איז געווען אין יאָר — איך בין אַ קנאַפּער היסטאָריקער, איז מיר שווער, און דערצו בין איך פויל, צו פונאַנדערקלייבן זיך אין דאַטעס — ווען איך אָנהייבן אַזוי:

ס׳איז געווען — פאָלג מיך אַ גאַנג — אין די צייטן פון ניקאָליי דעם ערשטן.

איין מאָל, אין אַ פרייטיק פאַרנאַכט, ווען די יידן פון סאָסניצע, אַ שטעטל אין טשערניגאָווער גובערניע, אין דער אוקראַינע, זיינען געגאַנגען אין שול, איז אָנגעפאָרן אַ פויערל מיט אַ פערד־און־וואָגן און זיך אָפּגעשטעלט ביי דער שול. אויפן וואָגן האָט זיך געפונען זיבן קינדערלעך: דאָס קלענסטע — אַ מיידעלע פון אַכצן חדשים. די איבעריקע — אַט ווי ביי אַמאָליקע קבצנים: זייער ווייניק געררוקט אין דער עלטער. דער פויער האָט זיך געווענדט צו די יידן: „נאַטע וואַם סעמעראָ זשידקיוו”. (דאָס הייסט: אָט האָט איר זיבן יידעלעך). דערביי האָט ער דערציילט, אַז זייערע עלטערן, וואָס האָבן געהאַלטן אַ שענק אין זיין דאָרף, זיינען ביידע געשטאָרבן פון דער כאָליערע, וואָס האָט שטאַרק געבושעוועט אין יענעם געגנט. אַגב, זאָלן די יידן קומען און צונעמען די צוויי טויטע.

אין סאָסניצע האָט געוווינט אַ פּאָרפאָלק — משה דער שניידער האָט מען אים גערופן — אַ שניידער אַ „לאַטוטניק” — און זיין פרוי אסתר. זיי האָבן ניט געהאַט קיין קינדער. אסתר איז זיכער געווען, אַז גאָטס שטראָף האָט זיך אויסגעגאָסן אויף איר איבער אַ גרויסער עבירה, וואָס זי איז באַגאַנגען: איין מאָל, אַן ערב שבת, ווען זי האָט האָט זיך אַרומגעפּאָרעט, האָט די קאַץ איר זייער דאַקוטשעט, געקראַכן אונטער די פיס, געשלעפּט פון די טעפּ, און לסוף אַרויפגעשפּרונגען אויפן טיש. זי האָט אַ כאַפּ געטאָן די קאַץ און האָט זי געגעבן אַ שליידער אַרויס דורכן פענצטער.

די קאַץ האָט אָט־אָט געזאָלט זיך אָפּקעצלען — האָבן די קעצלעך זיך אַרויסגעשאָטן פון דער קאַצס טראַכט... די געשרייען פון דער קאַץ זיינען

געווען ניט איבערצוטראָגן — ביז זי איז אויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט אירע קעצלעך.

אסתר איז פון צער און חרטה שיער פון זינען אַראָפּ, און אַלטע ווייבער האָבן איר געזאָגט, אַז פאַר אַזאַ גרויסער זינד וועט גאָט פאַרשליסן איר טראַכט — און זי האָט טאָקע קיין קינדער ניט געהאַט.

אסתר האָט זיך אָבער אַזוי גרינג ניט אונטערגעגעבן. זי איז געפאָרן צום וולעדניקער רבין, אַז ער זאָל איר אַ תשובה געבן, און אפשר וועט זי געהאָלפן ווערן.

דער רבי האָט זי געטרייסט און איר געעצהט: נעם, האָדעווע אויף אַ יתום אָדער אַ יתומה, ס'איז אַ גרויסע מצווה — און בזכות זה וועט אם ירצה השם איר זינד פאַרגעבן ווערן.

משה דער שוואַרצער איז געגאַנגען אין שול, און ווען ער האָט דערזען אַן עולם מענטשן, ערב שבת, אַרום אַ וואָגן ביי דער שול, האָט ער זיך אויך אָפּגעשטעלט און דערזעענדיק די קינדער אויפן וואָגן, האָט ער אויף זיי גרויס רחמנות געקראָגן. עס האָט אים זייער שטאַרק אַ ציי געטאָן צום קליינעם מיידעלע, האָט ער עס אַרויסגענומען און עס צוגעדריקט צו זיך מיט ליבע, און אַנשטאָט אין שול — איז ער מיטן קינד אַוועק אַהיים און עס געבראַכט צו אסתרן.

זיי האָבן זיך זייער געפרייט מיט באַשינקען (בתיה). דאָס קינד האָט אויסגעפילט די ליידיקייט ביי זיי אין הויז — און ליב איז זי ביי זיי געווען ווי אַן אייגן קינד.

עס זיינען אַוועק איבער פינף יאָר, זינט זיי האָבן דאָס קינד צו זיך גענומען. אָבער לעצטנס האָט דאָס קינד עפּעס אויפגעהערט צו עסן ווי עס באַדאַרף צו זיין און איז אָפּט ניט־געזונט געוואָרן. מיט איין וואָרט: דאָס קינד איז עפּעס געווען „ניט מיט אַלעמען". אסתר האָט פאַרמשכונט אַ פּאָר קישנס, אַ סאַמאָוואַר און — איז ווידער אַוועק צום „וולעדניקער".

— רבי, אַזוי און אַזוי...

דער רבי האָט זי גוט אויסגעהערט, זיך פאַרטראַכט און געזאָגט:

— פאָר געזונטערהייט אַהיים און טו מיטן קינד אַ שידוך.

— רבי, זי איז דאָך ערשט די וואָך געוואָרן זיבן יאָר אַלט!

— פאָר און טו ווי איך זאָג דיר.

— איז מיט וועמען, רבי, זאָל איך טאָן אַ שידוך?

— ווערסטו פרעגן ביים קינד, זי וועט דיר זאָגן...

אסתר איז געקומען אַהיים און האָט דערציילט דעם מאַן און די שכנים, וואָס דער רבי האָט איר געהייסן טאָן. און אַז „ער זאָל לעבן" הייסט, איז דאָך ניט שייך! האָט מען אָ פרעג געטאָן ביים קינד: — באַשקע, ווילסט אַ חתן?

— איך האָב שוין אַ חתן — האָט באַשקע געענטפערט.

— ווער איז דיין חתן? — האָט אסתר אַ דערשטוינטע געפרעגט.

— אפרים איטשקע. ער שפילט זיך מיט מיר שיין און שרעקט מיך ניט מיט קיין זשאַבעס, ווי ער שרעקט אַנדערע מיידלעך...

אויסגעהערט כלהס צד, דאַרף מען דאָך זען וואָס ס'הערט זיך מיט חתנס צד, און ווען די קינדער האָבן זיך געשפּילט אין גאַס, האָט אסתר צוגערופן איטשקען צו זיך און אים געפרעגט: — איטשקע ווילסט אַ כלה?

— יאָ!

— וועמען וואָלסטו וועלן פאַר אַ כלה?

— באַשקען!

ווער איז געווען אפרים איטשקע?

אַברהם דער קירזשנער איז געווען אַ יונגערמאַן אַ ברען, געשמט פאַרן בעסטן באַלמעלאָכע אין שטאָט. צו אַכצן יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ באַלעבאַטישער טאָכטער, און אין די פינף יאָר וואָס זיי זיינען געווען פאַר־הייראַט, האָט זי אים געבוירן דריי קינדערלעך: אַ מיידל און צוויי ייִנגלעך.

אפרים יצחק איז קוים אַלט געווען דריי יאָר, ווען איין מאָל אין אַן אָוונט האָבן די „כאַפּערס" זיך אַריינגעריסן אין זייער הויז און מיט געוואַלד אַוועקגעשלעפּט מיט זיך זיין פאָטער און אים אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט. אין די צייטן פון ניקאָליי דעם ערשטן האָט עס געהייסן אַוועקגיין אויף פינף און צוואַנציק יאָר. זיין מוטער איז פון שרעק און צער קראַנק געוואָרן און איז שוין קיין מאָל צום געזונט ניט געקומען. זי האָט זיך ניט געקענט טרייסטן — און גאָר אין אַ קורצער צייט זיינען די קינדער געבליבן יתומים, און גוטע מענטשן האָבן רחמנות געהאַט...

ווי באַלד די קינדער געפעלן זיך איינע די אַנדערע, האָט משה דער שוואַרצער שוין צוגענומען אויך איטשקען צו זיך, און שטאָט האָט זיך מחיה געווען — פטור צו ווערן פון אַ יאָך...

ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, איז משה דער שוואַרצער געווען אַ

שניידער, אַ לאַטוטניק — איבערגעניים, איבערגעניצעוועט, און געווען אַן אָרעמאַן אין זיבן פּאָלעס. ער איז אָבער געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע מענטשן אין שטאָט.

עס איז כמעט ניט געווען דער פּרייטיק, וואָס ער האָט ניט געדאַרפט לייען אויף מאַכן שבת. ער איז אָבער קיין מאָל ניט געקומען אַהיים פּרייטיק צונאַכטס פון שול אָן צוויי אָדער דריי אורחים אויף שבת — געוויינלעך הימלאָזע, דורכגייענדיקע אָרעמעלייט.

עס איז ניט געווען קיין צדקה־חברה אין סאָסניצע, ווו ער איז ניט געווען טעטיק — און ווו אַ נויטבאַדערפטיקער און ווו נאָר אַ קראַנקער, דאָרט איז ער געווען. און האָט נאָר אַ קראַנקער געדאַרפט עפּעס אין אַפּטייק און ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן — איז גענוג געווען, אַז משה דער שוואַרצער זאָל אָנשרייבן אַ צעטעלע און דער אַפּטייקער האָט שוין געגעבן די רפואה אָן געלט.

ווען אסתר פלעגט גיין אין מאַרק אַריין, פלעגט משה איר אָנשטאָפּן פולע קעשענעס מיט שטיקלעך סחורה, איבערגעבליבענע פאָדעם, אַז זי זאָל עס איבערגעבן צו די מענטשן, וואָס האָבן ביי אים באַשטעלט אַרבעט, כדי ער זאָל חלילה יענעמס ניט צונעמען צוליב אַ טעות. אין שטעטל האָבן זיך מענטשן געסודעט: „ער איז אַ לאַמעד־וואָווניק!"...

מ׳קען זיך שוין פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ יום־טוב עס איז געוואָרן אין שטאָט, ווען משה דער שוואַרצער און אסתר האָבן געמאַכט תנאים מיט זייערע קינדער. דער חתן איז שוין געווען אַ בחור אין די יאָרן: גאַנצע צען יאָר! און די כלה איז שוין אויך אַלט געווען זיבן יאָר!...

די קינדער האָבן זיך געהאַדעוועט צוזאַמען ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. מיט דער צייט האָבן זיי אָבער דערפילט, אַז עפּעס איז אַנדערש... אַ שוועסטער ציילט ניט אַזוי די מינוטן ווען דער ברודער וועט שוין אַהיימקומען פון חדר, און אַ ברודער פאַרדריסט ניט אַזוי, ווען ער זעט, אַז זיינע עלטערן באַשטראָפן זיין שוועסטער ווען זי פאַרזינדיקט זיך מיט עפּעס...

אפרים יצחק איז געווען אַן עילוי. אין שטאָט איז שוין פאַר אים ניט געווען קיין מלמד. ער פלעגט זיך אַפּט פאַרטראַכטן און האָט געשריבן „גראַמען", מיט וועלכע די „קענער פון שטאָט" האָבן זיך אַרומגעטראָגן.

ווען ער איז שוין אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר, האָט פּלוצלינג — ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן — זיך באַוויזן זיין פאָטער. די טערקישע מלחמה האָט זיך

ערשט געהאַט פאַרענדיקט און צוליב דעם איז זײן דינסט־טערמין פאַרקירצט געוואָרן. איז ער געקומען אַהײם אין אַ שײנעם מונדיר מיט עפּאָלעטן, מיט מעדאַלן און אַ שפּאַגע, און קײנער האָט ניט געװוּסט װי אַזױ און פון װאַנען — אַ זײער רײַכער מאַן.

אַוודאי איז זײַן צער געװען גרױס, װען ער האָט זיך דערװוּסט װעגן דעם גורל פון זײַן פרוי און אַז זײַנע קינדער געפינען זיך בײַ „גוטע מענטשן״. באַזונדערס — װען ער האָט דערזען װאָס פאַר אַ געראַטענעם זון ער האָט און ער געפינט זיך גאָר בײַ משה דעם לאַטוטניק און איז נאָך פאַרקנסט צו זײַער יתומה! ער האָט געװאָלט צונעמען דאָס ייִנגל צו זיך, אים לאָזן שטו־דירן און אים מאַכן פאַר אַ „מענטש״. אָבער אפרים יצחק האָט דערפון ניט געװאָלט הערן, פאַר אים איז שױן זײַן פאָטער געװען משה דער שװאַרצער!

איז מען געגאַנגען צום רב מיט אַ דין־תורה, און דער קלוגער רב האָט געפּסקנט, אַז ר׳ אַברהם דאַרף באַצאָלן משה דעם שװאַרצן דרײַ הונדערט קאַרבן פאַר דער טירחה און צײַט, װאָס ער האָט אַכטונג געגעבן אויף זײַן זון...

בײַם רב אין הױז איז געװאָרן אַ יללה װי תשעה באָב צו די קינות. דער אײנציקער װאָס האָט ניט געװײנט, איז געװען אפרים יצחק.

— רבי — האָט ער געזאָגט — אויב משה דער שװאַרצער איז מיר געװען אַ פאָטער װען איך האָב זיך געװאָלגערט אין גאַס, איז ער עס בײַ מיר אויך איצט, װען עס האָט זיך פּלוצלינג אָפּגערופן אַ רײַכער טאַטע. איך — האָט ער װײַטער געזאָגט — בין מיט באַשען אַ זיװוג פון גאָט און קײנער טאָר אונדז ניט צעשײדן. איך באַשטײ אַז מ׳זאָל שטעלן אַ חופּה, און טאַקע שױן, דאָ! (די כלה איז דעמאָלט אַלט געװען 14 יאָר און דער חתן 17).

„קינד און קײט״ זײַנען געװען אויף דער חתונה; די רײַכסטע חתן־כלה אין סאָסניצע האָבן קײן מאָל ניט געקראָגן אַזאַ דרשה־געשאַנק! דער אײנציקער װאָס האָט געפעלט אויף דער חתונה, איז געװען אַברהם קירזש־נער — אפרים יצחקס פאָטער...

דאָס יונגע פאָרפאָלק האָט געװױנט מיט טאַטע־מאַמע — אַזױ האָבן זײ גערופן אסתרן און משהן — און זײ זײַנען עס טאַקע צו זײ געװען דורך אַלע יאָרן — און שפּעטער אַפילו אויך צו זײערע קינדער און קינדס־קינדער.

צו פופצן יאָר האָט שױן באַשקע געהאַט דאָס ערשטע קינד — אַ מײדעלע — װעמען מ׳האָט אַ נאָמען געגעבן רחל לאה. און אָט אַזױ האָט זי שױן געקינדלט כמעט יעדע צװײ יאָר.

✶

די קללה, וואָס איז שטענדיק געהאַנגען איבער די קעפּ פון דער באַ־פעלקערונג פון דעם אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד — די כאָלעריע־מגיפה, האָט ווידער אויסגעבראָכן אין איר מוראדיקסטער פאָרעם. מ׳האָט דעמאָלט טאַקע געמעגט זאָגן, ווי עס שטייט אין חומש: „אין בית אשר אין שם מת״ (עס איז ניט געווען קיין הויז, וווּ עס האָט זיך ניט געפונען קיין מת). און ווי געוויינלעך, האָט משה דער שוואַרצער זיך שטאַרק מתעסק געווען אַרום די חולאים, און ווען מ׳האָט אים געוואָרנט: „ר׳ משה, וואָס טוט איר? איר וועט דאָך, חלילה, אָוועקפאַלן!״ פלעגט ער ענטפערן: „אָוועקפאַלן קען דאָך איך איינער, אָבער ראַטעווען קען איך דאָך, מיט גאָטס הילף, אפשר הונדערט״!

ווייסן מיר ניט וויפל הונדערטער מענטשן ער האָט געראַטעוועט. ער איז אָבער לסוף טאַקע אָנגעשטעקט געוואָרן פון דער כאָליערע, און אין עלטער פון קוים פערציק יאָר איז ער געשטאָרבן.

אין קבר האָט מען אים מיטגעגעבן זיין שניידער־טיש און זיין שער־און אייזן — עדות, אַז ער האָט געלעבט אַן ערלעך לעבן פון זיין שווערער פּראַצע.

דאָס געזינד איז געבליבן ווי אויפן וואַסער — און אפרים יצחק איז מיט מזל געוואָרן אַ מלמד, כדי צו קענען דערנערן דאָס הויזגעזינד.

איין מאָל, אָוונט־צייט זיינען אַריינגעפאַלן אין הויז צוויי בחורים, מיין טאַטנס פריינד, און אויסגעשריען: אפרים יצחק, באַהאַלט זיך, די „כאַפּערס״ זיינען אין גאַס. אַ דערשראָקענער, מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט האָט דער טאַטע קוים אַרויסגעשטאַמלט: יידן, טוט מיט מיר וואָס איר קענט.

ניט ווייט פון אונדזער הויז איז געשטאַנען פון יאָרן לאַנג אַ ניט־באַ־וווינטע, אַלט־פּאַרלאָזטע פּאָמיעשטשיקס אימעניע. דער אינעווייניק פון הויף און אַרום דעם הויף איז געווען פאַרוואַקסן מיט ווילדגראַז. דעם טאַטנס פריינד האָבן אים אַריבערגעוואָרפן איבערן הויכן פּאַרקן, און אין אַ שטיבל וווּ דער אַמאָליקער אַלטער פּריץ האָט געהאַלטן זיין הונט, אים געהאַלטן איבער זעקס וואָכן. אַברהם קירזשנער, מיין טאַטנס פאָטער, האָט זיך אָפּ־געגאָלט די באָרד, אָנגעטאָן זיך ניקאָלייעווסקע אוניפאָרעם, און איז אַוועק קיין „פּיטערבאָרג״. ער איז צוריקגעקומען מיט אַ שריפט, אַז היות, אַזוי ווי אפרים יצחק, איז אַ זון פון „אבראַם״ בונין, אַ ניקאָלייעווער סאָלדאַט, וואָס האָט געטריי געדינט זיין אימפּעראַטאָרסקאַיע וועליטשעסטוואָ, ניקאָליי

דעם ערשטן, איז ער באַפרייט פון דינען אין דער אַרמיי. מיין זיידע וואָלט אפשר מיט דער צייט וייכער געוואָרן און זיך אין גאַנצן איבערגעבעטן מיט זיין ווידערשפּעניקן זון, אָבער עס האָט זיך מיט אים געטראָפן אַן אומגליק: ער האָט געהאַלטן אין אַרענדע דעם „פּאַראָם" און אין אַן ערב יום־כיפּור פּאַרנאַכט, ווען ער האָט זיך אַפּנים געאיילט וואָס גיכער צו פאַר־אַנקערן דעם פּאַראָם צום ברעג און גיין אין שול אַריין, האָט אַ שטאַנג געטראָפן אים גלייך אין האַרצן און ער איז אויפן אָרט דערהרגעט געוואָרן.

אַלץ וואָס איך האָב ביז אַהער געשריבן האָב איך געטריי איבערגעגעבן לויט דעם וואָס מיין באָבע, מיין מאַמע און מיין עלטסטע שוועסטער, האָבן מיר ניט איין מאָל דערציילט. איך בין שוין געווען דער מיזיניק — דאָס צוועלפטע קינד. ווייטער שרייב איך שוין וואָס איך אַליין געדענק.

*

שפּעטער האָבן מיינע עלטערן זיך אַריבערגעצויגן קיין מענאַ — אַ שטעטל צוואַנציק ווערסט פון סאָסניצע — ווו איך בין געבוירן געוואָרן דעם 13טן יאַנואַר, 1890.

דאָרט איז אונדזער מאַטעריעלע לאַגע פאַרבעסערט געוואָרן. צו זיין מלמדות איז דער טאַטע אויך געווען אַ שמש אין שול. ער האָט געהאַט נאָך זייטיקע פּרנסות, ווי אַ שטייגער: שרייבן אַ גט, בריוו פאַר חתנים און כלות, מאַכן צייכענונגען פאַר הייזער־באַפּוצונגען.

און דאָך האָבן די אַלע פּרנסות ניט געקענט ווינטער־צייט פאַרהאַלטן די קעלט און ווינטן, וואָס פלעגן זיך װעלן אַריינרייסן אין הויז דורך אַן אויסגעבראָכענער שויב, וואָס אַן אַלט קישן אָדער בגד האָט פּרובירט פאַר־שטעלן דעם וועג.

די באָבע אסתּר פלעגט שוין קומען צו אונדז צו־גאַסט אויף ימים טובים און ברענגען אונדז „גאָסטינצעס": וועמען אַ פּאָר צוגעניצטע שיך, אַ פּאָר הייזלעך פאַר אַ קינד, אַ קליידל, אַ קאָפּטל — וואָס כאָטש צו מאָל נאָך גאַנץ נישקשהדיקע, איז עס דאָך אַ מאָל געווען צו־גוט, ווייל עס איז געקומען פון אַ צו־רייכן פריץ אָדער פריצטע, און עס האָט זיך גאָר ניט געפּאַסט צו אונדזער הילוך. די באָבע אסתּר פלעגט אָפּקויפן אַלטע קליידער און דערפון האָט זי געצויגן איר חיונה.

אַ קאָמישע סצענע פלעגט זיך אָפּשפּילן ווען די באָבע פלעגט קומען אויף פּסח. כאָטש דער טאַטע האָט שוין געהאַט בודק חמץ געווען און עס

שוין „פּאַרברענט״, פּלעגט זי מיט איר קליין איינגעשרומפּן הענטל אויפן שטערן אַרומזוכן אין יעדן ווינקעלע — טאָמער איז, חלילה, ערגעץ געבליבן אַ שטיקל חמץ. אָבער אויף חמץ זוכן זיינען מיר געווען גרעסערע בריות פון איר; מיר פלעגן עס זוכן אַ גאַנץ יאָר און גאַנץ אָפּט ניט געפונען...

אונדזערע קינדער זיינען אָפּט געווען צו־גאַסט ביי דער באָבען — אַ מאָל אויף אַ לענגערע צייט — ווינציקער מיט אַ מויל אין דער היים.

אַ ליבע, אַלטינקע, איינגעשרומפּענע באָבעלע — איז זי שוין געווען אַ פיר און אַכציק יאָר אַלט, ווען איך און מיין שוועסטער, וועלכע געפינט זיך איצט מיט מיר אין לאָס־אַנדזשעלעס, זיינען נאָך געווען קליינע קינדער.

זי האָט מורא געהאַט טאָמער שטאַרבט זי, חלילה, פלוצלינג אָוועק אָן ווידוי — האָט זי געפרעגט אַן עצה ביי מיין פאָטער וואָס צו טאָן. מיין טאַטע האָט איר געעצהט, אַז, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, זאָל זי יעדע נאַכט פאַר שלאָפן גיין, זאָגן זיבן מאָל אדוני הוא אלוהים... פלעגט זי אין איר לאַנג העמד, ווייסן הויב און ווייסע זאָקן צוגיין צו דער טיר, קוים דערלאַנגען די מזוזה, זי אַ קוש טאָן און זאָגן: אַדוני הוא אלוהים איינס, אַדוני הוא אלוהים צוויי, און אַזוי ביז זיבן מאָל. זי פלעגט זיך אָבער שטענדיק פאַר־מישן אין דער צאָל, פלעג איך און מיין שוועסטער איר דאַרפן אַרויס־העלפן: זי — אדוני הוא אלוהים, און מיר — איינס; זי — אדוני הוא אלוהים, און מיר — צוויי — ביז מיר פלעגן זיך שוין ניט קענען מער איינהאַלטן און אָנהייבן שטיקן זיך און כיכיקען. פלעגט זי זאָגן: ווייגט ניט, ווייגט ניט, קינדערלעך, דער אייבערשטער, וואָס לעבט אייביק, וועט מיר מירצעשעם נאָך שענקען יאָרן...

ביי ליכט־בענטשן פלעגט זי אַלע מאָל בעטן: דער זכות פון מיין צדיק (איר מאַן) זאָל ביישטיין, און דער זכות פון דעם „וולעדניקער״ זאָל מיר ביישטיין, אַז מיינע קלעזמאָרים זאָלן מיר ניט פאַרשטערט ווערן! מיט דעם האָט זי געמיינט, אַז באַשע מיט אפרים יצחקן זאָלן זי אַרויסבאַגלייטן ווי ס׳דאַרף צו זיין ווען די צייט וועט קומען... און דער טאַטע זאָל זיין אַ גוטער קדיש נאָך איר.

ווי עס איז צו זען פון דעם, וואָס איך האָב ביז איצט געשריבן, זיינען ביי מיינע עלטערן די קינדער געוואַקסן צוזאַמען מיטן דלות. דאָך איז מיין פאָטער געווען וואָס שלום עליכם וואָלט אָנגערופן: אַ קאַסריליק. ער איז געווען אַ גרויסער ווינצלינג, אַ תלמיד חכם און, לויט מיין מיינונג, אַ פּאָעט

און קאָמפּאָזיטאָר, כאָטש ער האָט קיין מאָל ניט געלייענט קיין „זשאַרגאָן" און ניט געוווּסט פון קיין נאָטן. זיינע זאַכן וואָס ער האָט געשריבן זיינען קיין מאָל ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. אָנגעשריבן עפּעס, איבערגעלייענט עס פאַר אַ פריינד אָדער צוויי און עס אַוועקגעלייגט אין קאַסטן, ווו עס איז שוין געבליבן יאָרן לאַנג.

ווען איך בין אונטערגעוואַקסן און האָב שוין געקענט לייענען, פלעגט ער אַלע מאָל אָנשרייען אויף מיר, אַז איך כאַפּ זיך צו צו זיין קאַסטן און מאַך דאָרט אַ חורבן... איך האָב אָבער געוואַלדיק הנאה געהאַט פון זיינע זאַכן. אַ סימן: די איינציקע זאַך וואָס איך האָב ביי זיך אין זיין אייגענער האַנטשריפט איז דער פּסח־בריוו צו מיר. די איבעריקע אַלע זיינע זאַכן וואָס איך פאַרעפנטלעך דאָ זיינען פון זכרון.

דעם בריוו צו מיר האָט מיין פאָטער געשריבן אין 1912 — אַ קימא לן פון איבער פופציק יאָר. איי‌ניקע זאַכן זיינען געשריבן געוואָרן נאָך איידער איך בין געבוירן געוואָרן מיט וואָסערע זיבעציק — פינף און זיבעציק יאָר צוריק. עס איז צו באַוווּנדערן זיין שפּראַך און סטיל. איך האָב ניט געפּרוּווט רעדאַגירן אָדער אויסבעסערן: איך גיב אַלץ איבער אין זיין שפּראַך און אָרטאָגראַפיע אַזוי גוט ווי מעגלעך לויטן זכרון.

אַלץ וואָס ער האָט געשריבן איז ניט געווען גלאַט אַזוי זיך „זעצן שרייבן גראַמען און זיך נאַריש מאַכן". אָדער ער האָט געשריבן אַ בריוו צו אַ קינד, ווי דער בריוו צו מיר וואָס איך פאַרעפנטלעך דאָ, אָדער אַ בריוו צו אַ פריינד — און פורים־לידער.

ער פלעגט יעדן יאָר, ערב פּורים, פאַרפאַסן אַ ליד, גיין פון הויז צו הויז עס אויסזינגען, און אויף אַזאַ אופן זאַמלען געלט פאַר אָרעמעלייט אויף מצות. און וויפל יעדער איינער פלעגט געבן, פלעגט ער פאַרשרייבן, און די רשימה אויפקלעפּן אין שול אויף דער וואַנט, אַז ס'זאָל, חלילה, קיין חשד ניט זיין... כאָטש אַליין פלעגט ער אָפט דאַרפן לייען געלט אויף מצות...

געווייגלעך זיינען דאָס געווען פריילעכע פורים־לידער, צו וועלכע ער פלעגט פאַרפאַסן זיינע אייגענע מעלאָדיעס. נאָר אַ מאָל ווען אַ קינד פלעגט ביי אים שטאַרבן אין דעם יאָר, אָדער ווען עס פלעגט זיך טרעפן עפּעס אַן אַנדער צרה און ער האָט ניט געקענט זיך פריילעך מאַכן — האָט ער אָנגעשריבן אַ „טרויעריק" ליד. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט ער אָנגעשריבן די

„אַרעסטאַנטן". ער, מיט נאָך אַ מלמד, האָבן זיך אַנגעטאָן אין רייכע סוחרים־קליידער; אַ דריטער מלמד, אַנגעטאָן ווי אַ פּאָליציאַנט, פירט זיי בײדן געשמידט אין קייטן, דער פּאָליציאַנט לייענט דעם „באַשולדיקונג־אַקט", אַז מ'האָט ביי זיי געפינען „פאַלשע באַנקנאָטן", און מיין פּאָטער, דער גרויסער סוחר, זינגט זיין ליד:

מיר זיינען געווען צוויי גרויסע סוחרים
און מיר זיינען געווען גיאַכט —
צו וואָס עס האָט גיבראַכט קנאה און שנאה:
מ'האָט אויף אונדז אַ בילבול געמאַכט.

מיר זיינען גיפאָרן אויף ריסאָרנע טאַראַנטאַסין
און צופּוס ניט געוווּסט קיין וועג:
איצט פירט מען אונדז אַרום איבער אַלע גאַסין —
ניט געגעסענע נעכט און טעג.

צום באַדויערן געדענק איך ניט מער ווי די צוויי פערזן; ער האָט עס אָבער פאַרענדיקט אין אַ טשיקאַוון רוסיש:

„מי בודיעם פּראָסיט באָגאַ זאַ וואָס
דאַיטיע נאַם ספּאָקאָי
פּוסט כאָראָשיִע ליודי פּאָזשאַלוייוט נאַם
טאָגדאַ מי פּאָידאָם דאָמאָי".

אַזוי האָט ער אויך אָנגעשריבן דאָס ליד פון דעם „אָרעמאַן", און ווען ער האָט עס פאָרגעשטעלט, פלעגט ער זיך אָנטאָן אין בעטלערישע קליידער מיט אַ טאָרבע אויף דער פּלייצע, אַריין אין אַ הויז, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר און אויסגעזונגען די ביטערע דאָליע פון דעם אָרעמאַן, וואָס שלעפּט זיך אַרום איבער די הייזער.

ווי עס איז צו זען פון מיין פּאָטערס פּסח־בריוו, זיינען אַלע קינדער זיך צעפאָרן פון דער היים. בלויז דריי טעכטער זיינען פאַרבליבן אין פאַרשידענע שטעט אין רוסלאַנד, איין זון אין ענגלאַנד, איינער אין קאַנאַדע, אַ

טאָכטער אין אַרגענטינע, איך בין אין 1911 אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, מיינע צוויי שוועסטערן, סאָניע און דאָבע — אין 1912.

מיין פאָטער איז נפטר געוואָרן דעם 22סטן מערץ, 1919. מיין מוטער האָט אים נאָכגעפאָלגט אין דריי יאָר אַרום, כאָטש זי פלעגט אים אַלע מאָל זאָגן, „געדענק, איטשע, איך וויל ניט בלייבן אָן דיר!"...

איך האָב דאָ דערמאָנט דעם „פסח־בריוו", מוז איך עס דאָך ברענגען פאַרן לייענער. ערשטנס, ווייזט עס די טראַגעדיע, וואָס עלטערן האָבן איבערגעלעבט בלייבנדיק אויף דער עלטער אָן איין קינד, צווייטנס, איז דאָס די איינציקע אַרבעט פון מיין פאָטער וואָס איז מיר פאַרבליבן אין זיין כתב־יד. אויך גיב איך ווייטער זיינס נאָך אַן אַרבעט: „דער דלות" וואָס איך געדענק פון זכרון.

לבני הנחמד כמר יקותיאל זוסמאַן נ"י

אַזוי ווי איצט טו איך נאָך ניט קנעלין —
האָט מיך געבעטן מיין אַלטע איך זאָל מיינע קינדער צו פרידן שטעלין
באַשרייב איך דיר פון פסח די ערשטע נאַכט,
ווי מיר האָבן דעם סדר גימאַכט:
איך בין גיקומען פון שול, און די קאָפּ איז דול,
וואָרעם ביי מיר איז דאָך ניטאָ וועד
עס זאָל זיך געבין אַ קער־אַהין־אַהער;
אפילו מיר זיינען דאָך סך־הכל אין צווייען,
איז וואָס איז דאָ וואָס זיך צו דרייען —
דאָך אָבער אין שטוב וועט גאָרניט אַריין אַליין,
און וואָהין מי דאַרף האָב איך גימוזט גיין.
טאָקע נאָר אַליין לויפן,
אַלעס איינצוקייפון.
ווען איך זאָל מיין אַלטיצקע שיקון,
אַזוי וואָלט איר גיטראָפן גאָר אַנדערע גליקון:
אַזוי ווי איינער האָט גיהייסון זיין פרוי ברייינגען פאָר מרור סאַלאַטע,
האָט זי גאָר גיבראַכט אַפּטיקאַרסקע וואַטע.
און פאָר חזרת, כרפס, זרוע,

האָט זי גיבראַכט אַ מאַגין, אַ צעפּציכע מיט אַ רייע;
און אויף חרוסת פּאַר ניס, צימברינג און אינגבער, עפּיל,
האָט זי געבראַכט מיט גריישע הערנער
פון אַ בּאַראָן אַ קעפּיל.
איר האָט זיך גידאַכט,
אַז איר מאַן האָט אַמאָל אויך דאָס אַף יום טוב גיבראַכט.
און ווען אַפילו מיינע איז ניט קיין משוגעת,
דאָך אָבער פאַר פּסח — אַז עס ווערט אין מאַרק דער רעש...
אַ גאַנצע וואָך איז אַ טומל מיט אַ קאָך,
יעדע פרוי ווערט צוהיצט און צעברענט —
מי רייסט איינע פון דער צווייטע פון די הענט.
נאָר פלוצלונג ווערט מען גאָר נעהענטע מחותנים,
און מי פּאַצט אוים איינע דער צווייטע גוט דעם פּנים:
באַ דער רייסט מען אַראָפּ די הוט,
די צווייטע באַוואַסט מען מיט בלוט,
דאָ רייסט מען זיך פאַר די צעפּ,
און דאָ טיילט מען אַזוי טרוקענע קלעפּ.
אַ יונגערמאַן האָט דערהערט גייענדיק איבער מאַרק,
אַז זיין פרוא שרייט שטאַרק.
וואָס איז? זי האָט ניט דערקאָנט איר קאַסיאָלקע
וואָס זי האָט גיקויפט פון דאָס ניי,
און האָט זיך גיחאַפּט פאַר דער צווייטערס וואָס איז גישטאַנען דערביי.
זי האָט נאָך ניט אוספּייעט אַרומקוקן גאָר
וואָס דאָס איז אַ גרעסערער נאַבאָר,
אַזוי איז באַלד שוין גיוואָרן אַ גישריי מיט אַהויך קול,
און פון אַ פּובליקע
פון פיר-פינף צעהנדליק ווייבער מיט אַ מאָל —
און מי צופּט זי פון אַלע זייטן;
ווער עס מיט זיך איין,
טוט די צווייטע איר פאַרבייטן.
איז צוגעלאָפן דער יונגערמאַן
און האָט אָנגיהייבין שרייען: „וואָס איז דאָס פאַר אַ פּלאַן?״ —

און האָט אָנגיטראָפין איינע
און ער האָט איר אַריינגיטיילט אָבער אַזוי גוט,
און זי האָט זיך באַוואַסן מיט בלוט.
אמת, זי שפּילט אויך ניט און שרייט.
דערווייַלע האָט זי זיך גיגעבין אַ קער אין אַ זייט,
אָפּשאַרן פון פּנים אירע האָר —
דער יונגערמאַן טוט אַ קוק, אַז דאָס איז זיין פרוי גאָר!
האָט מען גינומען אים שלאָגין —
מיט יסורים האָבן זיי זיך קאָם אָפּגיטראָגין.
אַט אַזוי טוט דאָרט אַלע פאַר יום טוב פאַרפירן,
אַז די קלינגשטע טוט דאָרט דעם שכל פאַרלירן.
דערפאַר האָב איך דאָס אַלעס גינומען אָף זיך,
און איך האָב אַלעס אַריינגיבראַכט שטיל און גיך.
און איך האָב דעם חרוסת גישטייסן און דעם חריין גיריבן,
בין איך טאַקע אָן כּוחות גיבליבין.
נאָר קיין תירוצים גייען דאָ ניט אָן,
מי דאַרף ניט שטיין און מי דאַרף טאָן.
האָב איך די הסיבה־בעט גימאַכט
און וואָס גיכער אַלץ אַריינגיבראַכט.
גיזעצט זיך מיט דער אַלטיטשקער צום סדר
אַרוף גילייגט פון אויבן אויף די מצות אַלץ כסדר,
קידוש גימאַכט אויף דעם ערשטין כוס,
גיטרונקען נאָך דער מאָס.
אָפּגיזאָגט דעם הא לחמא עניא אין דער הויך,
און די אַלטיטשקע האָט גיהאָלפן אויך.
צו מה נשתנה זיינען מיר גיבליבן שטיל —
מיר האָבן גיקראָגן גאָר אַנאַנדער גיפיל:
מיר האָבן גינומען ביידע באַנאַנד
באַטראַכטן נאָך אונדזער פאַרשטאַנד,
באַ איצטיקע יאָרין
וואָס פון אונז איז גיוואָרין.
פון דעם טאָג פון גיבאָרין,

זיינען מיר שוין היפּס אָפּגיפאָרין.
אָפּגיפאָרין גאָר ווייט,
און מיר האָבין איבער די קינדער
ניט גיקראָגין קיין רוהיקע צייט.
יעדער קינד וואָש מיר האָבין גיהאַט,
איז ניט גיגאַנגגען גאָר גלאַט.
בלוט פאַרגאָסין,
אַריבער די מאָסין.
און וועגין טרערין
איז גאָר פאַרשפּאַרט צו קלערין.
ווען דעם קינד האָט נאָר וואָס גיטראָפין,
אַזוי האָט מען שוין ניט גיעסן און ניט גישלאָפן;
גיפאַסט תעניתים ווען דעם קינד איז גיוואָרין וואָס שלעכט,
און נאָך צוגעזאָגט תעניתים —
ווען ג׳ ב״ה וועט מאַכן דאָס קינד צורעכט.
נאָך איידער דאָס קינד האָט זיך אויף זיינע פיס גישטעלט,
אַזוי האָט אונז קיין צרה ניט גיפעלט:
פּאָקין, מאָזלין, ציינדלאַך, ביז מיר זיינען איבערגעקומען
האָבן מיר פיל צרות צו גינומען.
נאָך אַלע מלאכות
האָט זיך צוגיוואָרפן אַזוי פּראָסטע קדחות.
און ווען מי האָט שוין דערהאַרט אַ רוהיגע שעה אַ קלאָרע —
ניין אָבער — דעם קינד האָט זיך צובראָכן פון איין עין הרע.
איבער ניים גילייגט דעם לעבין —
און אַזוי צו יעדער קינד וואָס ג׳ ב״ה האָט גיגעבין
יעדער טאָג אַן אנדער קלאָג.
ביז וואַנען מיר האָבן זיי אויף גיצויגן,
זיינען אַרוים גיקראָכן די אויגן.
און אַלע וויטאָקין און אַלע שמאַרצין
ליגן נאָך ווי היינט טיף אין האַרצין.
און היינט אַז זיי זיינען שוין ב״ה גיוואָרין מענטשין
און מיר האָבן שוין ב״ה דערלעבט,

אַזוי האָבן זיי פון אונז אָפּגעשוועבט —
איינע פון די אַנדערע צווייט,
אין ווייטע ערטער פאַרשפּרייט.
איז גאָר דען ווען אַרויף אויף אונזער זינען,
אַז צום סדר זאָל זיך ביי אונז קיין איינער ניט געפינען!
זיינען מיר געבליבן אַזוי ווי ענדיקעס זיצן אָנגעבלאָזן:
ווי אַזוי איז באַ זיי רעכט געבליבן אונז צו פאַרלאָזן
אין אונזער געמיינעם אופן
האָבן מיר קיינעם ניט דערלאָזן פון אונז אָפּלייפן —
מיט אַזאַ אייגנשאַפט, ניט פאַר קיין יידן געדאַכט,
האָבן מיר אַלעם געטראָגן ווי עס האָט זיך געמאַכט;
ווי שלעכט — אַלעם רעכט.
זיך די אייגנשאַפט וואָס גרעסער,
אַבי דעם קינד וואָס בעסער.
און איצטער — אָי־ווי, אָי־ווי —
ווּ זיינען מיר — ווּ זיינען זיי!
נו, — אָבער די ליכט ברענט אויש,
און וואָס וועט פון דעם אַרויש?
צו אונזערע ליידין
וועט ניט נעמין קיין ענדע וויפיל מיר וועלין ריידין.
אַ ברירה האָט געהאַט מיין אַלטעצקע — די ברילן אָנטאָן —
און האָט גענומען זאָגין דעם מה נשתנה — אָבער אַזוי ווי זי קאָן.
טאַקע מיט אַ פיינעם טאָן.
בערך האָט דער מה נשתנה געטאָן היפּש געוועריז:
ווייל צו יעדער שבכל הלילות
האָט זיך איר אויף געעפינט אַן אַנדער קוואַל טרערין.
זיצנדיקערהייט און הערין,
האָב איך גענומען דערוויילע צו באַקלערין,
מיט וואָס פאַר אַ תירוץ זאָל איך פאַרענטפערין איר פראַגע,
און מיט אים זאָל אויסגעבעסערט ווערן איר לאַגע.
איז דען טאַקע דער עבדים היינו געקליידעט צו אַזוינע וואָפּראָסן.
מיך האָט אַ געפּטיקער שוויים דערוויילע אָפּגעגאָסן.

דאָך אָבער איז אַ מאַנספּערזאָן מיט אַנדערע מאָסין
האָב איך גיזאָגט: „הער, מיין לעבין,
מיר מוזן פאַרנעמען ווי ג׳ ב״ה האָט גיגעבין;
זיי גילאָסין, וועך באַרוט,
ווי גאָט ברוך הוא טוט
מוז זיין גוט.
ניט איצט איז אוף דעם אַ צייט.
היינטיקע נאַכט האָט ג׳ ב״ה די יידן באַפרייט,
אַזוי מוזין מיר אַלע זיין פיל צופרידין
וואָס ג׳ ב״ה האָט פון מצרים אוישגילייזט די יידן
און ער האָט מיט זיי גריישע חסדים גיטאָן,
און מיט דעם סוקינאַהאָ סינע סין
האָט ער זיך באַרעכינט אַזוי ווי ער קאָן.
און מיר האָבין שוין אַנ אַנדער מינע גיקריגין —
און דאַוואַי נעמען זיך פאַר דעם עבדים היינו
בקול ובניגין,
און אַזוי ווייטער און ווידער:
איך אין דער הגדה, און זי אין סידור,
ביז מיר זיינען גיקומען צי די אַרבעה בנים.
עפּעס איינער פון זיי האָט אוישגעוויזין מיט אַ שרעקליכין פּנים,
און ער האַלט מיטביידע הענט אַ גרוישין שטעקין.
האָבין מיר זיך דערשראָקין, אַז ער וועט אונז נעמין דעקין,
און די איבעריקע אַלע זיינע שכנים
וועלין זיי זיך נעמין צו אונז אַלע אינאיינעם.
האָב איך באַרעכינט: ניין, סי ניסט אַזוי!
און איך האָב אַרויס גישריען מיט אַ גרויס גישריי:
שאַט, שאַט, ניט מאַכט פון זיך אַזאַ טאַראַראַם;
איך האָב בה״ש אייגענע — אַ חכם, אַ רשע און אַ תם!
זיי האָבין דאָס באַנומין מיט אַ גיפיל
און זיינען גיבליבין שטיל.
אַזוי האָב איך גינומען זאָגין:
חכם מה הוא אומר.

זוסיא, מיין זון, וואָס זאָגסטו אויף אונזערע אושפּעכין?
אַנו, ניט שווייג און זאָג אין גיכין!
דו האָסט ניט גיוואָלט דינען,
האָסטו פאַר זיך אַ מיטיל גיפינען;
דו האָסט ניט גיוואָלט באַנעמען —
און דיינע אַלטע, שוואַכע עלטערין
צו לאָזן אַוועק און אוף וועמין,
אָן כוחות און אָן קרעפטין
באַ וואָסערע גישעפטין.
איך רעכין, אַז די נאַכט האָסטו גאָרניט וועגין דעם אי ניט גיטראַכט
און דו האָסט גיוויש גאָר פיין פאַרבראַכט —
איז ניט מיט דער הגדה —
דאָס איז טאַקע היינט אויש מאָדע —
איז מיט טאָוואַרישעס און מאַדמאַזועלין;
זיי זיינען גישוויש גיפעלין
און האָבין דיך גיטאָן צופרידין שטעלין.
און דער טאַטע מיט דער מאַמע אין צווייען —
מיט וועמען זאָלין מיר זיך פרייען?
דערנאָך געזאָגט — רשע מה הוא אומר.
חיים אברהם, וואָס זאָגסטו אויף אונזערע גליקין?
דו האָסט אונז גישריבן,
אַז דו וועסט אונז מער קיין בריוו ניט שיקין.
דו הונט! אַזוי ווי מיר האָבין זיך מיט דיר באַגאַנגען
מאַכסטו איצט אַזוינע משוגענע גאַנגען...
איך האָב דיר אויסגישריבין ווו מיר האַלטין אין דער וועלט —
האָט זיך באַ דיר דער טרוף גישטעלט.
איך האָב דיר גישריבין, אַז נאָך מיין פאַרדינען
קאָן זיך דיין פרוי באַ מיר ניט גיפינען.
איז וואָס מאַכסטו מיר פאַר אַ פּלאַנען —
אַז איך האָב פאַרט ניט פון וואַנען!
איך האָב איר וועגין דעם גישריבין,
איז זי אונז אַ גוטער פריינט גיבליבין;

איז זי טאַקע אַ קלוגע —
און דו ביסט משוגע!
איך האָב מיט דיר גאָר פיל צו ריידין,
נאָר ניט איצט איז אַ צייט זיי צו באַשיידין.
איך האָב נאָך גינוג וואָס צו טאָן —
וועט אויסקומען שפּעט צו עסין דעם אפיקומן...
דערנאָך גיזאָגט:
תם מה הוא אומר.
משה דוד, וואָס זאָגשטו אָפּ אונזערע אינטערעסין?
פאַרוואָס האָשטו אויף אונז פאַרגעסין?
דו האָסט זיך גימאַכט תמעוואַטע
און דו זאָגסט: וואָס איז אַזוי דער יחוס אַ מאַמע אַ טאַטע!
וואָלט איך ניט גיוועזן אויף דער וועלט,
וואָלט איך קיינעם ניט גיפעלט.
די וועלט וואָלט זיך אוישגיפירט ווי אָן מיר;
עס איז דאָ גינוג מענטשין גאָר אָן אַ שיעור.
און אַז איר האָט מיך אויף דער וועלט גיבראַכט,
האָט איר מיך שוין פאַר אַ מענטשין גימאַכט,
צי דען האָב איך אייך צו דעם גינייט?
נו, טאָ זייט אייך גיזונטערהייט:
זאָג איך אָבער צו אים: רעדסטו דען מיט אַ זינען?
טוט זיך דען אַ פאַרשטאַנד באַ דיר גיפינען?
אָן עלטערין וואָלט דאָך ניט גיוועזן קיין וועלט —
איז ניט נאָר דו איינער וואָלט גיפעלט;
איז דאָך אויף דעם גישטעלט
די גאַנצע וועלט!
אַ־נו, איך פרעג דיך אָן:
מיט דיינע קינדער ווי אַזוי האָסטו גיטאָן?
דו גיבסט זיי דאָך דאָרטן אין סקול (אייער לאַנד)
מענטשליכקייט צו אוזנאָען,
ווי אַזוי עלטערין פאַטשיטאַיען.
וואָס וואָלסטו זאָגין,

ווען דו וואָלסט פון דיין קינד אַזאַ אום־כבוד פאַרטראָגין?
דער שאינו יודע לשאול איז גיבליבין שטיין
פאַר זיך אַליין.
האָב איך מיט אים קיין שהיות ניט גימאַכט.
מיט פרעהס מכות ניט פיל פאַרבראַכט;
די מכות אוּף גיך אָפּגיגאָסין
אָן אַ וואָג און אָן מאָסין
און דעם רעכענונג — צי יעדער מכה
איז גיוועזן פון פיר צי פון פינף מכות, —
האָב איך באַ רבי אליעזר מיט רבי עקיבא ניט געמאָנט;
איך האָב זיך פאַרלאָזין אויף זייערע נאמנות —
גיוויינטלאַך האָבין זיי רעכענין גיקאָנט!
צו לפיכך האָב איך גינומען דעם כוס דעם צווייטין,
און די אַלטעצקע האָט גינומען צום טיש גרייטין;
און טאַקע דערלאַנגט אופין טיש
אוּף צי לאָכעס פרעהן — גוטע, פרישע פיש.
יאָ, די זאַלץ־וואַסער מיט די אייער,
האָבן מיר גיגעסין פרייער.
נו, קניידלאַך מיט פלייש ווייסט איר דאָך אַליין,
אַז אָן דעם קאָן דאָס ניט גיין!
דערנאָך האָב איך גיהייסן דער אַלטעצקער
דעם צווייטן כוס אָנגיסן,
און איך האָב מיט דעם אַפיקומן די וועטשערע פאַרביסין.
נאָך דעם בענטשין אויפגיעפינט די טיר,
גיזאָגט שפוך חמתך, דאָס הייסט:
פאַרגים דיין צאָרין אויף די פעלקער אָן איין שיעור.
איך טו אַ קוק — אליהו הנביא איז דאָ!
אַזוי האָב איך אַ גישריי גיטאָן: ברוך הבא!
איך האָב אים גידאַנקט וואָס ער איז גיקומען
און איך האָב אים זייער פיין צוגינומען.
איך האָב מיט אים פאַרבראַכט גאַנץ פיין,
און איך האָב פאַר אים גישטעלט אַ גוטע גלאָז ווייַן;

אזא ווײַן האָט ער גיזויש ניט גיטרונקען זיין גאַנצין לעבין —
כדאי — ווער וועט עס אים געבין!
קיינער וויל גאַרניט אוּף עפענין די טיר,
מי וויל אים גאָר ניט געבין, ניט אַ שמיר —
אַזוי האָט ער מיט מיר גירעט מיט גוטין.
איך זע אַז איך בין שוין גאָר מיט אים אַ נאָהענטער מחותן,
האָב איך צו אים גיזאָגט: הערט רב עליע,
גיזוינטלאַך וועט איר זיין אין געבין באַ מיינע קינדער,
ווייל אייך איז דאָך ניט ווייט;
איר קאָנט דאָך זיך איינקערן אוּף דער גאַנצער וועלט
גאָר אין איין קליינער צייט;
וועט איר מוחל זיין לאָזין זיי ווישין,
אַז דורך אייך לאָז איך זיי גאָר הארציק גירישין.
אָבער עס קען טרעפן אַז רב עליע וועט זיך מאַכין
איין אַנדער מאַרשלוט,
איז דאָך טאַקע גאָר ניט גוט!
לאָז איך אייך אַלעמען אַליין צו גערישין —
און טאַקע נאָך אַלעמען אַפילו זוסיען מיט באָרישן...*
...נב, מיינע ליבע קינדער, איך פויל זיך שוין מער צו שרייבין:
מיך פאַרדריסט אַזוי אויך אַזויפיל צייט צו רייבין.
אַזוי הער איך אוּף צו בילין,
און איך נעם זיך פאַר דעם ערב תבשילין.
און איך בענטש אייך מיט אַ גליקליכין לעבין,
און אַלעם גוטעס זאָל אייך ג׳ ב״ה געבין,
מיט אַלעם גוטעס זאָלט איר זיך פרייען,
און איר זאָלט ניט פאַרגעסן אוּף אונז צווייען.
מיר פאָדערן ניט פון אייך קיינע גליקין,
נאָר בריפעלאַך זאָלט איר אונז שיקין.
אַ גוטער יום טוב, אַ גוטער יאָר —
און מער גאָר!

---

* מיינע צוויי פלימעניקעס.

דער דלות

אַפילו עס איז ניט כדי די צייט צו רייבין,
קאַטאַוועס צו טרייבין,
נאָר עס איז זייער אינטערעסנע צו באַשרייבין:
עס איז שוין דערינען געוואָרין
היפּש עטליכע יאָרין,
אַז דער דלות איז גיקומען אין מענאַ
און פאַרמאָגט ניט קיין צעבראָכענעם שאַ *
און האָט זיך פאַר אַ גאַנצן אורח פאַרשטעלט
און מיך האָט ער דעם ערשטין ניט גיפעלט.
ווי ער איז נאָר גיקומען,
האָט ער זאַך פאַר מיר ניט נאַרעש גינומען.
פון אָנהויב אָן,
האָט ער מיר אָנגעהויבין פּאַקאָסטין צו טאָן:
גיבראָכין, גישטאָכין,
פאַרגאָסין, פאַרשאָטין,
אַזוי ווי אימיצער וואָלט אים גיבאָטין.
ניין, עס וואָלט מיר ניט גיוועזן אַזוי גרויש דער פאַרדראָס,
ווען איך זאָל כאָטש וויסן
פאַר ווען און פאַר וואָס
דער מאָט, דער פלוט,
ער רוט ניט אַ מיניט,
נאָר ער טאַנצט און שפּרינגט אַרום,
ער איז ביי מיר אומעטום:
ער איז אין הויז, אין שטאַל, אין קלייט
ער פוילט זיך ניט און גייט,
ער לאָזט ניט דורך אי איין אָרט,
נעבּיי יעמו טשאָרט,

---

* שאַ — אַ האַלבער גראָשן.

אַן ערך וואָס איז אים דערפון,
אַז מי טראָגט אַרויס דער בהמה
די פּאָילע אין אַ טשיהון?
איז ווי מי האָט נאָר פאַרגעסין
צו היטן די מינוט, וואָס די בהמה האָט אָפּגיגעסין
אין אַ גוטער שעה —
דער טשיהון איז שוין ניטאָ!
זוך היינט, זוך מאָרגן,
מי דאַרף שוין אַן אַנדערן באַזאָרגין.
ווען איך קויף פאַר דער בהמת היי,
אָדער אויף הייצין שטריי,
אַזוי לאָזט ער אָפּין די שטאָל.
דברים אחרים מאַכין אַ גאַנצין פּריוואַל,
און עס גייט אַוועק אין כף הקל...
פּסחדיקע פּאָסודע ווען איך טו נאָר פאַרגרייטין
פון איין יאָר אָפּין צווייטין —
אַזוי טוט ער מיך באַלייטין:
עס טראָגין אים שיידים
צו די פּאָסודע אָפּין ביידים.
מי חאַפּט זיך איבער אַ יאָר —
מי דאַרף צוקויפין האַלב אָדער גאָר.
איך זאָג אייך — עס איז פשוט צו שרייבין אין די גאַזעטין...
איך האָב אַנומאָלט גידאַרפט פון דער היים אָפּטרעטין,
האָב איך אַ טראַכט גיטאָן אין דער גיך:
איך וועל גאָר נעמין דעם דלות מיט זיך.
אפשר וועט ווערין אין דער היים אַ ליכט אין די אויגין.
אַז עס וועט גאַנץ זיין וואָס מי וועט שטעלין
און וואָס מי וועט לייגין.
און אפשר, דער פּרא אָדם, דער שוטה,
וועט זיך פאַרקוקן אָף די דאָמען די גרוישע, די רייטע,
וועל איך עס גאָר מאַכין די פּליטה.
גיוויינטליך די עטליכע טעג

וואָס איך בין גיוועזן אין וועג
האָב איך גילידין יסורים גאָר אָן אַ ברעג.
אָבער איך בין געווען צופרידן מיט דעם גליק
וואָס אין דער היים וועט גישעהען —
אַז מי וועט דעם דלות אין די אויגן ניט זעהען.
און ווי איך בין געקומען צוריק,
אַזוי האָב איך גינומען באַזוכין מיין גליק.
ערשט איך האָב דערוויסט אין אַלמער די פּאַסודע שטייען
יעדער טעלער און גלאָז אויף צווייען:
די סאַכערניצע אָן אַ דעק,
די בהמה מיט אַ צירימענעם עק,
די וואַסער-דייזע אָן רייפן —
הכלל, מי מוז אַלעם פון דאָס ניי קויפין.
האָב איך צו אים גיזאָגט:
— גוואַלד, ברודער, דו ביסט דאָך ערשט מיט מיר
אַריין אין טיר;
אין דער איין מינוט
האָסטו זיך איספּראַוועט אַזוי גוט!
זאָגט ער: נאַר, אומזיסט האָסטו נחת גיקליבין:
איך בין לכתחילה אין דער היים גיבליבין,
איך האָב זיך אי פון אָרט ניט גירירט.
דאָס האָסטע גאָר מיין שותף דעם שלים-מזל
מיט זיך גיפירט.
נו, מיינע פריינד,
וואָס זאָגט איר היינט —
טאָמער האָב איך גיוואָלט דער דלות זאָל פון מיר אַראָפּ —
נאַ דיר נאָך אַ שלים-מזל אויף מיין קאָפּ!
איך האָב גיזעהען מענטשין גיין באָדין זיך אין טייך,
בין איך אויך גיגאַנגען מיט אַלעמען גלייך.
אַלע נאַקעט, אַלע הייל,
קלער איך זיך: גוט זוייל!
איך וועל זיך צווישן

אלעמען פאַרמישין,
וועל איך מער פון זיי ניט וויסין.
ערשט ווי איך האָב זיך אָנגיהייבין אָנצוטאָן,
אַזוי זיינען זיי לעבין מיר אבערניים קאָן!
איך האָב שען גיפּרוּווט אַ פּאָר וואָכין
ניט הייצין, ניט קאָכין,
טאָמער וועלין זיי ווערין פון מיר צוקראָכין.
איז כאָטש גיב זיי אַ גישוויר —
און זיי גייען ניט אַוועק פון מיר,
און ג״ב״ה ווייס ווי לאַנג עס וועט זיין דער שיעור!

*

איך האָב ביז איצט גערעדט כמעט נאָר וועגן מיין טאַטן, און וואָס איז וועגן מיין מאַמען?

מיין מאַמע איז געווען ווי אונדזערע טויזנטער און טויזנטער אַנדערע געטרייע מאַמעס אין די קליינע שטעטלעך און אין די אָרעמע הייזער, וואָס האָבן זיך געבריה׳ט צו פאַרשטעקן דעם דלות.

דער טאַטע מיט זיין מלמדות און זייטיקע מלאכות האָט געבראַכט ווייניק מזל ברכה, האָט זיך די מאַמע געסטאַרעט זיך אַן עזר כנגדו, ווי מען זאָגט, האָט געפּרוּווט באַקן קיכלעך צו פאַרקויפן אויפן מאַרק. האַלב פון זיי פלעגן אַרויסקומען אָדער פאַרברענט אָדער צעבראָכן, און זי פלעגט זיי אַוועקגעבן דעם טאַטנס תלמידים, וואָס האָבן זיך גאָר מחיה געווען...

ווינטער־צייט האָט זי „געהאַנדלט״ מיט גענדז. פלעגט זי פאַרשטייט זיך, מיט איר גרויס קאַפּיטאַל, איינקויפן מאָגערע גענדז, און געהאָפט, אַז זיי וועלן ביי איר בקרוב פעטער ווערן. און מיין שוועסטער עלקע־ברכה, וועלכע איז געווען קענאַרע אַ באַלייבטע, האָט די גענדז „פאַרוואָרפן״. וואָס הייסט „פאַרוואָרפן״? זי האָט זיי אַריינגעזעצט אין שטייג, און בשעת מעשה זיך אָנגענומען ביים ווייכן טייל פון איר לייב, און געזאָגט דערביי אַ שפרוך: „אַזוי פעט ווי איך בין אויפן לייב, אַזוי זאָלט איר זייך״! האָט אָבער דער שפרוך אַפּנים זייער ווייניק וואָס געהאָלפן. די גענדז האָבן נעבעך זייער געצייטיקט זיך אין פראָסע, און פראָסע קאָסט געלט, און קיין

געלט איז ניט געווען. דערפאַר טאַקע חנוכה־צייט, ווען די מאַמע האָט „געמאַכט“ די גענדז און אין אַ קאַשיק עס צעטראָגן צו די רייכע באַלע־באָסטעס, האָבן זיי זיך געוויצלט: באַשינקע, זאָלט איר געזונט זיין, עפּעס זיינען אייערע „אַבדירקעס“ זייער אַראָפּגעפאַלן ביי זיך, און וואָס זיינען זיי אַזוי בלוי? איר האָט זיי געבאָדן אין טינט? דער מאַמען האָט זיך שוין גאָר ניט געלאַכט, ניט איין מאָל האָט זי געבראַכט עטלעכע „אַבדירקעס“ צוריק אַהיים, און אירע הענט און פּנים זיינען געווען שוואַרצער און בלויער ווי אירע „אַבדירקעס“...

✶

זאָל דאָס וואָס איך פאַרעפנטלעך דאָ פון מיין פאָטערס כתבים און מיינע עטלעכע ווערטער דינען אַלס מצבה אויף מיינע טייערע, ניט־פאַרגעסענע עלטערן.

✶

יאָ, וועגן מיין טאַטן האָב איך פאַרגעסן צו דערמאָנען, אַז צו אַלע זיינע קענטעניש, האָט ער אויך געקאָנט זיין אַ שניידער, געניית פאַר זיך און פאַר די קינדער. איך זאָג געניית, און מיינען מיין איך, „געניטשעוועט“. איך ווייס אַליין ניט וויפל מאָל ער האָט זיין קאַפּאָטע איבערגעניטשעוועט. עס איז געוואָרן אָפּגעטראָגן, האָט ער עס איבערגעקערט אויף דער אַנדערער זייט. ווען די אַנדערע זייט איז שוין געוואָרן צו פיל אָפּגעטראָגן, האָט ער עס ווידער איבערגעקערט אויף דער ערשטער זייט, און ווען ער האָט עס שוין מער ניט געקאָנט איבערניטשעווען, האָט ער מיר געמאַכט אַ פּאָר הייזלעך פון דעם, און אַז די הייזלעך זיינען זיך צעפאַלן, האָט ער מיר געמאַכט פון דעם אַ היטל. טאַקע ווי אין פאָלקס־לידל זינגט זיך:

> „האָב איך מיר אַ קלייד פון פאַרצייטיקן טוך,
> איז אין דעם ניטאָ קיין לעבעדיקער דוך“...

איך פלעג זיך שטענדיק אַרומדרייען אַרום דעם טאַטן, און וואָס נאָר ער האָט געטאָן, פלעג איך ווי אַ מאַלפּע אים נאָכטאָן. די ווענט אין שול זיינען געווען פאַרהאָנגען מיט הפטורות און ראש־חודש־בענטשן, וואָס ער

האָט געמאַכט מיט גרויסע געדרוקטע אותיות פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון די מתפללים, האָב איך עס זייער געשיקט אים נאָכגעמאַכט. ערב פסח פלעג איך מיט אים גיין קויפן שמירה און ווייַן פאַר אַרבע כוסות, צום טייך טובלען די נייַע גלעזער, וואָס ער האָט איינגעקויפט לכבוד פסח, אָבער זייער דערהויבן האָב איך זיך געפילט, ווען דער טאַטע האָט געבויט די סוכה.

דער גבאי ר׳ משה יאפע האָט איבערגעבויט זיין הויז, האָט ער דעם טאַטן אַוועקגעגעבן אַ טיר, אַ פּאָר פענצטער און עטלעכע ברעטער. פלעגט ער עס באַהאַלטן פון יאָר צו יאָר, און דערפון בויען די סוכה, פאַרשטייט זיך מיט מיין הילף.

די סוכה איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אין גאַנצן אָן טשוועקעס, ער פלעגט עס זייער קונציק צוזאַמענפלעכטן מיט שטריקלעך. פאַר קראָקוועס צום דאַך האָבן געדינט די שטעקנס פון שוין אַראָפּגעקליבענעם טאַבאַק, וואָס איז געוואַקסן אין אַ גרויסן גאָרטן הינטער אונדזער הויז. מיינע שוועסטער האָבן אויסגעשאָטן געלן זאַמד אויפן דיל און ס׳איז געווען שוין אין מאָל אַ סוכה! קיינער פון אונדזערע שכנים האָבן זיך מיט מיין טאַטנס סוכה ניט געקענט פאַרגלייכן און פלעגן קומען צו אונדז אין סוכה אויף קידוש. ווען איך בין שוין עלטער געוואָרן און געלערנט אין חדר, האָב איך זיך גאָר ניט געוווּנדערט ווי אַזוי שלמה המלך האָט געבויט דעם בית המקדש אָן אייזן און אָן טשוועקעס, ער האָט עס מסתמא צוזאַמענגע־פלאָכטן מיט שטריקלעך אַזוי קונציק ווי מיין טאַטע — די סוכה...

*

דרייצן קינדער זיינען מיר געווען ביי אונדזער טאַטע־מאַמע. איייניקע האָבן שוין חתונה געהאַט און אַליין געהאַט קינדער, איייניקע זענען גע־שטאָרבן נאָך איידער איך בין געבוירן געוואָרן. מיינע טאַטע־מאַמע האָבן מיך געהאַט אין פיאַטע, ווען איך, דער צוועלפטער, בין געבוירן געוואָרן און זיך צעשריען אויף קולי קולות. נאָך מיר איז נאָך געווען אַ דרייצנטער, יואל האָט מען אים גערופן. ער איז געשטאָרבן צו זעקס חדשים. איך געדענק אים אַפילו ניט, ווי איך געדענק ניט מיין ברודער הילים, וואָס איז גע־שטאָרבן נאָך גאָר אַ יונגער מאַן, אַ סטאָליער איז ער געווען, און איבער־געלאָזט אַ יונגע פרוי מיט צוויי קליינע קינדער.

די מאַמע פון די קינדער, מיין שוועגעריך, איז געווען פון קליינעם ווּקס, גאַנץ שיין אויפן אויסזען און זייער אַ קורצזיכטיקע. איין מאָל, ווען זי האָט געדאַרפט אויפהענגען אַ ברענענדיקן לאָמפּ אויף דער וואַנט, און אויף דער וואַנט איז גראָד געשטאַנען אַ פליג, האָט זיך איר אויסגעדוכט אַז עס איז אַ טשוואַק, און אויף דעם „אויפגעהאַנגען" דעם לאָמפּ. איז עס אַפּנים פאַר דער פליג געווען אַ ביסעלע צו־שווער, און מיר זיינען אַלע שיער אַוועק מיטן פייער... אָבער ווי געזאָגט, דעם ברודער געדענק איך ניט. ווי דורך אַ נעפּל געדענקט זיך מיר נאָר, ווי מענטשן זיינען געקומען אין הויז דאַוונען מיט אַ מנין, און דער טאַטע האָט קדיש געזאָגט...

בלויז איינער פון די מתפּללים האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון. ער פלעגט מיר אַלע טאָג ברענגען שפּילעכלעך, מיך נעמען אויף די הענט און מיר קניפּן די בעקלעך. אַזוי האָט ער שוין מיך ניט אָפּגעלאָזט ביז איך בין אונטערגעוואַקסן.

יאַנקל דער גאָלדשמיד האָט מען אים גערופן. אַ גענעראַל מיט אַן אַרמיי איז ער געווען. די אַרמיי — „חברה תהילים". טאָמער איז אין שטאָט געווען אַ חולה מסוכן, האָט ער ניט געשוויגן, ער איז דאַרט גלייך אויסגעוואַקסן מיט זיין אַרמיי תהילים־זאָגער, „געשפּאָלטן הימלען" און ממש מחיה מתים געווען. שבת ביי טאָג פלעגן זיי זיך פאַרזאַמלען אין דער אַלטער שול, זיך באַוואָפנט מיט תהילימלעך, און יאַנקלס אומעטיקע שטימע האָט זיך די ערשטע צעקלונגען: „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים", און זיין אַרמיי האָט אים נאָכגעפאָלגט ווי אַ גוטן קאָמאַנדיר. אַלץ האָט ער געקאָנט טאָן, דער יאַנקל! מען פלעגט צו אים ברענגען „אויסוויַיסן" קופּערנע טעפּ, קוואַרטן, סאַמאָוואַרן. בעיקר פּסח־צייט, האָט ער געדאַרפט האָבן צען פאַר הענט. היינט שלעסער פאַרריכטן, שאַרפן שערן און מעסערס, אַפילו זייגערס האָט ער געקענט פאַרריכטן!

די פענצטער פון זיין שטוב האָבן אַרויסגעקוקט צו דער מאַרק־גאַס. אין איינעם פון די פענצטער איז געווען אָנגעוואָרפן און מיט שטויב פאַרדעקט פון וואָס נאָר אַ מויל קען אויסרעדן, און איבער דעם אַלעם האָט אויף אַ ספּרונזשינע זיך געהוידעט אַרויף און אַראָפּ אַ פאַרצעלייען מענטשעלע, וועס האָט אַ מאָל מסתמא געהאַט אַ נאָז...

קיין צוויי געראַטעענישן אין הויז קאָנען אָבער אַפּנים ניט זיין, וואָרעם אַט ווי ער האָט זיך צו אַלץ אויסגעטויגט, האָט ער געהאַט אַ ווייב, שרה־

ציפורה, האָט זי געהייסן, איז ווי פלעגט מיין מאַמע זאָגן, ווען זי האָט געוואָלט דערמאָנען „יענעם צום גוטן“: „זאָל מען איר דאָרט אָנצינדן די האָר, ווען זי האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן“ — איז דאָס געווען שוין אַין מאָל אַ בריה! געגנוג צו זאָגן אַז אַנשטאָט שמידן גאָלד, האָט יאַנקל דער גאָלד־שמיד גאָר געדאַרפט מיט אַ האַנטעך זיך פאַרבינדן די לאַנגע באָרד, בעת ער קנעט די דייזשע ברויט, כדי ניט אַריינצוקנעטן די באָרד אין דער ראַשטשינע... און טאָמער האָט ער איין מאָל זיך פאַרלאָזט אויף איר, זי זאָל אים אָפּקאָכן אַ זופּ מיט קישקעס, האָט זי אָפּנים פאַרגעסן זיי אויס־רייניקן, און ווען זי האָט אים מכבד געווען מיטן מאכל און ער האָט עס נאָר פאַרזוכט — האָט ער אַ ברייטן שמייכל געטאָן און געזאָגט: הערסטו, שרה־ציפורה לעבן, וואָס מיר איז איינגעפאַלן? לאָמיר בעסער דעם זופּ אַריינגיסן אין דער „פּאָמאָיניצע“ פאַר דער ציג. אַ לעבעדיק באַשעפעניש, זאָל זי אויך אַ מאָל הנאה האָבן פון עפּעס רעכטס...

✶

זע נאָר, איך האָב געטראַכט בלויז צו פאַרצייכענען עטלעכע עפּיזאָדן פון מיין לעבן אָט גלאַט אַזוי, צוליב צייט־פאַרטרייב, און ביסלעכווייז ווערט עס אַ גאַנצע אַרבעט, און אַז עס ווערט אַ גאַנצע אַרבעט, ווען עס דאָך אַ מאָל אפשר אָפּגעדרוקט ווערן, און אַז עס ווען אַ מאָל אָפּגעדרוקט ווערן, וועט עס דאָך מסתמא האָבן „לעזער“ בעט איך דאַרום דעם „ליבן לעזער“ מיר מוחל זיין, וואָס איך שלעפּ אים אַוועק פון שיף אויף זייטיקע וועגן. איך פאַרזיכער אים, אַז איך וועל אים מיט גאָטס הילף ברענגען בשלום צוריק צו דער שיף, און דערווייל לאָמיך אים באַקענען מיט נאָך אַ ברודער מיינעם, וואָס האָט געהייסן משה־דוד, אויך אַ סטאָליער. אים געדענק איך שוין יאָ, איך בין אַלט געווען אַ יאָר פינף, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן.

שיין איז ער געווען „ווי זיבן זונען“, אַזוי האָט די מאַמע געזאָגט, און שפּעטער מיט אַ יאָר נאָך זיין אָפּפאָרן, ווען פון אים איז אָנגעקומען אַ „פּאָרטרעט“, האָט ער טאַקע, וואָס איז שייך צו זאָגן, אויסגעקוקט ווי אַ „פּאָלנער מאַנאַרך“, און דער מאַנאַרך האָט ניט געהאַט קיין סימן פון קיין באָרד, און דער טאַטע האָט זיך געשעמט ווייזן דעם פּנים פאַר מענטשן גלייך ווי מען וואָלט אים זיין אייגענע באָרד אָפּגעגאָלט. צום אומגליק איז

נאָך אויף דער לינקער זייט פון בילד, געווען אויסגעמאָלן צווי פרויען מיט גריכישע פּנימער, און זייערע לייבער זיינען געווען איינגעהילט אין זייער דורכזיכטיקע טיולן. הכלל, אין שטאָט האָט זיך אַרויסגעלאָזט אַ „סלוך", אַז משה־דוד אפרים־יצחקס זון, מיט אַן אָפּגעגאָלטער באָרד, האָט זיך פאָטאָגראַפירט מיט צווי הוילע פרויען! האָט זיך עס אַ ביסל געטאָן!

הקיצור, ווייסן מיר שוין, הייסט עס, אַז מיין ברודער משה־דוד איז אַ סטאָליער. אַכצן יאָר איז ער אַלט געווען ווען זיין באַלעבאָס האָט אָנגענומען אַ באַשטעלונג צו בויען אַ קירך אין אַ דערבייאיקן דאָרף. זיי פלעגןביידע זונטיק פאַרטאָג אַרויסגיין אין דאָרף, און קומען צוריק אין אַ וואָך אַרום, פרייטיק פאַרנאַכט.

אין איינעם אַזאַ פרייטיק פאַרנאַכט איז משה־דוד געקומען אַהיים און געזאָגט דער מאַמען: מזל־טוב דיר, מאַמע, איך בין געוואָרן אַ חתן; און ווען די מאַמע האָט אַ דערשטוינטע געענטפערט: מיט מזל זאָל מען לעבן, און ווער איז די כלה? האָט ער געענטפערט: העשע־ליבע יאַניע דעם אושנערס (אושניע האָט געהייסן דאָס דאָרף, ווו זיי האָבן געמייסטרעוועט) די מאַמע האָט קיין צייט ניט פאַרלוירן און אויפן אָרט געחלשט, אָבער טאַקע געחלשט ממש. און ווען מען האָט זי אָפּגעגאָסן מיט קאַלט וואַסער און זי אָפּגעמינטערט, האָט זי זיך מיישב געווען און ווידער אַ מאָל געחלשט... וואָרעם געווען איז העשע־ליבע אַ מויד קרוב צו דרייסיק, און אַ ביסל סוטולאָוואַטע, דאָס הייסט אַ חשד אויף אַ האָרב, זיינען אירע אַקסלען געווען כמעט גלייך די הויך מיטן קאָפּ. די שפּיציקע נאָז איז איר שטענדיק געגאַנגען אין פאָרויס, און דער קאָליר פון פּנים איז ביי איר געווען אַ ביסעלע גרינלעך...

דאָס איז געווען די איינציקע יידישע פאַמיליע אין דאָרף. איז דאָך פאַרשטענדלעך, אַז מיין ברודער מיט זיין באַלעבאָס זיינען ביי זיי געשטאַנען קוואַרטיר. האָט זי, העשע־ליבע הייסט עס, געמאַכט פאַר מיין ברודער פאַרשידענע פּאָטראַוועס, אים אויסגעצייט אַ העמדל פאַ „אוקראַינסקאָמו", „פּאָדשטאַניקעס" און אונטערהעמדער אים אַפילו געמאַכט, און ועל כולם אים געקויפט אַן אמתן גאָלדענעם זייגער מיט אַ קייט, און מיט אָט דעם זייגער מיט דער קייט האָט זיך די כלה אָנגעהאָנגען אויפן חתן...

איך רייס איבער דאָס שרייבן, ווייל די שיף וואַרפט זיך ווי אין אַ קדחת.

אויף דער שיף קיין אַמעריקע

דעם 3טן דעצעמבער, 1911.

„אַט מוז זי זיך לייגן, אַט מוז זי זיך שטעלן,
אַט טרייבט עס צוריק איר, אַט טרייבט עס פאָרויס.
אַ שפּילכל איז איצטער די שיף ביי די וועלן,
זיי שלינגען זי איין, און זיי שפּייען זי אויס".

(מאָריס ראָזענפעלד, „אויפן בוזים פון ים")

פאַלש און פאַרפירעריש איז דער ים!
ווען די שיף איז געשטאַנען פאַראַנקערט
אין ברעמען האַפן,
איז ער געווען קוצעניו־מוצעניו,
אַן אמתער תם.
געגלעט און געקושט די שיף
אויף ביידע באַקן.
געוויגט זי אַרויף און אַראָפּ,
ווי אַ מאַמע האָצקעט מיט צערטלעכקייט איר קינד
אויפן נאַקן.
נאָר אין געציילטע עטלעכע טעג,
ווען די שיף האָט זיך דערוויטערט
אַ פינף־זעקס הונדערט מייל פון ברעג —
האָט ער זיך עס צעירגזנט,
האָט ער עס זיך צעשטורעמט!
ווילדע וואַסער־בערג
אַריבער די מאַסטן געטורעמט.
הימל און וואָלקנס האָבן מיט אים

יד־אחת געמאַכט,
און עס איז געוואָרן
איין גרויסער שוידער,
איין גרויסע שרעק,
ווי די וועלט וואָלט געקומען צו אַן עק.
די דייטשן האָבן אַ געשריי געטאָן:
„אַלעס אַרונטער״!
פאַרהאַקט אַלע טירן, פענצטער,
אויף זייערע שלעסער,
און מיר שווימען אין אַ וואַסערדיקן גיהנום,
אַזוי צעווילדעוועט
האָט נאָך קיינער געזען אים.
און געדאַכט האָט זיך,
אַז מיר געפינען זיך אין נחס קאַסטן,
און עס וועלן ניט העלפן
ניט קיין תפילות, ניט קיין פאַסטן!
„די פענצטער פון הימל האָבן זיך צעעפנט״,
און דער מבול האָט זיך אַרונטערגעלאָזט,
און גיין, וועט שוין אַזוי גיין, דער מבול,
פערציק טעג מיט פערציק נעכט,
ווי אין חומש שטייט געשריבן.
און ווער ווייס ווי לאַנג עס וואָלט
אַזוי נאָך פאַרבליבן,
ווען אַ פּאָר יידן קומען ניט צום שכל
און תהילים זאָגן גענומען.
און גויים עטלעכע האָבן זיך צעצלמט
און „נאַ פּאַמאָשטש״ (צו הילף) זיי געקומען —
און דער שטורעם האָט זיך אונטערגעגעבן.
און אַז דער שטורעם האָט זיך אָפּגעשטעלט
האָט ווי אויפגעשיינט אַ נייע וועלט,
און ים און הימל האָבן זוניק זיך צעשמייכלט:
נאַרישע קינדער וואָס איר זייט,

וואָס האָט איר זיך אַזוי דערשראָקן
און געוואָרן אַזוי בלאַס?
מיר האָבן בלויז אַ שטיף געטאָן,
געמאַכט אַ ביסל שפּאַס.

✶

יאָ, איז ווו זשע האַלטן מיר? ביי מיין ברודער משה־דוד. די מאַמע האָט געקערט וועלטן, אַז זי וועט צום שידוך ניט דערלאָזן, סיידן איבער איר טויטן קערפּער, אָבער דער טאַטע איז געגאַנגען מיט אַן אַנדערן דרך: אַלץ איז ביי אים געווען פון גאָט. אַפילו ווען עס איז ניט געווען מיט וואָס שבת צו מאַכן, און געטראָפן האָט עס גאַנץ אָפט, פלעגט ער זאָגן: מסתמא וויל גאָט אַזוי, אים זאָגט מען ניט ווי, וואָס, ווען.

געוווּינט האָט לעבן אונדז אַ שכנה, פלעגט זי זאָגן: „זאָל איך פאַר־קרענקען וואָס גאָט גיט מיר; וואָס מיין מאַן גנבעט ניט, האָב איך ניט". און כאָטש מיין מאַמע וואָלט, חלילה, אַזוינס ניט געזאָגט, האָט זי זיך פון דעסט וועגן אין גאַנצן אויף גאָט ניט פאַרלאָזט און שוין ביי עמעצן געליען אָדער געבאָרגט אויף שבת. אָבער ווען דער טאַטע האָט געזאָגט מיטן האַרבן וואָרט: באַשע, ס'איז מסתמא אַ גאָט־זאַך, גאָט איז מזווג זיווגים און אים טאָר מען קיין דעות ניט זאָגן — האָט זיך די מאַמע שוין געמוזט אונטערגעבן.

הכלל, זיי האָבן מיט מזל חתונה געהאַט, אַריינגעצויגן זיך צו טאַטע־מאַמע אין נאַסן קעלער, ווו פון די ווענט האָט ממש געררונען, דאָ האָט ער געמאַכט זיין סטאָליאַרנע מייסטערסקאַיע, דאָ געהאַט צוויי קינדער, אַ יינגל מיט אַ מיידל, און אין קורצן נאָך דעם איבערגעלאָזט דאָס ווייב מיט די קינדער ביי אונדז, אויף דערווייל הייסט עס, און — לאָנדאָן, זיי גרייט! משה־דוד ר' אפרים יצחק דעם מלמדס זון לאָזט זיך צו דיר פאָרן!

מיין שוועסטער שפרה שרה

ביז איצט האָב איך פאַרגעשטעלט מיינע ברידער. מען קאָן דאָך אָבער די שוועסטער אויך ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט, דער עיקר מיין שוועסטער שפרה שרה, וואָס ביי מיין פאָרן קיין גאַלוועסטאָן און ניט קיין ניו־יאָרק, שפּילט זי זייער אַ היפּשע ראָל.

זי איז געווען זייער אַן אַרבעטזאַמע, דער חן און די גוטסקייט איז איר געלעגן אויפן פּנים. וואָס זשע טוט אַזאַ מיידל ביי אָרעמע עלטערן? גייט מען אויף אַ „שטעלע", אין פּראָסטן יידיש — אַ דינסט.

צוויי סטאַנציעס אַוועק פון אונדזער שטאָט, אין אַ גרויסן, רייכן דאָרף, האָט געוווינט אַ יידישע פאַמיליע, די „לאַנצוסקיס". זייער פיינע איידעלע מענטשן און גאַנץ פאַרמעגלעך דערצו, און צו זיי איז מיין שוועסטער אַוועק „דינען".

זי האָט זייער אויסגענומען ביי אירע באַלעבאַטים. און די באַלעבאָסטע אירע, חייקע לאַנצוסקי, האָט זיך פון צייט צו צייט דורכגעשריבן מיט מיין טאַטן און ער איז גאָר נתפּעל געוואָרן פון איר שיינעם „פּאָטשעראָק" און די העברעיִזמען, וואָס זי האָט באַנוצט אין איר שרייבן.

מיין שוועסטער האָט קוים געקאָנט אָנשרייבן אַ יידישן בריוו, און ניט מיט וויניק גרייזן. זי האָט אָבער פאַרמאָגט אַן איינגעבוירענע איידלקייט און אינטעליגענץ, שמרס און בלאַשטיינס ראָמאַנען האָט זי „זאָ פיל געלעזען", און אַלע וואָס פלעגן אַריינגיין צו די לאַנצוסקיס אין הויז, האָבן געזוכט איר באַקאַנטשאַפט. אין הויז איז זי געווען פאַררעכנט ווי איינע פון דער פאַמיליע.

איר „אידעאַל" איז געווען: ער מעג זיין אַן אָרעמער בחור, אַבי אַ געבילדעטער. און אָט דער אָרעמער אָבער געבילדעטער בחור איז געקומען גלייך אין הויז אַריין ווי אַ לאָשעק אין שטאַל. אירע באַלעבאַטים האָבן געהאַט צוויי קליינע קינדער, האָבן זיי אים גענומען אַלס לערער פאַר זיי. ער איז געווען פון זעלביקן שטעטל, צוואַנציק יאָר אַלט, און געבילדעט —

סכנות נפשות! דייטש, יידיש, העברעיש, רוסיש איז דאָך אָפּגערעדט, היינט האָט ער געשפּילט פליײט, געהאַט אַ פיינע שטימע צום זינגען — מיט איין וואָרט, אַ „יכלער״, אַ קענער.

חיקע לאַנצוסקי האָט שוין געזען אַז עס זאָל זיין אַ שידוך און סאָניע, שוין ניט שפרה שרה, איז געקומען אַהיים אונדז אָנזאָגן די בשורה.

ס'איז שטענדיק געווען אַ יום־טוב ווען סאָניע איז געקומען אויף אַ פּאָר וואָכן אַהיים צו גאַסט. מיר האָבן זי אַלע זייער ליב געהאַט, און דער טאַטע, וואָס איז געוויינטלעך ניט געווען זייער צוגעלאָזט צו די קינדער, האָט זיך מיט איר זייער פאַרנומען און מיט פאַרמאַכטע אויגן זיך צוגעהערט צו די נייע אוקראַיִנישע לידער, וואָס זי האָט געבראַכט פון דאָרף און זיי זייער האַרציק זינגען. אַ מאָל פלעגט ער אַפילו מיטזינגען מיט איר.

זי פלעגט ניט קומען מיט „ליידיקע הענט״. איר באַלעבאָסטע פלעגט מיט איר שיקן פּאָר אונדז פון כל טוב, דאָס מאָל האָט זי געשיקט אַן אמתן לעבעדיקן אינדיק! איז דעם יחסן, דעם אינדיק, אַפנים ניט אָנגעשטאַנען זיך צו חברן מיט די הינער, וועלכע זיינען אַרומגעלאָפן איבערן הויז, האָט ער פאַרהויבן און צעלאָזט דעם עק מעשה פּאַווע, אַרונטערגעלאָזט די פליג־לען, זיך אָנגעבלאָזן, געשפּרייזט פּאַוואָלינקע אַהין און צוריק איבערן הויז און געמאַכט אַזוינע מאָדנע קאָמישע אָנשטעלן, אַז מיר האָבן זיך זייער צעלאַכט.

ווי פריער ערגעץ דערמאָנט, פלעגט מיין טאַטע שרייבן בריוו פאַר מענטשן, וואָס האָבן אַליין ניט געקענט שרייבן. דערפאַר האָט מען אים באַצאָלט אַ מאָל מיט מזומן און מערסטנס מיט אַ פּעקל טאַבאַק אָדער אַ פּעקל ציגאַרעטלעך. ווען עמעץ איז צו אים געקומען שרייבן אַ בריוו האָט דער טאַטע זיך צוגעהערט צום עצם, וואָס זיין „קליענט״ האָט געוואָלט זאָגן און דאָס איבעריקע האָט ער שוין אַליין געשריבן, אַז קיין בעסערס האָט גאָרניט געקאָנט זיין! ער האָט געשמט פאַר זיין בריוו־שרייבן. איז דאָך שוין פאַרשטענדלעך, אַז דער טאַטע האָט פאַר סאָניען געשריבן אירע בריוו צום חתן. דער טאַטע האָט אָנגעשריבן דעם בריוו, און זי האָט עס איבער־געשריבן מיט איר „פּאַטשעראָק״, איר האַנטשריפט איז גראָד געווען ניט שלעכט.

ניט אַזוי גרינג איז אָבער אָנגעקומען צו שרייבן דעם ערשטן בריוו צום

חתן, וואָרעם ווען דער טאַטע האָט אָנגעהויבן דעם בריוו מיט: „מיין ליבער, טייערער חתן”, האָט זי אים גליך אָפּגעשטעלט:

— איך בעט דיך טאַטע, פאַרצייַע מיר, ניט אַזוי שרייבט מען צו אַ חתן.

— פּטור, נו, ווי אַזוי טאַקע שרייבט מען צו אַ חתן אַ בריוו?

— צו אַ חתן, טאַטע, דאַרף מען שרייבן אָט ווי אַזוי:

„איך נעמע דאַס פּעדער אין האַנדע אויסצוקריצן מיט דעם מיינע טיפסטע און עדעלסטע געפילן צו מיין האָכגעשעצטען און פיל געליבטען ברויטע־גאַם”!!!

מילא, ניט נאָר דער טאַטע נאָר דאַכט זיך דער אינדיק, די הינער און די נאַסע וועגט פון קעלער האָבן זיך צעלאַכט ביז טרערן. נאָר וואָס איז מיין שוועסטער, נעבעך, געווען שולדיק, אַז אַזוי האָבן אין שמרס ראָמאַנען געשריבן רודאָלף, אַמאַליע, ראָזאַליע און עסמיראַלדאַ.

מיט עטלעכע טעג פאַר איר אַוועקפאָרן, איז געקומען דער מחותן, דעם חתנס טאַטע, כדי מיט אונדז זיך צו באַקענען. ער איז געווען אַ זייער ליבער שיינער ייד, דעם טאַטנס אַ קאָלעגע, אויך אַ מלמד. די מחותנים פאַרשטייט זיך האָבן זייער שיין פאַרבראַכט, געזונגען איינער פאַרן אַנדערן די ניגונים פון זייערע גוטע יידן, גערעדט דברי תורה און זיך דערציילט וווּנדער־מעשיות פון זייערע רביים. אַזוי ווי עס איז געווען גראָד חנוכה־צייט, ווען מיין מאַמע האָט פאַרקויפט אירע גענדז, איז געווען גענוג גענדז־דרויבס אָפּצוקאָכן אַ געשמאַקע האָבערגריץ־זופּ מיט קאַרטאָפל־לאַטקעס, און ס'איז געווען אַן אמתער יום־טוב. אויף צו שלאָפן האָט מען אים אָפּגעגעבן דעם בעסטן פּלאַץ. מען וועט דאָך דעם מחותן ניט אויס־בעטן אויף צוזאַמענגעשטעלטע שטולן. זיי קענען נאָך פונאַנדעררוקן זיך און ער זאָל, חלילה, אַראָפּפאַלן. לייגן אים אויף דער קאַנאַפּע וואָס מיין ברודער משה־דוד האָט געמאַכט פאַר זיין אַוועקפאָרן קיין לאָנדאָן, האָט מען אויך ניט געקענט. זי איז געווען צו שמאָל צו זיצן אויף איר, ווער רעדט נאָך אויף צו שלאָפן. מיר האָבן, אמת, געהאַט אַ „דיוואַן”, איז אָבער דער דיוואַן שוין אָנגעקומען צו אונדז אַן אינוואַליד מיט אַן אויסגעבראָ־כענעם פוס, האָט אים דער טאַטע פאַרריכט מיט זיינע סוכה־שטריקלעך. דער דיוואַן האָט אָבער געליטן פון נאָך אַ חולאת: אַ ספּרוזשינע איז

אים אַרויסגעקראָכן פון בויך, און מיט וואָס נאָר מען האָט עס ניט געפּרוּווט פאַרדעקן, האָט ניט געהאָלפן, זי האָט רק געוואָלט אַריינ־קריכן יענעם אין לייב אַריין... האָבן מיר דאַרום באַלייגט דעם מחותן אויפן קיך־טאַפּטשאַן, אַן אמת ברייטע לאַנגע באַנק. בראָדסקי אַליין איז אויף קיין בעסערס ניט געשלאָפן...

„קאַריוקאָווקע" האָט געהייסן דאָס שטעטל, ווּ מיין שוועסטער האָט זיך געפונען. די איינוווינער זיינען דאָ געווען מער גוים ווי יידן, אָבער געלעגן איז דאָס שטעטל אין יידישע הענט. און געלעגן איז דאָס שטעטל אין יידישע הענט, ווייל דאָ איז געווען אַ גרויסער „סאַכאַרני־רעפאַנאַדני־זאַוואָד", (אַ צוקער־פאַבריק) און דער „סאַכאַרני רעפאַנאַדני זאַוואָד" האָט געהערט צום יידישן מיליאָנער און פילאַנטראָפּ לאַזאַר בראָדסקי. כמעט אַלע איינוווינער פון און אַרום דעם שטעטל האָבן געצויגן זייער חיונה פון דער פאַבריק.

נאָך דעם ווי מיין שוועסטער האָט חתונה געהאַט, האָבן די לאַנצוסקיס זיך משתדל געווען, און מיין שוואָגער האָט געקראָגן אַ שטעלע אין דער צוקער־פאַבריק, און געווען איז עס שוין איין מאָל אַ שטעלע!

דער צוקער איז געמאַכט געוואָרן פון ווייסע בוריקעס, ספּעציעל קול־טיווירטע פאַר דער צוקער־פּראָדוקציע. דאָס פּויערטום אויף מיילן און מיילן אַרום האָט זיך פאַרנומען מיטן קולטיווירן אָט דעם סאָרט בוריקעס. כדי צו ברענגען די בוריקעס אין שטעטל, איז אויסגעלייגט געוואָרן אַ מינ־יאַטור־אייזנבאַן וואָס האָט אַרומגענומען אפשר אַ צוואַנציק דערפער. צו דעם איז בייטיק געווען אַ „דעפּאָ" ווּ לאָקאָמאָטיוון און וואַגאָנען זאָלן פאַר־ריכט ווערן פון צייט צו צייט, און אויך מאַשיניסטן, ־רעדער־שמירער, קאָנדוקטאָרן, ווי געוויינטלעך אַן אייזנבאַן. עס זיינען אַפילו געווען אַ צאָל פּאַסאַזשיר־וואַגאָנען פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון די אַרומיקע איינ־ווינער, וועלכע פלעגן עפּעס דאַרפן אין שטעטל פון צייט צו צייט. האָט מען דאָך, פאַרשטייט זיך, דאָ געדאַרפט האָבן אַ פּאַרוואַלטער, אַ „נאַטשאַל־ניק סטאַנציי", און אָט די שטעלע האָט עס מיין שוואָגער באַקומען! און באַקומען צו דער שטעלע אַלס צוגאָב האָט ער אַ הויז צום וווינען, אַ דינסט, אַ בהמה, און אַפילו מיט קאָרמע פאַר דער בהמה, דעם פּסולת פון די אויסגעקוועטשטע בוריקעס. יאָ, און אַ טעלעפאָן!

איי, דער טעלעפאָן! ווער איז עס געווען גלייך צו מיר, ווען איך בין

געקומען צו מיין שוועסטער צו גאַסט, און געזען ווי מען גייט צו צו דער וואַנט, מען גיט אַ דריי אַ הענטל, עס גיט אַ פּאָר מאָל אַ קלינג, און מען רעדט אין דעם אַריין, איך בין איין מאָל אַ בעלן געווען זען אויב דער טעלעפאָן פאַרשטייט יידיש, האָב איך אַנגעקלונגען צו מיין שוואָגער אין קאַנטאָר, און יאָ, דער טעלעפאָן רעדט טאַקע יידיש, אַפילו העברעיש רעדט ער אויך דער טעלעפאָן!

מיין שוואָגער האָט אָבער ניט געקאָנט אויסקומען מיט מענטשן, און אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז ער אַראָפּ פון דער גדולה, מען האָט אים אָפּגעזאָגט פון דער שטעלע. פאַרלוירן די שטעלע, איז טאַקע געווען פאַסקודנע, גיין צוריק צו לערעריי, וואָלט פאַר אים געווען אַ צו גרויסע ירידה, האָט ער מיט זיין משפחה פאַרלאָזט דאָס שטעטל און אַוועק קיין יעקאַטערינאָסלאַוו און פאַרפאָרן צו מיין שוועסטער רחל־לאה.

מיין שוואָגער, דעם געוועזענעם „נאַטשאַלניק סטאַנציי״, איז דאָ גע־גאַנגען ווי אַ רשע אין גיהנום. ער האָט זיך דאָ צו גאָרניט געקאָנט צושלאָגן, נאָר אַזוי ווי ער האָט געקענט גוט רוסיש און דייטש, פלעגט ער פון צייט צו צייט קריגן אַרבעט אין די רעדאַקציעס, ביים איבערזעצן פון רוסיש אויף דייטש אָדער פאַרקערט. פאַרדינט האָט ער פון דעם וואַסער אויף קאַשע, אָבער ס'איז געווען אַ בכבודיקע פרנסה... אַ גליק נאָך, וואָס עס זיינען פאַרבליבן עטלעכע הונדערט רובל פון די זיבן זאַטע יאָרן.

נו, אַז זיי זיינען פאַרפאָרן צו מיין שוועסטער רחל־לאהן, מוז איך דאָך שוין, כאָטש אין קורצן, דערציילן עטוואָס וועגן איר, ניין?

מיין שוועסטער רחל־לאה

ווי געשריבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, איז מיין מאַמע אַלט געווען פופצן יאָר, ווען רחל־לאה איז געבוירן געוואָרן. און כאָטש די מאַמע האָט איר קיין צו פיל אויפמערקזאַמקייט ניט געקענט געבן, ווייל צו יעדע אַכצן חדשים אָדער העכסטנס צוויי יאָר איז אַן אַנדער קינד געבוירן געוואָרן, איז זי דאָך געוואַקסן אַ זייער געראָטן מיידל. דער טאַטע האָט איר געלערנט שרייבן, אַפילו חומש האָט ער איר געלערנט, שפּעטער איז עס אים זייער גוט צו נוץ געקומען, ווייל טאָמער האָט ער אַ מאָל געהאַט אַ פאַרקילונג, אָדער אַ צאָן האָט אים ווי געטאָן, און דאָס „אַננעמען" דעם ווייטאָקדיקן צאָן בעת קידוש־לבנה האָט ניט געהאָלפן, — האָט זי געקנעלט מיט די קינדער!

ווען זי איז אַלט געוואָרן פופצן יאָר, האָט זי „געוואָרפן" אַן אויג אויף אַ שכנס אַ ייִנגל, און דעם שכנס ייִנגל האָט „געוואָרפן" אַן אויג אויף איר. און אַז זייערע אויגן האָבן זיך אָנגעטראָפן, האָבן מסתמא זייערע הערצער אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן, און אַז דאָס קלאַפּן פון זייערע הערצער האָט זיך דערטראָגן צו דער מאַמען, און אַז זי האָט עס דערהערט, — סטייטש, ווי און ווען איז דאָס גאָר דערהערט געוואָרן ביי ייִדן, אַז אַזעלכע שנעקעס זאָלן גאָר האָבן אַ העזה צו טראַכטן אַפילו פון „ליבע־ליובע־קאָך לאָקשן", און נאָך גיין אַן אַ שמירה אין פעלד שפּאַצירן! (די מאַמע האָט אָפּנים פאַרגעסן, אַז זי אַליין האָט זיך אויסגעקליבן איר חתן, ווען זי איז אַלט געווען זיבן יאָר). און ווער רעדט נאָך, ווען דער מאַמען האָט זיך געחלומט, אַז זי האַלט אַן עמער מיט בלוט און זי גיסט עס אויף דער ערד, און איר פאַרשטאָרבענע שוועסטער זאָגט צו איר: „באַשינקע, דאָס פאַרגיסטו דאָס בלוט פון מיין יתום".

מיין מומע, דער מאַמעס שוועסטער, איז יונג געשטאָרבן און איבערגעלאָזט צוויי זין: מענדל און נאָטע. נאָטע, דער עלטסטער, איז איצט אַלט געווען אַכצן יאָר, נידריקער מיט אַ קאָפּ פון רחל־לאהן, אַ געלער, מיט רויטע האָר און דאָס פּנים אַ ביסעלע געשטופּלט, דאָס האָט ער אָפּגעשפּאַרט

פון פּאַקן און מאַזלען... פלעגט ער זייער אָפּט אַריינקומען זען דער מאַמען, ניט חלילה רחל־לאהן... און אַזוי גיך ווי ער איז אַריין אין הויז אַזוי גיך איז רחל־לאה אַרויסגעלאָפן...

די מאַמע, אַז זי האָט געזען אַזאַ חלום, איז זי גלייך אַוועקגעלאָפן אין שול, ווו מען האָט איר פּותר־חלום געווען, אַז זי מוז חתונה מאַכן רחל־לאהן מיט נאַטען. אין „יענע צייטן", האָט אַ מיידל, און דערצו נאָך אַזאַ שטילע טויב, ווי רחל־לאה איז געווען, ניט געהאַט די העזה צו זאָגן טאַטע־מאַמע ווען מען זי וויל יאָ, אָדער ניט. זיי האָבן חתונה געהאַט.

געווען איז נאַטע אַ „שמייסער", דאָס הייסט אַ געהילף ביי אַ בעל־עגלה, און קינדער האָבן אָנגעהויבן קומען איינס נאָכן צווייטן, ווי געוויינטלעך. קיין בעזדיעטניקעס זיינע, חלילה, אין אונדזער משפּחה ניט געווען...

פאַר די פינף און זיבעציק קאַרבן נדן האָט ער זיך איינגעקויפט אַ פּאָר פערד און אַ וואָגן און ער איז געוואָרן „אַ מענטש פאַר זיך".

איז מילא. אַז ער האָט ניט געשטימט מיט מיין שוועסטער, איז עס קיין בייס ניט, אַז מאַן און ווייב זאָלן אַ מאָל ניט שטימען, אָבער דאָס וואָס ער האָט ניט געקענט שטימען מיט די פערד, האָט שוין טאַקע גאָרניט געטויגט: מחמת קיין רעכטע פערד האָט ער פאַר זיין קאַפּיטאַל זיך ניט געקענט איינהאַנדלען, איז ווען דאָס וועטער איז גוט געווען, זיינען די פערד אויך גוט געווען, אָבער אָנהייב פרילינג, אָדער אָסיען, ווען די בלאָטע האָט זיך „געשטעלט", האָבן זיך די פערד אויך געשטעלט... דאָס שמייסן זיי האָט ניט געהאָלפן. ס'איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ חלוקי־דעות צווישן די פערד מיט נאַטען, זיי האָבן געטענהט: גיב אונדז עסן, וועלן מיר שלעפּן דעם וואָגן, און נאַטע, ווידער, האָט געטענהט: שלעפּט דעם וואָגן, פאַרדינט פריער אויף פרעסן, פאַרפלאָקערט זאָלט איר ווערן! אָבער ווי עס ווייזט אויס, קענען אָפּנים פערד אויך חלומען, האָט זיך זיי מסתמא געחלומט אַ פערדישער גן־עדן: גרינע לאָנקעס, פולע קאַרעטעס מיט האָבער. האָבן זיי איבערגעלאָזט נאַטען מיטן וואָגן שטעקן אין בלאָטע, און אַוועק אין פערדישן גן־עדן...

— ניט גוט.

צום גליק איז אין מענאַ פאַרפאַרן אַ גוטער־ייד מיט זיינע גבאים און שמשים. דער ערשטער אים אָפּצושטאַטן אַ וויזיט, איז געווען מיין טאַטע, ער האָט זיך באַקלאָגט אויף נאַטעס מערכה. האָט דער רבי געראָטן אַז

נאָטע זאָל אַרויספאָרן אין אַ גרעסערער שטאָט, און די גרעסערע שטאָט, ווו נאָטע מיט זיין פאַמיליע איז אַרויסגעפאָרן, איז געווען יעקאַטערינאָסלאַוו.

אין דער גרעסערער שטאָט איז אים אַוועק אַ ביסל, אָבער טאַקע ניט מער ווי אַ ביסל, בעסער. ער האָט זיך דאָ פאַרנומען מיט האַנדל, געשעפט הייסט עס, אויפגעקויפט אַלטע קליידער. זיין אַמביציע איז געווען, אַז ווען ער אַרבעט זיך אַרויף אויף איין אייגענעם צענערל, וואָלט קיין קרומער צו אים ניט גלייך געווען. ער וואָלט דאַן געקענט איינקויפן זיין סחורה און עס אָפּזעצן ווו זיין האַרץ וואָלט געגלוסט, אָבער אַז ער האָט געמוזט פריער גיין צום הורטאָווניק, ביי אים נעמען אין פאָרויס עטלעכע רובל איינצוקויפן די סחורה, האָט ער זי שוין געמוזט ברענגען צו אים, און יענער האָט זי ביי אים אָפּגעקויפט פאַר אַ שיבוש.

פון דעסט וועגן וואָלט עס נאָך אַלץ ניט געווען אַזוי שלעכט, ווען ניט דער קורצער אָטעם. אַ זייער יאַדישלעוווער איז ער געווען, און ווען ער איז אַריין אין אַ הויף און געדאַרפט הויך אויסשרייען: „סטאַריע וויעשטשי פאָקופאַיעם״, דאָס הייסט: „אַלטע קליידער קויפן מיר״ — האָט אים אָפט מאָל אויסגעפעלט דער אָטעם, זיך גאָר נישקשהדיק פאַרקייכט, שיער זיך אויסגעלאָזט.

רחל־לאה האָט איר גאַנץ לעבן ניט געקענט שלום מאַכן מיט דער געצוווּנגענער הייראַט, אָבער ווי אַן אמתע צניעותדיקע יידישע טאָכטער, האָט זי עס איר מאַן קיין מאָל ניט אַרויסגעוויזן. זי האָט עס געשטיקט אין זיך. מיט יאָרן שפּעטער, ווען זי איז געקומען צו אונדז אַהיים צו גאַסט — זי האָט שוין דאַן געהאַט אַ זון ביי די זעלנער — האָט זי זיך באַגעגנט מיט איר אַמאָליקן יוגנט־פריינד, ער האָט שוין אויך געהאַט דערוואַקסענע קינדער. זיי זיינען אַוועק אין פעלד, ווו זיי האָבן אַ מאָל בגנבה שפּאַצירט, און זיי האָבןביידע געוויינט אויף זייערע צעבראָכענע לעבנס. איז צו אָט דער גבירנטע זיינען עס פאַרפאָרן סאָניע מיט איר מאַן און זייערע פיר קינדער.

פילאַדעלפיע

דעם 10טן דעצעמבער, 1911.

אויפגעשטאַנען אין דער פרי און גאָרניט געוווסט, אַז די שיף שטייט פאַראַנקערט אין פילאַדעלפיער האַפן. דריי טעג איז דאָ די שיף געשטאַנען, אויסגעלאָדן און אָנגעלאָדן פּראַכט.

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך דערזען פעך־שוואַרצע מענ־טשן מיט מאָדנע גרויסע אויגן, און אויסערגעוויינלעך ווייסע ציין. זיי האָבן עפּעס געהאַלטן אין איין קייען און שפּייען.

אַלע קריסטלעכע פּאַסאַזשירן זיינען אַראָפּ פון שיף. אונדז האָט מען קיינעם ניט אַראָפּגעלאָזט. מיר, אַלע יידן, די איבערגעבליבענע אויף דער שיף, זיינען געפאָרן קיין גאַלוועסטאָן, טעקסאַס. און דאָ ווילט זיך דער־מאָנען אַ ביסעלע געשיכטע פון דער יידישער עמיגראַציע קיין אַמעריקע.

גרויס איז דעמאָלט געווען דער שטראָם פון יידישע עמיגראַנטן קיין אַמעריקע. און כמעט אַלע האָבן זיך געקליבן קיין ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ, דעטראָיט, באַלטימאָר און אַזוי ווייטער. יידישע כלל־טוער און פילאַנטראָפּן אין אַמעריקע, מיטן פינאַנסיסט יעקב שיף בראש, זיינען אַלאַר־מירט געוואָרן, אַז די ניי־געקומענע קאָנצענטרירן זיך אין איין געגנט, מערסטנס אין און אַרום ניו־יאָרק. דעריבער איז דאָס געפינען אַרבעט פאַר די ניי־געקומענע געווען אַ שווער פּראָבלעם.

טעקסאַס און אָקלאַהאָמאַ זיינען געווען יונגע שטאַטן. פּיצוכט, אַגרי־קולטור און אַנדערע אינדוסטריעס האָבן זיך דאָרט ערשט גענומען צע־בליען. גרויס זענען געווען די מעגלעכקייטן פאַר נייע „סעטלערס״ (ניי־געקומענע). האָבן די אויבנדערמאָנטע יידישע כלל־טוער פון ניו־יאָרק געשאַפן אַ געזעלשאַפט מיטן נאָמען: „יידישע עמיגראַציאָנס־ביוראָ״ מיט אָפּטיילונגען אין פאַרשידענע שטעט אין אייראָפּע און אַמעריקע מיטן הויפּט־צענטער אין גאַלוועסטאָן טעקסאַס. דורכן דאָרטיקן פּאָרט האָט מען גע־

פרוווט אַפּציען דעם עמיגראַנטן־שטראָם פון די געדיכט באַזעצטע שטעט.

אַ יידישע מלוכה זיינען מיר דאָ פאַרבליבן אויף דער שיף. מען האָט געדאַוונט בציבור, געבענטשט חנוכה־ליכט — פון קיינעם ניט געשטערט און פון קיינעם ניט אויסגעלאַכט. דער יידישער אונגאַרישער קעכער מיט זיין לאַנגער געלער באָרד מיטן משונה־הויכן מיץ אויפן קאָפּ, האָט זיך געהאַלטן אין איין באַרימען מיט זיין עכט כשרער קיך. אונדז מכבד געווען מיט אונגאַרישע פּאַטראַוועס און דערציילט ניסים ונפלאות פון קייזער פראַנץ יאָזעף, זאָל לעבן...

אויף דער שיף איז מיט אונדז געפאָרן אַ יונגער מאַן, האָבן מיר אים גערופן: „דער אַמעריקאַניעץ". ער איז שוין פריער געווען אין אַמעריקע. ער האָט געריעדט מיט די שוואַרצע מענטשן אין פילאַדעלפיער האָפן אויף ענגליש, און בשעת מעשה געקוקט צו אונדז, ווי איינער זאָגט: וואָס זאָגט איר. האַ? זעט וואָס איך קען! געטראָגן האָט ער אַ זייער פלאַטשיק היטעלע מיט משונהדיקע ברייטע הויזן, מיט געלע שיך, וועמענס ברייטע, גראָבע נעזער האָבן זיך געריסן אויף אַרויף. די הענט האָט ער געהאַלטן מערסטנס אין די קעשענעס און געזונגען יידיש־אַמעריקאַנער לידער. איין ליד געדענקט זיך מיר: „זומער ביי נאַכט אויף די דעכער". ער האָט אונדז דערביי דערציילט, אַז זומער איז אין אַמעריקע זייער הייס און מען שלאָפט אויף די דעכער...

ווי געזאָגט, איז ער שוין איין מאָל געווען אין אַמעריקע און ס'האָט אים עפּעס ניט געפּידלט, איז ער געפאָרן צוריק קיין רוסלאַנד. ניט געקאָנט מער זיך דאָרט איינלעבן און אָט פאָרט ער צוריק מיט אונדז, קיין גאַלוועסטאָן.

עס זיינען אויך געווען מיט אונדז אַ בחור מיט אַ מיידל, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון דער היים, מחמת זייערע עלטערן האָבן ניט מסכים געווען אויפן שידוך. אויף דער שיף האָבן זיי געפּראַוועט חתונה מיט אַלע צערע־מאָניעס. דער יידיש־אונגאַרישער קוכער האָט שוין צוגעשטעלט לעקעך און בראָנפן און פּאַטראַוועס. צווישן די פּאַסאַזשירן האָבן זיך געפונען אַ פּאָר קלעזמער — אַ פידל און אַ קלאַרנעט, מיין שוואָגער, ווי פריער דער־מאָנט, האָט דאָך געשפּילט פלייט, און איך, אַ געוועזענער קלעזמער, האָב אויף אַ פּוסט קעסטל אימפּראָוויזירט אַ באַראַבאַן — אַן אמתע קאַפּעליע.

דער עולם האָט געטאַנצט און זיך משמח געווען אויף אַ יידישער חתונה אויף אַ דייטשישער שיף, אין מיטן אַטלאַנטישן אָקעאַן.

*

נאָך עטלעכע טעג און מיר וועלן שוין מיט מזל זיין אין גאַלוועסטאָן. כאָטש עס איז אין מיטן דעצעמבער, ווערט אָבער דאָס וועטער אַלץ הייסער, וואָס נענטער מיר קומען צו טעקסאַס. איז וואָס זשע טוט מען ביז מיר וועלן בשלום אָנקומען אויפן אָרט? איז לאָמיך דעם „ווערטן לעזער" באַקענען מיט נאָך אַ פּאָר מיטגלידער פון מיין פאַמיליע.

אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל האָב איך דערציילט, אַז מיין מאַמע האָט געהאַט צוויי פּלימעניקעס, מענדל און נאָטע. האָט נאָטע, ווי איר ווייסט שוין, חתונה געהאַט מיט מיין שוועסטער רחל־לאה און מענדל האָט חתונה געהאַט מיט מיינער אַ צווייטער שוועסטער יוכבד. איז מענדל געווען אַ „ליעסניק", אַ וואַלדוועכטער אין דוליצקיס וואַלד, ביים דאָרף „ניכייעווקע". ניכיי זשע וואָלט נאַטשאַלסטווע זיי געלאָזן צו רו, איז אָבער אַרויס אַן „אוקאַז" (באַפעל), אַז יידן טאָרן ניט וווינען אין קיין דערפער.

האָט מענדל מיט זיין פאַמיליע אויך זיך איבערגעפּעקלט קיין יעקאַ־טערינאָסלאַוו. אין יעקאַטערינאָסלאַוו האָט ער באַקומען אַן איינלאַדונג פון באַראָן הירש צו קומען צו אים קיין אַרגענטינע און זיך דאָרטן באַזעצן אויף ערד. האָט ער אים ניט געקענט אָפּזאָגן, און צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע און מיטן דלות זיך געלאָזט אין וויטן לאַנד.

נאָך אַ שוועסטער מיינע, עלקע ברכה (די וואָס פלעגט „פּאַרוואַרפן" די געגנדז), איז געווען אַ טייערע נשמה. שיין און אַרבעטסזאַם. וואָלט נאָר געווען ביי וואָס צו זיין אַרבעטסזאַם. זי האָט ניט געהאַט ביי וואָס צו האַלטן זיך אין דער היים, און איז אויך אַוועק קיין יעקאַטערינאָסלאַוו. דאָרט האָט זי חתונה געהאַט מיט אַ „זאַגאָטאָווטשיק" (קאָמאַשן־שטעפּער), אַ קראַנקן מאַן מיט אַ קראַנקן פוס. ער איז אין גיכן געשטאָרבן און זי איבערגעלאָזט מיט צוויי פּיצלעך קינדער.

נאָך אַ ברודער מיינער, חיים אַברהם, זאָל געזונט זיין, האָט זיך עפּעס ניט אויסגעטויגט צו קיין שום מלאכה. ער האָט געפּרוווט ווערן אַן איינ־בינדער, אַ זאַגאָטאָווטשיק, אַ קלעזמער, אַזוי, ביז ער איז אַלט געוואָרן אין און צוואַנציק יאָר און זיך „געשטעלט" צום פּריזיוו. אין דער „פּרי־

סוטסטווע״ האָט מען גראָד געזאָגט: „גאַדיען״, דאָס הייסט, אַז ער טויג יאָ...

די מאַמע אָבער האָט מיט דער „פּריסוטסטווע״ ניט איינגעשטימט, האָט זי ניט געשוויגן און געלאָפן אין שול און ביים אָפענעם אָרון־קודש געמאַכט געוואַלדן, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. ער איז אַוועק אין דער אַרמיי.

אויף זיין מזל, האָט מען אים אַריינגענומען אין קאַוואַלעריע און אים מכבד געווען מיט אַ פערד, איז דאָס פערד געווען אַ ריז. כאָטש שטעל צו אַ לייטער אַרויפצוקריכן אויף אים. זיינען געקומען זייער שלעכטע בריוו פון אים, פון מיין ברודער הייסט עס, און דער טאַטע איז אים געקומען צו הילף מיט אַ סגולה, ער זאָל זאָגן צען קאַפּיטלעך תהילים יעדן טאָג. איז איין מאָל ווען ער האָט שוין געהאַט אָפּגעזאָגט זיינע ניין קאַפּיטלעך תהילים, און דעם בעסטן און זיכערסטן קאַפּיטל האָט ער רעזערווירט פאַרן פערד... ווייל דאָרט ווערט געזאָגט: „יענך ה׳ ביום צרה״, (דאָס הייסט: גאָט זאָל דיר ענטפערן אין טאָג פון אַ צרה), און עס האָט טאַקע אַ ביסל צו טאָן מיט פערד אויך: עס שטייט דאָרט: „אלה ברכב ואלה בסוסים״ — און קעמענדיק דעם פערדס עק מיט אַן אייזערנער באַרשט, זאָגנדיק דערביי דאָס אויבן־דערמאָנטע קאַפּיטל תהילים — האָט דאָס פערד אַפּנים ניט פאַרשטאַנען דעם טייטש דערפון, און דערלאַנגט חיים אַברהמען מיט די הינטערשטע פיס אין די פאָדערשטע ציין, האָט ער דאָך דערזען אַז ס׳איז אומזיסט, אַז ער מיטן פערד וועלן זיך קיין מאָל ניט פאַרשטיין, האָט ער איבערגעלאָזט פאַניען מיטן פערד אָן אַ זיי־געזונט, און איז אַנטלאָפן פון דער אַרמיי. אָנגעקומען קיין בראָד, פון דאָרט זיך דערשלאָגן קיין לאָנ־דאָן, פון לאָנדאָן קיין קאַנאַדע, און שפּעטער מיט עטלעכע יאָר דער־גרייכט ניו־יאָרק.

נאָך אַ שוועסטער, כיענע, האָט די מאַמע (אַלץ די מאַמע) חתונה געמאַכט פאַר אַ שטומען בחור, אַ שניידער פון אַ דערבייאיקן שטעטל באַ־טורין אַרום דער גרעסערער שטאָט קאָנאָטאָפּ. באַטורין איז געווען זייער באַוווּסט אין דעם געגנט צוליב דעם לעגענדאַרן מאַזעפּאַס שלאָס. מען האָט דערציילט וועגן דעם דאָזיקן שלאָס, אַז ווען מען גייט אַריין אַהין, קען מען שוין ניט געפינען דעם וועג אַרויס... אַזוי, אַז פון אַלע קינדער זיינען פאַר־בליבן אין דער היים בלויז איך און מיין שוועסטער שיינע־דאָבע, עלטער פון מיר מיט אַ יאָר און ניין חדשים.

מורקע

און איצט, אַז מיר האָבן זיך שוין באַקאַנט מיט אַלע מיינע ברידער און שוועסטער, וואָלט כ׳לעבן כדאי געווען זיך באַקאַנען מיט נאָך אַ באַ־שעפעניש ביי אונדז אין הויז, אונדזער קעלבל „מורקע״.

ס׳איז געווען פון אַ לייכט־ברוינעם קאָליר. אויפן שטערן — ווי אַן אויס־געמאָלטער ווייסער דימענט. ביי די קלאָען פון אירע פיס ווייס געשטרייפט.

ווינטער, ווען דאָס קעלבל איז געבוירן געוואָרן, האָט עס די מאַמע געגעבן צו מיין שוועסטער דאָבען און צו מיר אויפן אויוון, צו האַלטן עס וואַרעם די ערשטע נאַכט. די מאַמע פלעגט קויפן אין מאַרק „מאַקוכעס״, אַזעלכע גרויסע, גראָבע פלעצלעך, אויסגעקלאַפּט פון לייַנזוימען, צעפּירט עס מיט אַ ביסל מילך, און איך מיט מיין שוועסטער דאָבע מיטן קעלבל פלעגן עסן אַלע דריי פון דער זעלבער גרויסער הילצערנער שיסל. און אַזוי ווי עס האָט געפעלט געלט אויף צו קויפן פּראָסע פאַר די גענדז, אַזוי האָט פאַרשטייט זיך, אויך געפעלט געלט צו קויפן פאַר מורקען היי.

איין מאָל זאָגט מיר די מאַמע: נעם און פיר אַרויס מורקען אויפן מאַרק, וועט זי דאָרטן אַ כאַפּ טאָן אַ ביסל היי, אָדער שטרוי פון אַ פויערשן וואָגן. וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס דאָרט אַ ביסל היי אָדער שטרוי ביי אַ פויער? אָבער ביים פויער האָט עס אָפּנים יאָ געהאַט אַ ווערט: וואָרעם קוים האָט ער דערזען מורקען אַ צופּ טאָן אַ ביסל היי פון וואָגן, האָט ער זי מכבד געווען ניט נאָר מיטן בייטש, נאָר טאָקע מיטן שטעקן. איך האָב זיך אַזש צעוויינט פון ווייטיק...

מורקען איז אָבער באַשערט געווען איין מאָל אין לעבן הנאה צו האָבן פון אַן אמתן גוטן מאָלצייט.

אַ פּאָר הייזער אַוועק פון אונדז האָט געוווינט איטשע דער גלעזער מיט זיין ווייב חיה־ביילע מיט אַ האַלבן טוצן קינדערלעך. קומט איין מאָל די גלעזערקע צו דער מאַמען מיט אַ גרויסן פאָליוועגעם טאָפּ און בעט מיין מאַמע איר טאָן אַ טובה: צושטעלן איר וועטשערע, זי דאַרף אַוועקגיין און

קומען העט שפּעטער אין אָוונט. ס׳איז אַ וועטשערע, זאָגט זי, אויף אַלע מיינע גוטע פריינד געזאָגט געוואָרן: פּערל־גרויפּן, פּאַסאָליעס, מערן, קאַרטאָפליעס. און פּאַרוויסן וועט זי עס, מערצעשעם, מיט סמעטענע. האָט אָבער די מאַמע געהאַט פּונקט אַזאַ טאָפּ און דאָס איז געווען דער טאָפּ אין וועלכן זי האָט געקאָכט מורקעס פּאַילע.

ס׳איז שוין געווען פינצטערלעך ווען די גלעזערקע איז אַריינגעפאַלן אַ פאַרשמייעטע, און דאַנקענדיק דער מאַמע פאַר דער גרויסער טובה, אַ כאַפּ געטאָן דעם טאָפּ און געלאָפן אַהיים דערלאַנגען איר מאַן מיט די קינדער די גרויסאַרטיקע וועטשערע. די מאַמע, ווידער, האָט גענומען דעם צווייטן טאָפּ און אין פינצטערן פירהויז עס אַריינגעפּליוכעט אין מורקעס פּאַמאַיניצע.

עס נעמט ניט לאַנג און די גלעזערקע קומט צו לויפן מיט אַ גוואַלד: אוי באַשינקע, אַ בראָך איז מיר, איך האָב דאָך אַנשטאָט מיין וועטשערע אַ כאַפּ געטאָן אייער מורקעס פּאַילע! אָבער ס׳איז שוין געווען צו־שפּעט. מורקע האָט שוין געהאַלטן ביים בענטשן...

ווען מורקע איז אַליין שוין געוואָרן אַ מאַמע, און מיין מאַמע האָט פאַרקויפט איר קעלבל צו אַ קצב, און זי האָט געבראַכט אויף שבת אַ טייל פונעם קעלבל, האָבן מיר, איך און מיין שוועסטער דאָבע, געוויינט און זיך ניט צוגערירט צום פלייש. שפּעטער מיט יאָרן בין איך געוואָרן אַ וועגעטאַריער...

✶

מיין שוועסטער שיינע־דאָבע און איך זיינען געוואַקסן ווי צוויי חברים. אַוודאי האָבן מיר זיך אַ מאָל געקריגט און אַפילו זיך צעשלאָגן. דער עיקר ווען זי האָט מיך אָנגערופן מיט מיין צונאָמען „פּאַסטעך" און איך זי, — „ציג". אָבער מען האָט זיך באַלד איבערגעבעטן. זומער־צייט האָבן מיר זיך געשפּילט אין גאַס, און ווינטער — אויפן אויוון, פאַרקויפט איינע די אַנדערע הירזש, פּראַסע, — גאַנצע סוחרים!

שלעכט איז אונדז געווען ווינטער־צייט: איין פּאָר שיך איז געווען פאַר אונדז ביידן. איז פּונקט ווען איך האָב געוואָלט טראָגן די שיך, האָט זי עס אויך געוואָלט. נו, האָט זיך עס אַ ביסל געטאָן!

דאָס שיך־פּראָבלעם איז אָבער געלייזט געוואָרן, ווען איך בין אַוועק אין חדר. חברה „תלמוד תורה" האָבן מיך מזכה געווען מיט אַ פּאָר יוכטאָווע שטיוועלעך. אמת, ניט אַזעלכע שיינע שטיוול מיט לאַקירטע כאַלעווקעס ווי אונדזער שכן לייבע דער שוסטער האָט געמאַכט, אָבער פּאָרט שטיוול! און דאָבע האָט שוין געהאַט די שיך פאַר זיך אַליין.

איי, זומער־לעבן! מיר, חברה אין גאַס, שפּילן זיך אין באַשטאַנעס, אין גנבים, איך לויף־פּאַרמעסטן און אין קאַראַהאָדן. מען נעמט זיך צו־זאַמען פאַר די הענט און מען דרייט זיך אין אַ קאַראַהאָד, זינגענדיק דערביי: די באָד ברענט, די באָד ברענט.

די פלודערלעך מיינע, וואָס מיין מאַמע האָט מיר אויפגענייט, זענען געמאַכט געווען פון הינטן מיט אַ שפּאַלט, צוליב באַקוועמלעכקייט וועגן, מסתמא. פון דעם שפּאַלט האָט אַרויסגעשטאַרט אַ שפּיץ פון לאַנגן לייוונטע־נעם העמד. אַ „קעזשיק" האָבן מיר דאָס גערופן. און דער „קעזשיק" האָט געהאַט אַ גרויסע צוציונגס־קראַפט ביי „כווילקאַ", דעם שכנס הונט. איז ווי נאָר מיר הייבן אָן זיך צו דרייען אין קאַראַהאָד, וואַקסט אויס כווילקאַ, גיט מיך אַ כאַפּ ביים „קעזשיק" און לאָזט ניט אָפּ. די באָד האָט מען שוין געמוזט לעשן אָן מיר...

מיט גרויס אומגעדולד פלעגט מיין שוועסטער שיינע־דאָבע וואַרטן ביז איך בין געקומען פון דער תלמוד תורה און איר דערציילט די מעשיות פון חומש: פון עקידת יצחק, פון הגר און ישמעאל וואָס אונדזער גוטע מוטער שרה האָט געהייסן אַרויסטרייבן זיי פון הויז, און הגר מיט ישמעאלן וואָלטן געווען אומגעקומען פון דורשט, ווען אַ מלאך קומט ניט באַצייטנס און ווייזט איר ניט אויף אַ ברונעם מיט וואַסער; די מעשה ווי אַזוי רבקה האָט צוגערעדט יעקבן אויסצונאַרן ביי זיין פאָטער עשיוס ברכות און עשיו האָט זייער ביטער געוויינט, און מירביידע האָבן אויף אים גרויס רחמנות געהאַט. היינט די מעשיות מיט שמשון הגיבור!

די תלמוד תורה האָט זיך געפונען אין דער נייער שול אויף דער וואָקזאַלנער גאַס. מיין גמרא־מלמד, „די באָרד", האָט מען אים גערופן, מחמת ער האָט געהאַט אַ זייער לאַנגע געל־גרוילעכע באָרד, האָט שטענדיק געדרייכערט אַ ליולקע מיט אַ לאַנגן געצאַצקעטן ציביק, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ טערקישע נאַרגילע. אַ קאַנטשיק האָט ער געהאַט, איז עס געווען אַן אמתע נאַגייקע. ער האָט אונדז מיט דעם גאַנץ אָפט געקאַטעוועט. אָבער

נאָכן אָפּלערנען אַ שווערן בלאַט גמרא, פּלעגט ער פּאַרזשמורען זיינע קליינע וואַסערדיקע אייגעלעך, אונטערהאַלטן בשעת מעשה די ליולקע מיט דער רעכטער האַנט, כדי זי זאָל אים ניט אַרויספאַלן פון מויל, און ער האָט אונדז דערציילט מעשיות.

...און אַז יידן זיינען עולה־רגל געוועזן קיין ירושלים, האָבן זיי איבער־געלאָזט דעם סקאָט אין פעלד און אַוועקגעגאַנגען. און אַז אַ גנב האָט געוואָלט גנבנען אַ בהמה, האָט די בהמה אַ געשריי געטאָן: „נעלזיאַ, כאַזאַין פּאָשאָל באָגו מאָליטסיאַ!" דאָס הייסט: מען טאָר ניט, דער בעל־הבית איז אַוועק גאָט לויבן!... אָדער: שאול און זיין באַדינער זיינען געגאַנגען זוכן זיין פאָטערס אייזלען, און עס ווערט שוין שפּעט, ער איז מיד און הונגעריק, און ער וויל טאַקע זען דעם הייליקן מאַן, וואָס געפינט זיך דאָ אין דער־בייַיקן שטעטל, אפשר וועט דער הייליקער מאַן אים זאָגן ווו די אייזלען געפינען זיך. אָבער ער האָט ביי זיך אַפילו קיין פּרוטה ניט. ענטפערט אים זיין באַדינער: „ניע זשוריס בראַט, יעסט או מעניאַ פּיאַטנאַדצאַט קאָפּעיעק סערעבראָם"... דאָס הייסט: ניט געדאגהט, ברודער, איך האָב ביי זיך פופצן קאָפּיקעס אין זילבער!

הללויה בצלצלי תרועה

אַלט געוואָרן צוועלף יאָר. פּטור געוואָרן פון חדר מיטן רבין מיטן קאַנטשיק, און מען זוכט פאַר מיר אַ תכלית. נאָך קליינערהייט האָט מיך געצויגן צו קלעזמער און כ׳בין נאָכגעלאָפן אויף פּאַראַדן, אויף חתונות, געריסן האָר פון פערדישע עקן און דערפון געמאַכט פידעלעך. איך פלעג אַ זעץ טאָן אין פויק ווען יאָשע פויקער האָט זיך פאַרקוקט, אַט טאַקע פונקט ווי שלום עליכם דערציילט עס אין זיינע וווּנדערלעכע מעשיות וועגן די קליינשטעטלדיקע ייִנגלעך. איך האָב געהאַט אַ חבר אַ קלעזמער, יוספקע דעם שוואַרצן מלמדס, און ער האָט מיך צוגערעדט צו ווערן אַ קלעזמער. און אַזוי ווי מיין טאַטע האָט זייער ליב געהאַט מוזיק, און אַפילו אַליין פאַרפאַסט מוזיק צו זיינע לידער, וואָס ער האָט געשריבן, האָט ער מיך גערן אָפּגעגעבן צו שליאָמע דעם קלעזמער אויף צוויי יאָר אין דער לער.

מיין טאַטן האָט זיך זייער געוואָלט, אַז איך זאָל שפּילן פידל, אָבער ווען מיר זיינען געקומען צו שליאָמען, האָט ער אונדז געזאָגט, אַז נאָר זיינע זין האָבן די חזקה אויפן פידל. און געהאַט האָט ער דריי זין, און אַלע דריי האָבן געשפּילט פידל. ער וועט מיך לערנען, האָט ער געזאָגט, אויף דער „וואַלטאַרניע״, אַ קיילעכדיקע טרובע אַזוי ווי אַ גרויסער בייגל.

— וואָס אַרט אייך, ר׳ אפרים יצחק, אַ וואַלטאַרניע איז ניט גלאַט אַ סעקונדע אינסטרומענט, די וואַלטאַרניע איז די אַריסטאָקראַטקע צווישן די מעשענע כלים. זי האָט זייער אַ פיינעם טאָן און זי שפּילט אויך סאָלאָ.

לערנענדיק זיך שפּילן ביי אים אויף דער וואַלטאַרניע, האָב איך זיך אויך אויסגעלערנט די געהיימע קלעזמער־שפּראַך, וואָס איז אויך די גנבים־שפּראַך, למשל: ברויט — קרעל. אַ קאָפּיקע — אַ מאַשלינקע. צוויי קאָפּיקעס — באַקער מאַשלינקעס. אַ חתן — סאַמסאָן. אַ כלה — לאַכמע. אַ חתונה — סטראַשעליע. מחותן — טאַמוך, אויגן — זיקרעס, אַ גנב — אורקע. טורמע — ציִנק אָדער ציִנטאָווקע. פּלייש — שפּליאַכע. הכלל — גאָר אַ טשיקאַווע שפּראַך! פאַרשטייט זיך, אַז כ׳האָב מיין שוועסטער שיינע־דאָבען

אויסגעלערנט אַט די געהיימע שפּראַך און מיר האָבן אין הויז גערעדט אונדזער אייגענעם לשון. נו, האָב איך זיך איין מאָל מיט אַט דעם געהיימען לשון אויסגעריכט אַ וויסטן סוף.

שבת ביי טאָג ביים עסן האָט גראָד דאָבע געהאַלטן אַ רוסיש בוך, און ווען דער טאַטע האָט עס דערזען, האָט ער זיך זייער צעשריען אויף איר פאַר וואָס זי האַלט אין די הענט אַ טריף־פּסול און נאָך אום שבת! האָב איך צו איר אַ זאָג געטאָן אויף אונדזער געהיימער שפּראַך: „אַף נאַוועס בעריען" וואָס עס מיינט: לאָמיר אויפהערן עסן, און דאָס איז געווען דאָס ערגסטע וואָס מיר האָבן אים געקענט אָפּטאָן.

— וואָס־אָס? — האָט דער טאַטע מיך געגעבן אַ שטאָך דורך מיט זיינע ביסטרע צוויי אויגן — איר וועט ביי מיר דערוואַרגן ווערן און עסן!...

היינט גיי וויים אַז ער קען קלעזמער־לשון אויך! אַז אַלץ האָט ער געוווסט און געקענט, דער טאַטע מיינער!

אַ נייע וועלט האָט זיך פאַר מיר געעפנט. חברה קלעזמאָרים, עטלעכע באַווייבטע, עטלעכע בחורים, פלעגן קומען יעדן אינדערפרי צו שליאָמען אויף רעפּעטיציע. קבצנים, אָבער פריילעכע יונגען. אַז ביי איינעם האָט זיך געפונען אַ פּאָר קאָפּיקעס צו קויפן אַ ביסל בראָנפן, און ווער רעדט נאָך — אַ הערינג, אַ ציבעלע און אַ פּאָר קיכלעך דערצו — האָט מען געמאַכט אַ סעודה און ס'איז געווען חי געלעבט.

גוט איז געווען אויף אַ חתונה, דער עיקר אַ פּריצישע. ביי יידן האָט מען אויף די קלעזמאָרים געקוקט ווי אויף שלעפּערס, אויסגעלאָסענע יונגען. ביי די פּריצים אָבער זיינען די „מוזיקאַנטי" געווען זייער חשוב, באַלד אַזוי חשוב ווי די מחותנים אַליין. אויף די גויישע ימים טובים פלעגן מיר אַרומפאָרן צו די פּריצים אויף „פּאָזדראָווקעס", באַגריסונגען הייסט עס.

אַרייַן אין אַ פּריצישער הויז, שיסט שליאָמע דער קלעזמער אַרויס: „זאַ זדראָוויע יאַקים איוואַנאָוויטשאַ, אי יעוואָ ליובעזדנויו סופּרוגע פּול־כעריאַ יאַקימאָוונאַ". און מיר, די קאַפּעליע, גיבן אַ זעץ אַ מאַרש, אַ וואַלס, אַ מאַזורקע.

טישן שטייען געגרייט פון כל טוב. פאַרשידענע קעזן, פיש, הערינג, האַרטע אייער, קאָלבאַסן, וויעטשינאַ און וואָדקע — ממש פון טיי־גלעזער געטרונקען. איך האָב שנעלער זיך אויסגעלערנט טרינקען ווי שפּילן. ווי

אַזוי מיר זיינען דערפאַרן אַהיים, איז מיר אַ ווונדער עד היום. אפשר אַ דאַנק דעם, וואָס די פערד אונדזערע האָבן ניט געטרונקען...

גלייך אַנהייב פרילינג פלעגט אָנקומען אין מענאַ הריציים אוקראַינישע טרופע. מיר האָבן שוין גוט געקענט אַלע אַקטיאָרן און אַקטריסעס און גע־שפילט האָט די טרופע אין באַראַנאָווס סאַד. קיין אייגענעם אָרקעסטער האָט הריציי ניט געהאַט, פלעגן מיר שפילן ביי אים אין טעאַטער צוויי מאָל אַ וואָך, און צוויי מאָל אין וואָך פלעגן מיר פאָרן מיט דער טרופע קיין סנאָווסק.

די ערשטע פּיעסע, וואָס איך האָב געזען, איז געווען „טאַראַס בולבאַ״, ווו טאַראַס מיט זיינע קאָזאַקן שלאָגן זיך מיט די פּאָליאַקן. מילא, פון יעדן שאָס איז מיר איינגעפאַלן דאָס האַרץ פאַר שרעק, און לסוף, ווען ער פאַרלירט די שלאַכט, און די פּאָליאַקן פאַרברענען אים לעבעדיקערהייט — האָב איך ווי געזען אַ נקמה אין אים פאַר זיין אַזוי איזדעקעווען זיך איבער דעם אָרעמען רודי יאַנקעל.

שליאָמע אַליך מיט זיינע זין, האָבן, ווי פריער געזאָגט, געשפילט פידל. ער, שליאָמע, איז ווייט געווען פון אַ ווירטואָז, און יעדעס מאָל ווען איך האָב אים געזען שפילן, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דער סמיק, מיט וועלכן ער פירט אַרויף און אַראָפּ, איז אַ חלף און ער קוילעט מיט דעם דעם פידל.

די מעשענע כלים זיינען געווען אַזוי אַלט, צעבויגן און צעלעכערט, אַז מיר פלעגן די לעכער פאַרקלעפּן מיט פריש ברויט, אָבער בלאָזנדיק אינעם אינסטרומענט, איז דאָס ברויט צעווייקט און אַוועקגעבלאָזן געוואָרן. איז דאָך קיין ווונדער ניט, ווען אַ רייכער באַלעבאָס אין שטאָט האָט געדאַרפט חתונה מאַכן אַ קינד, זאָל ער וועלן אַראָפּבריינגען אַ לייטישע קאַפּעליע, און אַזאַ לייטישע קאַפּעליע איז געווען אין סאָסניצע מיט כעמע זלאָטניקאָוון בראש, און זיינע קלעזמאָרים זיינען טאַקע כמעט אַלע געווען אמתע סטעמפּעניוס.

איז ווען ר׳ הילע פּעקראָווער, אַ יוסטער באַלעבאָס אין שטאָט, האָט געדאַרפט חתונה מאַכן זיין זון, האָט ער אָנגעשטעלט די סאָסניצער קאַ־פּעליע צו שפּילן אויף דער חתונה. שליאָמע דער קלעזמער איז פריער געלאָפן צו אים, צום בעל־שמחה, און נאָך דעם צום רב: „סטייטש, ווו איז יושר? מען וואַרט, מען קוקט אויס די אויגן טאָמער וועט גאָט צושיקן אַ חתונה,

ברענגט מען גאָר אַראָפּ פרעמדע קלעזמער!״ דער רב האָט געפּסקנט, אַז ביידע קאַפּעליעס מוזן שפּילן, און אַזוי איז עס געבליבן.

איז אָבער אַפּנים, ווי מיט פיל אַנדערע זאַכן אין לעבן, קיין הונדערט פּראָצענט גוט פאַרט ניטאָ! וואָרעם אָט ווי די סאָסניצער קאַפּעליע איז געווען שוין איין מאָל אַ קאַפּעליע, האָט זי דאָך געהאַט אַ שטיקל חסרון.

דער פּויקער פון דער קאַפּעליע, ר׳ בערע בייראַך, איז געווען שוין אַן עלטערער מענטש און איז צו דער עלטער טויב געוואָרן ווי צען טויבע. פאַר וואָס זשע האָט אים טאַקע כעמע זלאָטניקאָוו געהאַלטן? איז ערשטנס, קלעזמער זיינען אַ גוטהאַרציק און גוטברודעריש פאָלק, איז ווי אַזוי זאָגט מען עס אָפּ אַ מענטשן טאַקע ווייל ער איז שוין אַלט און האָט אָפּגעשפּילט אַ לעבן מיט דער קאַפּעליע?

צווייטנס, האָט ער דאָ געהאַט ניט איינעם, נאָר צווי צדדים: זיינער אַ זון, ר׳ הירשע בייראַכס, אַ ייד מיט אַ הדרת־פּנימדיקער באָרד, מיט ליכטיקע בלאָע אויגן און מיט אַ שטענדיקן שמייכל אויפן פּנים, האָט גע־שפּילט ערשטע פידל. איז עס דאָך ניט גלאַט אַזוי גערעדט „געשפּילט״, וואָרעם צו שלייער־וואָרמעס ווען ער האָט אונטערגעהאַלטן דעם עולם און געגומען „ווייזן וואָס ער קען״, די אויגן בשעת מעשה פאַרמאַכט, דעם לינקן אויער צוגעטוליעט צום פידל, ווי ער וואָלט זיך צוהערן צום פידלס האַרץ־קלאַפּן, און די טענער, ווי אַ טשאַטע קאַנאַריקלעך וואָלטן פון פידל אַרויסגעזונגען, און כאַטש נעם און פאַרמאַך טיר און פענצטער, אַז די פייגעלעך זאָלן, חלילה, ניט אַוועקפליען; אַ צווייטער זון זיינער האָט גע־שפּילט קלאַרנעט — האָט עס ביי אים ממש געוויינט, געלאַכט און גערעדט.

דריטנס, אַז מען וויל נאָר, גיט מען זיך אַן עצה: ר׳ בערע בייראַך האָט געוווסט אַלע טענץ, פאַרשטייט זיך נאָך איידער ער איז טויב געוואָרן, און דערצו, ווער עס קען נאָר עפּעס מוזיק, ווייסט, אַז אַ מאַרש, למשל, באַ־שטייט פון צווי פערטל טאַקט. אַ וואַלס — דריי פערטל טאַקט. אַ מאַזורקע — זעקס אַכטל און אַזוי ווייטער. איז געגוג געווען, אַז דער קאַפּעליע־מייסטער האָט מיט זיין שטעקעלע אים געוויזן דעם טאַקט און ער האָט שוין געוווסט וואָס ער האָט צו טאָן. און דעם חופּה־מאַרש האָט ער דאָך געקאָנט שפּילן אַפילו ווען מען וועקט אים אויף פון שלאָף.

נו, איז ווען מען האָט זיך געלאָזט פירן דעם חתן צו דער חופּה, וואָס איז געווען אויפגעשטעלט אויפן מיטן מאַרק, און די פּראָצעסיע האָט זיך

צוליב עפּעס אַ סיבה אָפּגעשטעלט, האָט דער פּויקער ניט געזען, אַז מען האָט זיך אָפּגעשטעלט, און פאַרשטייט זיך, ניט געהערט אַז דאָס שפּילן האָט אויפגעהערט, און אַזוי ווי ער מיט זיין פּויק איז געגאַנגען פאָרויס, איז ער אַזוי אַוועק איבערן מאַרק, און געזעצט אין דער פּויק און אין די טאַצן — בום־צאַ, בום־צאַ, בום צאַ־צאַ־צאַ. ווען איך לויף אים ניט נאָך און שטעל אים ניט אָפּ, וואָלט ער געקומען צו דער חופּה אָן דעם חתן...

מיך האָט שטענדיק געוווּנדערט וואָס אויף גוייִשע חתונות איז געווען אַזוי פיל פרייד און אויף יידישע — אַזוי פיל טרויער. אַ טאָג פאַר דער חתונה, פלעגן מיר, קלעזמער, גיין אין די הייזער פון חתנס און כלהס־צד שפּילן „דאָברי־דענס", זיינען די דאָברידיענס געווען אַזעלכע טרויעריקע, אָט טאַקע ווי אַ טרויער־מאַרש, און מחותנים האָבן געגאָסן ווי די ביבערס... היינט צו כלה־באַדעקן, צו חופּה־וועטשערע — יידן האָבן פּשוט געוויינט!

איין מאָל, שפּילנדיק פּילקע מיט מיין שוועסטער, האָט זי מיר געטראָפן מיטן שטעקן אין מויל און מיר אויסגעבראָכן אַ צאָן און איך האָב שוין מער ניט געקענט שפּילן אויף דער וואַלטאָרניע. מיין מוזיקאַלישע קאַריערע האָט זיך געענדיקט. נאָך ביז איצט גייט מיר נאָך אַ בענקשאַפט צו מיינע קלעזמער־יאָרן. אָט איז אַ טייל פון אַ ליד, וואָס איך האָב פון מיין קלעזמער־צייט געשריבן שוין שפּעטער מיט יאָרן:

„אָט זע איך דאָס הויז פון ר' שליאָמע דעם קלעזמער,
איך שווער, אַז איך הער די קאַפּעליע.
איך שפּיל די וואַלטאָרניע, און בער — דעם טראָמבאָן,
און עס הייבן זיך טענער צום סטעליע.

עס הייבן זיך טענער צום סטעליע, און שליאָמע,
ער שטייט מיטן סמיק איבער מיר:
„עס טאַטאַ, עס טאַטאַ, אַ רוח אין דיין טאַטן,
קיין לייט וועט ניט זיין שוין פון דיר".

איז טאַקע קיין לייט שוין פון מיר ניט געוואָרן,
אומזיסט פון די נאָטן געליטן,
און גאָר אין מיין יוגנט, האָב איך די וואַלטאָרניע,
אויף זעג און אויף הובל פאַרביטן".

מלאכה איז מלוכה — איך ווער אַ סטאָליער

די מאַמע האָט זיך גוט אָנגעזעגנט ווען זי האָט זיך מיט מיר געזעגנט. דער טאַטע האָט מיך גענומען פאַר דער האַנט, און מיר זיינען אַוועק צוואַנציק ווערסט צופוס קיין סאָסניצע, צו ברוך, אסתר דער קאָטשיקאָוויצערס, מיך אָפּגעבן אין דער לער פאַר אַ סטאָליער.

אָט איז אַ טייל פון אַ ליד וואָס איך האָב ווידער טאַקע, העט מיט יאָרן שפּעטער, געשריבן וועגן דעם טאָג, וואָס ווערט אויבן דערמאָנט:

„אַ האַרבסטיקער פרימאָרגן אין אונדזער שטעטעלע מענאַ.
דער טאַטע זאָגט: נו, קום מיין זון.
די מאַמע, אַן אומעטיקע אַזאַ.
דאָס פירט אַוועק דער טאַטע דעם מיזיניק,
צו ברוך אסתרס זיך לערנען סטאָלעריי.
„מלאכה איז מלוכה"
אַן אַרבעט לערנען, איז זייער כדאי!"

צוואַנציק ווערסט צופוס געגאַנגען
באַגלייט פון גרויע וואָלקן-פלאַכטעס,
וואָס זיינען ווי איבערן קאָפּ געהאַנגען
אַ האַרבסטיקער ווינט האָט באַוויינט דעם פעלד,
וואָס האָט זיין גאָלדענע קרוין פאַרלוירן.
ערשט געשניטן ווייץ און קאָרן,
געוואַלגערט האָבן זיך אין סנאָפּעס,
ווי באַזיגטע זעלנער נאָך אַ שלאַכט,
און קיין סאָסניצע געקומען
ווען געווען איז שוין פאַר נאַכט

אַריין אין ברוכס הויז,
איז דאָרט געווען ברוך, חיה שרה,
קינדערלעך אַ זיבן,
נאָר מיין בליק איז הענגען געבליבן
אויף אַ בחורל אַ זעכצן יאָר:
בלויע אויגן, בלאָנדע האָר.
פריינדלעך שטרעקט ער אויס צו מיר
זיין סטאָליאַרסקע האַנט,
— מאיר איז מיין נאָמען,
דיינער — ? לאָמיר זיין באַקאַנט!"

— — — — — — — — — —

די פריינדשאַפט וואָס מיר האָבן דאַן פאַרזייט,
האָט דורך די אַלע יאָרן,
אונדז אויף אונדזער לעבנסוועג באַגלייט.

דאָס איז אַן אויסצוג פון אַ ליד וואָס איך האָב געשריבן לכבוד מיין ליבן, גוטן יוגנט־פריינד מאיר באַראַן, וואָס איז שפּעטער געוואָרן מיין שוואָגער, צו זיין פינף און זעכציקסטן געבוירן־טאָג.

דורך דער צייט, וואָס דער טאַטע האָט געשמועסט מיט ברוכן, האָב איך זיך, ווי אין ליד דערמאָנט, באַקאַנט מיט מאירן. ער איז שוין געווען אין דער אַרבעט דריי יאָר, כמעט אַ פאַלנער בעל־מלאכה.

אָפּגעמאַכט: דער טאַטע צאָלט, דאָס הייסט, ער וועט צוצאָלן ברוכן צוואַנציק רובל און איך וועל זיין „אין דער לער" צוויי יאָר.

ניט גלייך האָט מען מיך גענומען לערנען סטאָלעריי. איך האָב פריער געדאַרפט זיך שפּילן מיט די קינדער און זיי ניאַנטשען, פאַרקערן די סטרושקעס פון שטוב, פאַרקאָכן קליי און אַכטונג געבן עס זאָל ניט צו־ברענען, אויסגלייכן פאַרראָסטע טשוועקעס פון גאַלאַנטעריי־קאַסטנס, וואָס ברוך פלעגט ברענגען אויף אַ וועגעלע פון מאַרק, און מאַכן פון דעם „מעבל" און — בכלל — „פאָלגן אַ גאַנג".

און וואָס איז באַשטאַנען דער „פאָלג מיך אַ גאַנג"? ברוך, אויסער זיין סטאָלעריי, האָט אויך געהאַט אַ זייטיקע פרנסה: ער האָט פון אַ פאַר־בייפאַרנדיקן יידן זיך אויסגעלערנט צו מאַכן שפּיגלען און טינט. איז קיין

שפיגלען האָט ער ניט געמאַכט, טינט — יאָ. דער זעלבער ייד האָט אויך אויסגעלערנט חיה־שרהן, ברוכס ווייב, מאַכן סמאָלע פאַרן שוסטער־געברויך.

אויף צו מאַכן טינט האָט מען געדאַרפט ניט נאָר וואַסער, נאָר נאָך צוויי סאָרטן מאַטעריאַלן מיט זייער מאָדנע נעמען, וואָס ניט איך און ניט סאָסניצע האָבן פריער פון דעם געהערט: „עקסטראַקט" און „קראַנקאַל".

טשיקאַווע איז געווען, אַז ווען מ'האָט איינעם פון אָט די מאַטעריאַלן פון שוואַרצן קאָליר אַריינגעטאָן אין וואַסער, איז דאָס וואַסער רויטלעך געוואָרן. דער צווייטער פון די מאַטעריאַלן, כאָטש אַ רויטער, ווען מען האָט אים צעמישט מיט וואַסער, איז דאָס וואַסער שוואַרץ געוואָרן — דאָס הייסט, שוואַרצלעך, וואָרעם דער טינט איז עפּעס ביי ברוכן שטענדיק אַרויסגעקומען צו־וואַסערדיק, ניט שוואַרץ גענוג. צי דערפאַר, וואָס ער האָט אָנגעפּליוכעט אַ פולע דייזשע מיט וואַסער, צי דערפאַר, וואָס ער האָט ניט אַריינגעטאָן גענוג עקסטראַקט און קראַנקאַל, ווייל וואַסער האָט קיין געלט ניט געקאָסט, אָבער עקסטראַקט און קראַנקאַל האָבן יאָ געקאָסט געלט, און ברוך, זאָל ער מיר מוחל זיין, איז געווען אַ ביסעלע קאַרגלעך... אויף צו שרייבן איז דער טינט טאַקע אפשר געווען ניט גענוג שוואַרץ, אָבער די העמדלעך מיט פלודערלעך פון די יינגלעך, וואָס האָבן אין דעם זעלבן הויף געלערנט ביי אַ מלמד און געהאָלפן ברוכן צעגיסן דעם טינט אין טשיקאַווע פלעשלעך און טינטערלעך — זיי זענען שוין דווקא גוט שוואַרץ געוואָרן און ס'האָט זיך אַ ביסל געטאָן... חיה שרה, צו איר סמאָלע מאַכן, האָט אויך געדאַרפט איינקויפן אַ זייער שוואַרצע סאָרט פּליסיקייט. נאָך אָט דער שוואַרצער פליסיקייט און נאָך דעם עקסטראַקט און דעם קראַנקאַל, פלעגט מען מיך שיקן אין אַפּטייק איינצוקויפן.

ווען דאָס וואָלט געווען זומער־צייט, וואָלט עס ניט שלעכט געווען, איז עס אָבער ווינטער. דער שניי איז טיף, דער פראָסט ברענט, און איך דאַרף אַלע מאָל לויפן אין אַפּטייק אין מיידלשע שיך, מיט הויכע אָפּצאָסן און הויכע כאָלעוועלעך, וואָס האָבן זיך פאַרשפּיליעט אויף „זאַפּינקעס", די פאָדעשוועס פון די שיך זיינען דין, און דערצו היפּשלעך אָפּגעטראָגן.

ווי קומט צו מיר מיידלשע שיך? — מיין באָבע אסתר, וועלכע האָט געוווינט אין סאָסניצע, און כידוע אויפגעקויפט אַלטע קליידער ביי די פּריצים, זי האָט עס מיר געגעבן אַ „מתנה" אָט די שיך. ווען איך האָב פּראָטעסטירט, אַז דאָס זיינען דאָך מיידלשע שיך, — האָט זי זיך נאָך צע־

שריען אויף מיר: „אַ העזה פון אַ ייִנגל, דער רייכער באַרישניע איז אָנגעשטאַנען צו טראָגן די שיך און אים שטייט ניט אָן. מנע!” מילא, צי זי איז געווען גערעכט, צי נייִן, נאָר איידער גאָר קיין שיך ניט, איז שוין מיידלשע שיך אויך רעכט געווען... אָבער קיין תכלית פאַר מיר אָרומ־צוגיין אין שליחותן און זיך אָפּפּרירן די פיס, איז עס אויך ניט געווען. נו, האָט אַ פּאָר מאָל „געטראָפן” אַז גראָד ווען איך בין שוין געווען ביי דער טיר, איז מיר אַרויסגעפאַלן די שוואַרצע פּליסיקייט מיטן עקסטראַקט און מיט קראַנקאָל — און איך האָב עס אין דער ערד! — עס האָט געהאָלפן, אויס שיק ייִנגל, מען לערנט מיך שוין די אַרבעט ווי אַזוי צו מאַכן אַ צאַפּן, דאָלבען לעכער און „פאַרצייכענען” אַ פענצטער.

נאָכן אָפּדינען מיינע צוויי יאָר ביי ברוכן, האָט ער מיר אָנגעבאָטן גאַנצע אַכצן רובל אַ יאָר מיט קעסט. — איך האָב דעם אָנבאָט ניט אָנגענומען און אַוועק אַהיים קיין מענאַ.

מענאַ כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי

קיין מענאַ איז אַראָפּגעקומען אַזש פון דייטשלאַנד אַ ייד, הער הערמאַן זאַק, ער האָט אָפּגעדונגען ביי אַ רייכן פּאָמיעשטשיק אַ שטיק לאַנד מיט גרויסע, פאַרטיקע געביידעס און געעפנט אַ פאַבריק, ווו עס זיינען אויס־געאַרבעט געוואָרן שטרויענע זעקלעך אויף צו פּאַקן פלעשער פאַר וויין און קעפּלעך צוקער. די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן פלעגן אַוועקגעשיקט ווערן קיין „זאַגראַניצע״ (אויסלאַנד).

די פּויערן פון מענאַ און אומגעגנט האָבן שוין ניט געדאַרפט מער אַרויסקוקן אויף יידן זיי זאָלן קויפן ביי זיי אַ וועגעלע שטרוי צו הייצן דעם אויוון, אָדער אָנשטאָפּן עס אין אַ זאַק צו שלאָפן אויף דעם. הער הערמאַן האָט שוין אָפּגעקויפט דאָס גאַנצע שטרוי, וואָס די פּויערים האָבן אַריינ־געפירט אין שטאָט.

קודם כל, זיינען אַוועק אַרבעטן אין פאַבריק די גאָר אָרעמע קינדער, מיינע דריי שוועסטער בתוכם. שפּעטער, ביסלעכווייז, האָבן זיך ווי אַריינ־געגנבעט באַלעבאַטישע קינדער, ווי אויך אַ ביסל קריסטלעכע בחורים און מיידלעך.

מ׳האָט געדאַרפט האָבן שטעפּער, וואָס פלעגן שטעפּן דעם שטרוי אין אַזעלכע שטאָלענע ראָמען; „בינדער״ — צונויפצובינדן דאָס גע־שטעפּטע שטרוי; שנײַדער — עס אַרומצושניידן און פּאַקירער, וועלכע פלעגן עס פאַרטיק מאַכן צום אַוועקשיקן. גאָר קיין גרינגע אַרבעט איז עס ניט געווען. די, וואָס האָבן געדאַרפט דרייען דאָס רעדל פון מאַשין אַ גאַנצן טאָג מיטן האַנט, זיינען געקומען אַהיים ווי מיט אויסגעדרייטע הענט. פונעם שטרוי האָט זיך געטראָגן אַ היפּשער שטויב און די אַרבעטער האָבן גאָר נישקשהדיק אונטערגעהוסט. די פאַרדינסטן זיינען געווען קליינע. גענוג צו זאָגן, אַז דער הויפּט־אויפזעער, וועלכער פלעגט פאַרריכטן די מאַשינען און די שטאָלענע ראָמען — האָט געקראָגן פינף און צוואַנציק רובל אַ חודש, און מען האָט שוין אויף אים געקוקט ווי אויף אַ מיליאָנער...

אין שטאָט זיינען דערגאַנגען קלאַנגען וועגן דעמאָנסטראַציעס און „זאַבאַס־טאָווקעס" (שטרייקן) אין די גרעסערע שטעט.

ביי אונדז אין שטאָט זיינען געווען אַ ריי אַרבעטער פון פאַרשידענע פאַכן, וואָס זיינען געקומען פון גרעסערע שטעט, ווו זיי האָבן שוין געהערט צו דער באַוועגונג און אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די שטרוי־פאַבריק־אַרבעטער. און מענאַ האָט דערהערט אַזעלכע מאָדנע ווערטער ווי: „דעמאָקראָט", „בונד", „עס עס", „עס ער" און „איסקראָ". און טאַקע ווי אַן איסקראָ, אַ פונק האָט זיך עס אין אַ פייער צעבלאָזן, און אַרומגעכאַפּט כמעט די גאַנצע יוגנט. מ'האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן אַ „זאַבאַסטאָווקע" אין דער שטרוי־פאַבריק.

קאָנספּיראַציע

ווי אַזוי קען מען גאָר פאַרגעסן אַ ליכטיקע, דורכזיכטיקע ווינטער־נאַכט אונטערן אוקראַיִנישן הימל! זילבער־וואָלקנס שוועבן אַזוי גיך, גיך, ווי זיי וואָלטן אין עֶרגעץ געאײַלט. און ווי גיך דו זאָלסט ניט גיין, שווימט די לבנה דיר פאָרויס און באַלײַכט דעם וועג, וואָס פירט צו הײַשיע מיכ־לינס קעלער, ווו אונדזער סטאָלאַרנע מײַסטערסקאַיע געפינט זיך. און אַהער אין קעלער ציען זיך בחורים און מיידלעך. איינער ווייסט ניט פונעם צווייטן און צוליב „קאָנספּיראַציע" גייען אַלע מיט פאַרשידענע גאַסן, און אַז מען קומט זיך צוזאַמען, דערפילט זיך אַזאַ פאַרברידערונג און פאַר־שוועסטערונג פון איינעם צום צווייטן, הייליק איז געווען די שעה!

אַ חבר, אַ בונדיסט, איז געשיקט געוואָרן פון אַ צווייטער שטאָט, אונדז צו אָרגאַניזירן. דאָס ערשטע, וואָס ער האָט אונדז געלערנט, איז — „קאָנ־ספּיראַציע". ער האָט גערעדט וועגן אונדזער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאַגע, צעטיילט בראָשורן געדרוקטע אויף דינעם, ווי פּאַפּיראָס פּאַפּיר: „די מעשה פון פיר ברידער", „די ערפורטער פּראָגראַם", „ווי אַזוי מיר האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט" און געלערנט אונדז צו זינגען די שבועה: „דען מיט אמת איז אונדזער ליבע געבונדן" און די מאַרסעליעזע. אמת, אַ סך פון די ווערטער פאַרשטייען מיר אַפילו ניט, אָבער וואָס מאַכט עס אויס? מיר פילן, אַז יעדעס וואָרט איז הייליק. און מיר האָבן שפּעטער געזונגען:

„קלייבט זיך צונויף, איר אַרבעטער־מאַסן,
אַהער צו אונדזער רויטער פאָן,
קלייבט זיך צונויף, איר פעלקער, ראַסן
פאַראייניקט זיך אין אַרציאָן...

(געמיינט: אין איין נאַציאָן)

און ווייטער אינעם זעלבן ליד:

און אויב איר ווילט, ברידער, וויסן,
ווער דער שונא קאָן דאָס זיין,
וואָס ער טוט אונדזער בלוט פאַרגיסן,
און טרינקט עס ווי דעם בעסטן ווייןי?
דאָס זיינען סוחרים, שפּיגרילאַנטן
(געמיינט ספּעקולאַנטן)

דאָס זיינען רייכע פאַבריקאַנטן.
און נאָך ווער, און נאָך ווער?
און דער קייסער מיט דער באַנדע,
מיט זיין סאָבאַטשער קאָמאַנדע —
אָט דאָס איז אונדזער שונא!...

צו די ערשטע צוועלף זיינען צוגעקומען נאָך צוועלף, און נאָך און נאָך — געגנוג שוין צו פונאַנדערטיילן זיך אויף בונדיסטן, סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און איסקראָווצעס. איך האָב איין מאָל צוגעהערט ווי מיינער אַ קריסטלעכער חבר, ער האָט געאַרבעט מיט מיר אין דער זעלבער מייסטערסקאָיע, האָט „אַגיטירט" צוויי רוסישע יינגלעך: „דאָק בורכאַטשי (בורזשואַזי), טראַסצאַ איך מאַטערי, קאַרכליעטי ידיאָט, אַ נאַשעהאַ בראַטאַ או טורמו סאַדיאַט". ער האָט צעטיילט די געזעלשאַפט אין צוויי קלאַסן: איין טייל עסט קאָטלעטן, און דער צווייטער טייל זיצט אין טורמע...

די באַציונג צווישן די פאַרשידענע פאַרטייען איז געווען אַ העכסט חברישע. די איסקראָווצעס האָבן זיך געחברט מיט די בונדיסטן, די בונדיסטן מיט די סאָציאַליסטן־ציוניסטן, געפירט דיסקוסיעס, געפּרוּווט איינער דעם צווייטן אַריבערגעווינען צו זיך אידעאָלאָגיע און פון צייט צו צייט געהאַט געהיימע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען.

ווען אונדזער אָנפירער, דעם טשערניגאָווער רבס זון, האָט אונדז איין מאָל געהערט זינגען:

ציוניסטל, ציוניסטל,
קעצישער מוחל,

גיי אריבער צום דעמאָקראַט
און לערן זיך ביי אים שכל —

האָט ער עס אונדז אויסגערעדט און געזאָגט, אַז ס׳איז ניט חבריש. אַוודאי דאַרף מען דעבאַטירן, אָבער אויף אַן אָנשטענדיקן אופן, ניט יענעם צו באַליידיקן. מענטשן קענען אַ מאָל גיין אויף באַזונדערע וועגן, אָבער צו איין און דעם זעלבן ציל...

בעיקר איז געווען זייער אַ חברישע באַציונג צווישן דער „איסקראַ״, מערסטנס קריסטלעכע חברים, און „בונד״. איך געדענק ווי איין מאָל האָבן די איסקראַ און דער „בונד״ באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ בשותפותדיקע פּראָקלאַמאַציע. דער בונדיסטישער אָנפירער האָט אָנגעשריבן דעם אָריגינאַל, אָנהייבנדיק מיט: „דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־בונד פון רוסלאַנד, ליטע און פוילן״, האָט דער איסקראַוויעץ פּראָטעסטירט: ווי באַלד מיר פירן די אַקציע צוזאַמען — איז פאַר וואָס עפּעס אויסטיילן דעם יידישן אַרבעטער, און צו וואָס דאָ דער „בונד״? זאָל זיך עס לייענען „אַלגעמיינער אַרבעטער פאַרבאַנד פון רוסלאַנד, ליטע און פוילן״, און אַזוי האָט זיך טאַקע די פּראָקלאַמאַציע געלייענט...

ס׳איז געווען אין אַ קאַלטער ווינטער־נאַכט אין יאַנואַר. די פּראָקלאַמאַציע איז געדרוקט געוואָרן אויף אַ היימיש געמאַכטן העקטאָגראַף און איך בין געשטאַנען אין גאַס אויף פּאַטרול מיט אַ דין שוואַרץ שטריקל, וואָס האָט זיך געצויגן פון מיר ביז אין הויז אַריין. ביים עק פון שטריקל איז געווען צוגעבונדן אַ גלעקל, טאָמער דערזע איך פּאָליציי אָנקומען, גיב איך אַ צי דאָס שטריקל, און דער העקטאָגראַף מיט די פּראָקלאַמאַציעס ווערן גלייך אַריינגעוואָרפן אין אויוון. איינע פון די פּראָקלאַמאַציעס האָט דער טאַטע געפונען אונטער דאַבעס קישן, איז ער מיט דעם אַוועקגעלאָפן צום רב. דאָס הייסט ניט, חלילה, פרעגן אַ שאלה, נאָר זיך מיט אים האַלטן אַן עצה. זיי האָבן אָבערביידע ניט געוווּסט, אַז דעם רבס ביידע טעכטער געהערן אויך צום „בונד״...

עס פלעגן טרעפן קאָמישע סיטואַציעס אַרום דער באַוועגונג. למשל: אַ חבר אונדזערער, אַ גרויסער חכם מסתמא געווען, גייט אין גאַס, ווו אונדזער געהיימע קוואַרטיר געפינט זיך, און ער דערזעט פּאָליציי. פאַלט אים

איך, אַז דאָס גייען זיי צו אונדזער קוואַרטיר, און לאָזט זיך לויפן צום הויז אָנזאָגן די חברים.

אין הויז האָט זיך דאַן געפונען דער חבר „פּראָפעסיאָנאַל" פון סאָס־ניצע. ער איז געקומען צו אונדזער אָנפירער זיך בּאַראַטן וועגן אַ צוזאַמענ־אַרבעט פון די צוויי שטעט, חוץ זיי זיינען נאָך אַ פּאָר חברים געווען אין הויז.

ווען דער סאָסניצער חבר האָט דערהערט, אַז פּאָליציי גייט, האָט ער אַ זאָג געטאָן: טראָגט אַלץ אַרויס דורך דער הינטערטיר, און אַליין איז ער אַראָפּ פון די טרעפּ און זיך געלאָזט לויפן. ווען די פּאָליציי האָט דערזען אים אַרויסלויפן פון הויז, האָבן זיי קודם כל אָנגעהויבן לויפן נאָך אים. ווען ער איז אָפּגעלאָפן אַ היפּש שטיקל וועג פון הויז, האָט ער זיך אָפּ־געשטעלט כלומרשט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. די פּאָליציי פאַרשטייט זיך האָט אים „געכאַפּט".

— אַ פּאַספּאָרט האָסטו? — פרעגט אים דער עלטסטער פון דער פּאָליציי.

— קאָניעטשנאָ, — ענטפערט ער, און ווייזט זיין פּאַספּאָרט.

דער פּאָליציאַנט איז נשתומם געוואָרן.

— פאַר וואָס זשע ביסטו געלאָפן, אויב דו האָסט אַ פּאַספּאָרט?

— וואָס פעלט איך איך, אַז איך בין פון אייך געלאָפן? ס'איז זייער קאַלט, בין איך געלאָפן זיך אָנצוּוואַרעמען.

— אָבער האָסט דאָך געזען אונדז לויפן, האָסטו זיך דאָך געקענט אָפּשטעלן?

איך האָב געמיינט, אַז אייך איז אויך קאַלט און דערפאַר לויפט איר...

איך בין זיכער אַז דער סאָסניצער חבר האָט געהערט דעם וויץ פון די צוויי יידן אין קיעוו מיט זייער „פּראַוואָזשיטעלסטוואָ"...

ביי הערמאַן זאַק אין פאַבריק איז שוין אַ „זאַבאַסטאָווקע", און ביי אַברהם נחום דעם „דאַמסקען" שניידער ברעכן מיר ביי נאַכט אויס די שויבן און וואַרפן אַריין אַ צעטל צוגעבונדן צו אַ שטיין, אַז מיר פאָדערן בעסערע באַדינגונגען און „וועזשליווע אָבראַשטשעניע" (העפלעכע באַציונג) פאַר זיינע גייטעריגס...

רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה

יאַר 1905.

באַן נאָך באַן פירן סאָלדאַטן צום פראָנט. אויך פון אונדזער שטאָט האָט מען מאָביליזירט מענטשן, צווישן זיי, דאָקטאָר מאַסקאַלסקי, אַ פּאָליאַק, מיר האָבן אים אַלע זייער ליב געהאַט.

ביים סוף פון דער וואָקזאַל־פּלאַטפאָרמע, פאַררוקט הינטער דער „וואָדאָקאַטשקע" (וואַסער־געשטעל), וואָס פּאָמפּעט וואַסער פאַר די לאָקאָמאָטיוון, שטייט מיין חבר מאיר מיט אַ גרויסן פּאַק פּראָקלאַמאַציעס. סאָלדאַטן פאָרן אין פראַכט־וואַגאָנען, אויף וועלכע עס איז אָנגעשריבן: „פערציק מענטשן — אַכט פערד". אָבער די וואַגאָנען זיינען אָנגעפּאַקט מיט מער ווי צוויי מאָל פערציק מענטשן. די טירן פון די וואַגאָנען זיינען ברייט צעעפנט, אַז עס זאָל אַריין פרישע לופט. ווען אַ וואַגאָן דערנענטערט זיך צום אָרט, וווּ מאיר שטייט פאַרטייעט, גיט ער אַ וואָרף עטלעכע פּראָקלאַמאַציעס אין וואַגאָן אַריין און שרייט אויס: „טשיטייטיע בראַטצי", דאָס הייסט, לייענט, ברידער. דאָס קעפּל פון דער פּראָקלאַמאַציע איז: „ק׳סאָלדאַטאַם" (צו די סאָלדאַטן) און עס שרייבט זיך דאָרט: „ברידער, ניט אין דער מלחמה פירט מען אייך, נאָר צום שלאַכטהויז. צענדליקער טויזנטער אומשולדיקע מענטשן ליגן שוין אונטער די שנייען אויף די פעלדער פון מאַנדזשוריע. שלאָגט זיך ניט פאַר דער פינצטערער צאַרישער רעגירונג, וואָס האַלט דאָס פאָלק ווי אין קייטן געשמידט. וואַרפט אַוועק אייער געווער, קערט זיך אום צוריק צו אייערע פרויען און קינדער, צו אייערע עלטערן, צו אייערע פעלדער, וואָס איר האָט איבערגעלאָזט. נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! נידער מיטן קריג! זאָל לעבן דער שלום! זאָל לעבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע!".

אַוודאי, ווען מען כאַפּט מאירן ביי אָט דער אַרבעט, וואָלט ער איצט ניט געווען קיין לעבעדיקער עדות פון דעם, וואָס עס ווערט דאָ געשריבן.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה, האָט די צאַרישע רעגירונג זיך באַ־

רימט: „מיט אונדזערע פּאַפּאַכעס (פוטערנע היטלען) וועלן מיר פאַרוואַרפן די יאַפּאַנטשיקעס. מען דאַרף אַפילו קיין געווער ניט פאַר זיי“. אָבער ווען רוסלאַנד האָט מיאוס פאַרשפּילט די מלחמה, האָט זי אויסגעלאָזט צום שעיר־לעזאזל — די יידן.

פּופּצן בונדיסטן און דריי איסקראָווצעס, צווישן זיי צוויי רוסישע חברים, האָבן אָרגאַניזירט אַ זעלבשוץ. אונדזער גאַנצער אַרסענאַל איז באַשטאַנען פון צוויי רעוואָלווערן און פינף נאַגייקעס — ווייט ניט גענוג אויף צו באַשיצן זיך מיט דעם פון אַ פּאָגראָם.

מיר דערוויסן זיך, אַז אין דער אַלטער שול קומט פאָר אַן אַסיפה. גייען מיר אַלע אַוועק אין שול. אַרום אַ לאַנגן טיש זיצן די פּני פון שטאָט. מען שלאָגט פאָר אַז מאַניע נאַרינסקי, דער רייכסטער ייד אין שטאָט, זאָל געבן הונדערט רובל, און אַזוי ווייטער לויט דער פאַרמעגלעכקייט פון די פאַרזאַמלטע, און פאַרן געלט וועט מען אונטערקויפן דעם פּריסטאַוו מיטן נאַדזיראַטעל, זיי זאָלן ניט דערלאָזן צו קיין פּאָגראָם.

דאָס דערהערט, איז אונדזער פאַרשטייער אַרויף אויף דער בימה, אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש און אויסגערופן: ליבע יידן, באַטראַכט גוט וואָס איר טוט! דער פּריסטאַוו און דער אוריאַדניק זיינען דאָס די, וואָס העצן צו אַ פּאָגראָם לויטן באַפעל פון דער צאַרישער רעגירונג. מיר בעטן אייך, גיט בעסער אונדז דאָס געלט, מיר וועלן פאַר דעם קויפן געווער, מיט דעם זיך פאַרטיידיקן און ניט לאָזן זיך אויסשעכטן ווי די שאָף.

ס'איז געוואָרן אַ טומל מיט אַ געשריי: „אַוועק פון דאַנען, איר באָסיאַ־קעס, פּאָליציי גלייך רופן“! זיי זיינען אַלע אַרויסגעלאָפן פון שול און אונדז דאָרט איבערגעלאָזט.

אונדז האָט זייער פאַרדראָסן זייער האַנדלונג און אויף צו מאָרגנס איז אונדזער גאַנצער זעלבשוץ, צוזאַמען מיט אַ פּאָר מיידלעך, און פאַרשטייט זיך, מיט מיין שוועסטער שיינע־דאָבע, אַוועקגעפאָרן קיין האָמליע, זיבן סטאַנציעס פון מענאַ.

די באַנען זיינען געווען איבערגעפּאַקטע, מען איז געשטאַנען אין די דורכגאַנגען פון די וואַגאָנען, געזעסן אויף די טרעפּ, אויף די דעכער פון די וואַגאָנען. די קאָנדוקטאָרן האָבן אַפילו ניט געפּרוווט איינקאַסירן פאַר בילעטן. יידן זיינען געלאָפן ווהין די אויגן האָבן געטראָגן, כדי אויסצומיידן אַ פּאָגראָם — און אָפט ערשט אַריינגעפאַלן אין אַ שטאָט אין סאַמע פּאָגראָם.

עטלעכע פון אונדז האָבן געהאַט אין האַמליע חברים, אָדער סתם באַקאַנטע, צו וועמען צו פאַרפאָרן. די מערסטע פון אונדז זיינען געשלאָפן אין אַ פּאַרק, מיט די שטיול צוקאָפּנס. האַמליע איז אין „יענע טעג" געווען כמעט אַן אמתע פרייע רעפּובליק. אויף פאַרשידענע טיילן פון דער לאַנגער קוזניעטשנער גאַס, ווו ס׳איז געווען די אַרבעטער־בירזשע, זיינען פאַרגעקומען מיטינגען פון בונדיסטן, אַנאַרכיסטן, עס־ערן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן — מיט איין וואָרט, פון אַלע פּאָליטישע ריכטונגען. די ווענט פון גאַס זיינען געווען פאַרקלעפּט מיט פּראָקלאַמאַציעס. אַן עלטערער מאַן איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ גרויסן פּאַק פּראָקלאַמאַציעס און זיי פאַרטיילט צו די פאַרבייגייער: מען לאָזט וויסן, אַז מאָרגן, שבת, וועט פאַרקומען אַ דעמאָנסטראַציע, און אַלע, אַן אונטערשיד פון פּאַרטיי, זאָלן דאָ זיין, יעדער באַוואָפנט מיט וואָס נאָר ער קען.

צו דער באַשטימטער צייט זיינען אַלע געקומען, על פי רוב מיט פולע קעשענעס שטיינער... פיר אַ זייגער בייטאָג האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן אין דער דעמאָנסטראַציע די רוסישע חברים, וואָס זיינען ערשט אַרויס פון די פאַבריקן און זאַוואָדן. אַ צען טויזנט קעפּיקער עולם האָט זיך אַוועקגעלאָזט צו דער אַריסטאָקראַטישער „רומיאַנטשיסקע"־גאַס. חברים האָבן געהאַלטן די אָראַטאָרס אויף די אַקסלען, אַז זיי זאָלן קענען רעדן צום עולם.

די איינוווינער פון גאַס, וועלכע זיינען געזעסן אויף זייערע וועראַנדעס אָדער באַלקאָנען, געטרונקען טיי און פאַרבראַכט, זיינען אין שרעק אַריינגעלאָפן אין די הייזער. די גאַס איז געוואָרן ווייס — ווי אַ שניי וואָלט ערשט געפאַלן — פון די צענדליקער טויזנטער פּראָקלאַמאַציעס, וואָס זיינען געוואָרפן געוואָרן אין דער לופטן.

עס איז אָנגעקומען דער פּאָליצמייסטער מיט רייטער־פּאָליציי. דער פּאָליצמייסטער האָט געשמט פאַר אַ ליבעראַלן מענטש. ער האָט געוואָלט אויסמיידן אַ בלוט־פאַרגיסונג, און ממש געבעטן זיך ביי די דעמאָנסטראַנטן: „זייט אַזוי גוט און גייט אייך אויף אייער בירזשע". די דעמאָנסטראַציע האָט זיך געענדיקט אויף אַ פרידלעכן אופן...

אין אַ וואָך אַרום, קערן מיר זיך אַלע אום צוריק אין מענאַ. מיר טרעפן די טיר פון אונדזער הויז אָפן. עס פעלט גאַרניט. אונדזערע עלטערן זיינען אפנים אויך ערגעץ ווו אַוועק.

מען האָט טאַקע אונטערגעקויפט דעם פּריסטאַוו מיטן אוריאַדניק און

ס׳איז פאַרגעקומען בלויז אַ „קליין פּאָגראָמל״ — צעראַבעוועט עטלעכע קראָמען, אויסגעהאַקט אַ פּאָר צענדליק שויבן. ווען דער אוריאַדניק האָט געשטערט די כוליגאַנעס פון גיין „צו־ווייט״, און אַ פּאָר פון זיי דערלאַנגט מיט דער נאַגייקע, זיינען זיי דערצאָרנט געוואָרן אויף אים און געשריען: פריער האָסטו אונדז אַליין געהייסן, און איצט לאָזסטו ניט? זיי האָבן אים אַראָפּגעשלעפּט פון פערד און ער אַליין האָט זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן...

דער מסור

אין מענאַ איז ניט געווען צו וואָס זיך צו נעמען, אין סנאָווסק, האָב איך געהערט, קען מען קריגן אַרבעט. איך האָב געהאַט מיין פאַרמעגן פינף און דרייסיק קאָפּיקעס. האָב איך איבערגעלאָזט צוואַנציק קאָפּיקעס דאָבען, און מיטן איבריקן „געלט", זיך געלאָזט קיין סנאָווסק. אַוועקגעגעבן דעם קאָנדוקטאָר מיין גאַנץ פאַרמעגן, קום איך אָן אין סנאָווסק מיט ליידיקע קעשענעס, און נאָך אַ ליידיקערן מאָגן...

איך קום אַריין צו אַ געוויסן באַלעבאָס.

— וואָס קענסטו טאָן? — פרעגט ער מיך.

— איך קען מאַכן טירן און פענצטער.

— גוט — זאָגט ער — איך וועל דיר געבן דרייסיק רובל אַ יאָר מיט עסן.

אויף דעם מאָמענט האָט מיך ניט אינטערעסירט וויפיל ער וועט מיר צאָלן, געהערט האָב איך דאָס וואָרט: עסן, און ווי שעמעוודיק איך בין געווען, — האָב איך דאָך קוים אַרויסגעשטאַמלט: אפשר קען איך קריגן דערווייל עפּעס אָפּצועסן?

לאַנג פאַר דער פרייז האָט איך ניט געאַרבעט. אין צוויי חדשים אַרום, האָב איך געפאָדערט פינף רובל אַ חודש, נאָך אין צוויי חדשים — זיבן רובל אַ חודש.

די מייסטערסקאַיע איז זומערצייט געווען אין אַ גרויסן שטאַל. געמאַכט האָבן מיר טירן און פענצטער פון סאָסנאָווע האָלץ. זיינען, פאַרשטייט זיך, געווען אַ סך „סטרוזשקעס" און אויף דעם, זיינען מיר, עטלעכע אַרבעטער, געשלאָפן. נו, האָב איך געפאָדערט פון באַלעבאָס, אַ בעטל אויף צום שלאָפן, און דער באַלעבאָס האָט געטענהט: — „וואָס דאַרפסטו אַ בעטל, איר שלאָפט דאָך דאָ ממש ווי אין אַ סאָסנאָוון וואַלד"...

איך האָב אָבער מיינס אויסגעפירט, און אויסגעפירט האָב איך דער־פאַר, וואָס מיט מיין אַרבעט האָב איך זיך געקענט פאַרגלייכן מיט די אַר־בעטער, וואָס האָבן געקראָגן זיבן רובל אַ וואָך, און ניט ווי איך, זיבן רובל

אַ חודש — צוליב דעם, וואָס איך בין געווען אַזוי יונג און קליין געוואַקסן. מיט דער צייט האָבן די אַרבעטער פון די סטאָלאַרנע מייסטערסקאַיעס זיך אָרגאַניזירט און געפאָדערט אַ צען־שעהענדיקן אַרבעטסטאָג. די באַלע־באַטים האָבן געגוואַלדעוועט אַז מיר וועלן זיי אומגליקלעך מאַכן, אָבער מיר זיינען באַשטאַנען אויף אונדזערס און דערקלערט אַ שטרייק!

די שטרייקערס האָבן געקריגן צען קאָפּיקעס אַ טאָג שטרייק־הילף. ווער איז געווען צו אונדז גלייך, ווען מיר, פינף יינגלעך האָבן זיך צוזאַ־מענגעלייגט, געקויפט אַ לאַנגן קאַלבאַס מיט אַ צווײ לעבלעך ברויט, פאַרטרונקען מיטן קילן וואַסער, וואָס איז געפלאָסן אין אַ שמאָלן קלאָרן שטראָם אין ווונדערלעכן סאָסנאָוון וואַלד אויף זיין וועג צו ערגעץ אַ טייך? דאָ זיינען מיר אָפּגעלעגן גאַנצע טעג, אַ מאָל אפילו דאָ געשלאָפן, זיך דער־ציילט מעשיות, און „געשפּיגן אויפן הימל"...

איין באַלעבאָס האָט אונדז פאַרמסרט פאַר דער פּאָליציי, און פאַר מסרן. איז אין „יענער צייט" געקומען טויטשטראָף.

אונדזער הויפּט־אָנפירער, לייבעטשקע דעם מילנערס, איז געווען „אַ יאָט מיט ביינער". האָט ער אין אַ ביינאַכט אָפּגעוואַרט „רב סענדערן", טאַקע ביי אים אויפן גאַנעק. רב סענדער האָט ביי אונדז געהייסן דער פּריסטאַוו, ווייל ער איז זייער ענלעך געווען מיט זיין הויכער געשטאַלט און מיט זיין לאַנגער, געלער באָרד צו אַ ייד מיטן נאָמען „סענדער". האָט לייבעטשקע אַ כאַפּ געגעבן „רב סענדערן", דאָס הייסט דעם פּריסטאַוו פאַרן האַלדז און געזאָגט: „איך וועל דיר קיין שלעכטס ניט טאָן. זאָג מיר בלויז ווער איז דער מסור? אָבער אויב דו מאַכסט אַ טומל אָדער וועסט מיך פּרווון אַרעס־טירן, איז דיין לעבן ניט ווערט קיין פינף גראָשן, מיינע חברים קוקן אויף אונדז און היטן מיך פון דער ווייטן"...

דער פּריסטאַוו האָט אים געזאָגט ווער דער מסור איז. לייבעטשקע האָט אים באַדאַנקט און איז אַוועק. אונדזערע אָנפירער האָבן דעם מסור פאַר־משפט צום טויט און געשיקט צווײ „יאַטן" אים „אָפּראַמען".

אין אַ שיינעם זומער־פאַרנאַכט, האָבן די צווײ „יידישע גזלנים" זיך צוגעגנבעט מיט אַ געלאָדענעם רעוואָלווער צום פענצטער פון מסורס הויז, גרייט דורכצופירן זייער שליחות. נאָר דערזעענדיק, ווי אַזוי ער זיצט מיט זיין פרוי און דריי קליינע קינדערלעך מיטן סאַמאָוואַר אויפן טיש און זיי עסן וועטשערע, האָבן זיי פאַרלוירן דעם מוט. זיי זיינען אַריין אין הויז און

געזאָגט נאָך וואָס זיי זײַנען אײַן אמתן צו אים געקומען, און אים געגעבן אַן אולטימאַטום, אַז אין צוויי, העכסטנס אין דריי וואָכן אַרום, מוז ער פאַר־לאָזן רוסלאַנד, אָדער...

ער איז אַוועק קיין אַמעריקע, און אין אַ קורצער צייט אַרום אַריבער־גענומען זײַן ווײַב און קינדער. איך רוף אים ניט אָן ביים נאָמען, טאָמער וועט מײַן בוך אַ מאָל אַרײַנפאַלן צו זײַנע קינדער, ווײַל איך ניט זיי זאָלן וויסן, אַז זייער פאָטער איז געווען אַ מסור...

מיין ערשטער ראָמאַן

מיין באַלעבאָס האָט מיך געשיקט פאַרריכטן אַ טיר אין אַ הויז. די טיר האָט געפירט צו אַ צימער, וווּ ביי אַ טיש איז געזעסן אַ גימנאַזיסטקע אין אַ באַרכאַטענע קלייד און אין אַ זויבער־ווייסן פאַרטעכל. שיין איז זי געווען — אַזש ביים אָטעם האָט מיר פאַרכאַפּט. איך האָב נאָך, דאַכט מיר, אַזאַ שיינ־הייט קיין מאָל ניט געזען.

מיינע הויזן זיינען צו מיין שלימזל געווען צעריסן אין אַזאַ אָרט, וואָס ס'איז ניט שיין צו דערמאָנען... און צו פאַרריכטן די טיר, מוז איך אויף איר זיצן רייטנדיק, ווי אויף אַ פערד, האָב איך שוין געמוזט זיצן מיטן רוקן צו איר, כדי צו פאַרשטעלן מיין אומגליק. זיצנדיק אַזוי מיטן רוקן צו איר, האָב איך שוין געקראָגן מוט און זיך אָנגערופן צו איר: „איר ווייסט, איר זיינט זייער ענלעך צו אַ מיידל ביי אונדז אין מענאַ, חוה יעקב שלומס״.

— יאָ, — ענטפערט זי — מיר זיינען קוזינעס.

אויב אַזוי איז זי דאָך כמעט ווי אַ היימישע און איך האָב שוין גע־וואָגט איר שטעלן פאַרשידענע פראַגן. אידאַ פּאָטאַפּאָווסקי איז געווען איר נאָמען און איר היים איז עטלעכע סטאַנציעס ווייט פון סנאָווסק. דאָ, אין דעם הויז, איז זי אַ קוואַרטיראַנטקע...

איך האָב גערעדט צו איר אויף רוסיש. וואָס דען, ווי אַנדערש רעדט מען צו אַ גימנאַזיסטקע, און נאָך צו אַזאַ שיינהייט? אין פּשוטן מאַמע־לשון?

פאַרריכט די טיר, „דאָ סווידאַניע״, און אַוועק. אויף מאָרגן, פּונקט צוועלף בייטאָג, ווען איך בין געגאַנגען אין גאָס, האָב איך זי באַמערקט גיין פון דער גימנאַזיע אויף דער אַנדערער זייט טראָטואַר, מיט אַ גאַנצן פּאַק ביכער אונטערן אָרעם.

איך האָב געגעבן אַ שטאָמל אַרויס: „זדראַווסטוויטיע״, און דערפילט, אַז דאָס גאַנצע בלוט איז מיר אַריין אין פּנים. זי האָט זיך זייער העפלעך פאַרנויגט און פריינדלעך געענטפערט אויף מיין באַגריסונג. און אַזוי שוין יעדן טאָג אין דער באַשטימטער צייט, איך האָב געקענט זעגן אַ ברעט און

האָבן בלויז אַ פּאָר ווערשקעס צו דערשניידן, אָדער צוקלאַפּן אַ טשוואָק — האָב איך עס איבערגעלאָזט ניט פאַרענדיקט, און זיך געלאָזט לויפן זי צו באַגעגענען (אַלץ טאַקע אויף דער צווייטער זייט טראָטואַר).

יעדע צווייטע וואָכן פלעג איך פאָרן אַהיים זיך זען מיט מיינע עלטערן, און ניט אַזוי מיט די עלטערן, ווי מיט מיין שוועסטער שיינע־דאָבע. מיר האָבן דאָן ביידע „געסטראַדאַיעט" (זיין פאַרליבט, האָט דאָן געהייסן: גע־סטראַדאַיעט), פלעגן מיר ביידע אַוועקרעדן גאַנצע נעכט. איין מאָל קומענ־דיק צוריק אין סנאָווסק, האָב איך געטראָפן אידאַןביים וואָקזאַל. זי האָט זיך געקליבן פאָרן אַהיים אויף עטלעכע טעג.

איך האָב שוין געהאַט אויפן באַן אַ באַקאַנטן קאָנדוקטאָר, וואָס איז געווען אַ סאָציאַליסט. האָב איך אים געבעטן, אויב ער קאָן מיר טאָן אַ טובה, לאָזן אידאַן פאָרן אין ערשטן־קלאַס־וואַגאָן.

— מיט פאַרגעניגן — האָט ער געענטפערט — אָבער גראָד איצט געפינט זיך אין ערשטן־קלאַס־וואַגאָן אַ גענעראַל. אויף דער קומענדיקער סטאַנציע גייט ער אַראָפּ, דאַן — „ס'אודאָוואָלסטוויעם" (מיט פאַרגעניגן).

מילא, איך בין געלאָפן יעדן טאָג צום וואָקזאַל אָפּוואַרטן דעם צוג, וואָס קומט אָן פון איר שטעטל. אין איין פאַרנאַכט האָב איך זיך דערוואַרט: אָט שטייגט זי אַרויס פון וואַגאָן.

גייען מיר שוין ביידע פון וואָקזאַל, זי באַדאַנקט מיר זייער פאַר מיין איינפאַל. זי איז נאָך קיין מאָל אַזוי ניט געפאָרן... און גייענדיק אַזוי, דער־זעען מיר אַן אַפיש וועגן אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג.

— ווער איז דער אויטאָר פון דער פּיעסע? — פרעג איך זי.

— אָסטראָווסקי, — ענטפערט זי.

— ניין — זאָג איך — ס'איז מאַקסים גאָרקי.

איך האָב זייער גוט געוווּסט, אַז זי איז גערעכט, עס איז מיר אָבער איינגעפאַלן צו מאַכן מיט איר אַ געוועט, און ווער עס פאַרשפּילט, קויפט די בילעטן פאַר דער פאָרשטעלונג... מיר גייען צו נאָענט צו דער וואַנט, ווו דער אַפיש איז אָנגעקלעפּט און לייענען איבער.

— יאָ, זי איז גערעכט, אָסטראָווסקי איז דער אויטאָר.

ווי גליקלעך בין איך געווען צו פאַרשפּילן דאָס געוועט, און נאָך גליק־לעכער בין איך געווען צו זיצן אין טעאַטער אַזוי נאָענט צו איר! איך האָב אַסור געזען וואָס עס קומט פאָר אויף דער בינע, און בלויז געקוקט אויף

איר ליכטיק שיין פּנים. זי אָנרירן אפילו ביי דער האַנט האָב איך ניט גע־וואַגט — אַ הייליקייט!

נאָך דער פאָרשטעלונג האָב איך זי באַגלייט אַהיים, און ווען מיר זיינען שוין געזעסן ביי איר טיר, לאָדט זי מיך אַריינגיין אין איר צימער „נאָ סטאַקאַנטשיק טשאַיו" (אויף אַ גלעזל טיי) — האָב איך שוין קוים גע־גליבט מיינע אויערן...

אין די שיינע, מילדע, זומערדיקע פאַרנאַכטן פלעגן מיר גיין זיך באָדן. זי — אין דער „זשענסקי קופּאַלניע", איך — אין דער „מוזשסקער". זיך אויסגעבאָדן, און אָט קומט זי מיר אַנטקעגן אין איר בלאָ קלייד און ווייסע „מאַטראָסקע", צוויי בלאָנדע צעפּ הענגען איר אַראָפּ פון איר שיינעם קאָפּ ביז איבער דער טאַליע, און זי שמייכלט צו מיר מיט אירע קלאָרע ליכטיקע אויגן.

ווי האָט משה לייב האַלפּערן געזונגען:

„ווער קען די שיינקייט פון דעם ים פאַרשטיין,
ווער קען די שיין פון דיינע אויגן זען,
און ניט צעריסן ווערן זאָל זיין האַרץ פאַר פריידּ?!"

איך פאַרלאָז אידאַן אָן אַ זײַ־געזונט

דער טאַטע האָט פאַרלוירן זיין קנעלונג און איז אַוועקגעפאָרן אין אַ יידישער קאָלאָניע. אין כערסאָנער גובערניע אַרום יעקאַטערינאָסלאַוו האָבן זיך געפונען אַכט אַזעלכע יידישע קאָלאָניעס, וועלכע די צאַרינע יעקאַ־טערינאַ די צווייטע האָט געגרינדעט צו באַזעצן יידן אויף ערד און זיי מאַכן פאַר פראָדוקטיווע מענטשן. אין איינער פון די קאָלאָניעס, „באָבראָווי קוט״, איז געבוירן געוואָרן דער דיכטער שמעון שמואל פרוג. ווער האָט דען ניט געזונגען מיט אַזוי פיל בענקשאַפט זיינע לידער „אוניעסי מאָיו דושו וו׳טו סיניעיו דאַל״, אָדער — „דאַל מאָרסקאָיאַ וואָ מראַקע טאַניעט״, און שפּעטער — זיינע יידישע לידער „די יידישע טראַיקע״, „דער חזיר און דאָס לאָקשן־ברעט״ און אַ סך אַנדערע לידער?

דער טאַטע האָט שפּעטער געשיקט נאָך דער מאַמען מיט דאָבען, בין איך געקומען פון סנאָווסק מיט זיי זיך געזעגענען. די מאַמע האָט מיט טרערן אין די אויגן מיך געבעטן מיט זיי מיטצופאָרן קיין יעקאַטערינאָסלאַוו, וואָס איז נאָענט צו דער קאָלאָניע, ווו דער טאַטע געפינט זיך, איך האָב אָבער ניט געוואָלט זיך שיידן מיט אידאַן און זיך אָפּגעזאָגט צו פאָרן מיט זיי.

אָן אָוונט פאַרן אָפּפאָרן האָבן מיין שוועסטערס חברים און חברטעס געמאַכט אַ „פירושקאַ״ לכבוד איר. מען האָט זייער שיין פאַרבראַכט, גע־זונגען יידישע, רוסישע און אוקראַינישע לידער, באַגלייט פון צווי גיטאַרעס. צווישן דאָבעס חברים האָט זיך אויך געפונען אָן אוקראַינישער בחור, וואַסילי אַליעניקאָוו. ער איז עס געווען פון די קריסטלעכע מיטגלידער פון זעלבשוץ, וואָס איך האָב פריער ערגעץ דערמאָנט. ער איז געווען זייער אַ שיינער יונג, געשריבן אוקראַינישע לידער אַלאַ טאַראַס שעווטשענקאָ, און ווען ער פאַרלאָזט זיך אַ פאָר גרויסע וואָנצעס, וואָלט ער טאַקע אויס־געזען פונקט ווי שעווטשענקאָ...

מיר זיינען געקומען אַהיים שוין צווי פאַרטאָג. די אוקראַינישע נאַכט איז געווען אַזוי שיין, און אונדזערע הערצער אַזוי פול! אונדז איז גאָר אין

זינען ניט געלעגן די נאַכט צו שלאָפן. שווייגנדיקע זיינען מיר געזעסן אויפן גאַנעק ביים הויז... פלוצעם האָט דאָבע פאַרוואָרפן איר קאָפּ אויף מיין אַקסל און זיך זייער ביטער צעוויינט.

— וואָס איז מיט דיר, דאָבע, וואָס האָט געטראָפן?

— איך האָב ליב אַליעניקן, איך קען אָן אים ניט לעבן!

— ווי אַזוי האָסטו גאָר געקאָנט דערלאָזן צו דעם? — האָב איך זי געפרעגט — קענסטו זיך גאָר פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַן אומגליק דאָס וואָלט געבראַכט אויף אונדזערע עלטערן?

זי ווייסט, זי ווייסט. דערפאַר פאָרט זי דאָך אַוועק פון מענאַ, אָבער זי וועט עס ניט איבערטראָגן. זי איז געווען אַזוי צעבראָכן, אַז איך האָב פשוט מורא געהאַט פאַר איר לעבן און תיכף באַשלאָסן, אַז איך פאָר מיט מיט איר.

פאַר וואָס בין איך ניט געפאָרן צוריק אין סנאָווסק כאָטש אויף איין טאָג צו געזעגענען זיך מיט אידאַן, פאַר וואָס, פאַר וואָס?

מיר זיינען שוין די נאַכט ניט געשלאָפן. געזעסן אויפן גאַנעק ביז די שטערן האָבן זיך גענומען לעשן. גרויער און בלויער איז געוואָרן דער האָריזאָנט. אַ שכנס האָן האָט אויסגעקרייעט זיין באַגריסונג צום אָנקו־מענדיקן טאָג. אין אַ דערבייאיקן טויבנשלאָק האָבן זיך טויבן צעוואָרקעט. פון דער וויטן האָט זיך דערטראָגן אַ סקריפּן פון רעדער פון אַ פּויערשן וואָגן, וואָס האָט געפירט זיין סחורה צום מאַרק... אַזוי איז אַדורך אונדזער לעצטע נאַכט אין מענאַ.

נאָך אין דעם זעלבן טאָג האָבן מיר מיט שווערע הערצער פאַרלאָזט מענאַ, כדי קיין מאָל זי מער ניט צו זען. דאָ געבוירן געוואָרן, דאָ אויף פאַרוואַקסן ווילדגראָז זיך געשפּילט אין „סעדער", דאָ אין חדר געגאַנגען, און דאָ, צו צוועלף יאָר, שוין זייענדיק אַ קלעזמער, ליב באַקומען שרהקע דעם שאַבאַלינאָווער שוחטס טאָכטער, און זי האָט אפילו אין מיין זייט ניט געוואָלט קוקן. לייבע דעם שוסטערס ווייב האָט מיר געראָטן אַז איך זאָל פאַרן שלאָפן גיין אַוועקשטעלן נאָענט צום האַרצן אַ שיסל וואַסער מיט אַ „ראַסטשאָסקע" (אַ קעמל) און זאָגן דריי מאָל: „סוזשדיענאַ, ראַזשדיענאַ, פרידי זאַטשעסי מעניאַ", דאָס הייסט „באַשערטע מיינע, געבוירענע מיינע, קום און פאַרקעם מיך"... דאָ, אין מענאַ, געוואָרן אַ „בונדיסט", געהיימע

סכאַדקעס, געהיימע ביכער... שווער, זייער שווער איז מיר געווען צו פאַרלאָזן מיין היים!

איינגעפּאַקט אונדזער ביסל אָרעמקייט אין „ראַגאַזשעס“ און רעדנעס און זיך געלאָזט אין מאַקאַשין, אַכט וועקסט פון מענאַ, צום פּאַראַכאַד, און אָפּגעפאָרן נאָך יעקאַטערינאָסלאַוו. מיר זיינען אָבער אַהין ניט דערפאָרן, וואָרעם ווען דער פּאַראַכאַד האָט דערגרייכט טשערניגאָוו, האָבן מיר במחילה געמוזט אַראָפּגיין, ווייל מער ווי פּאַר צווייען האָט ניט געסטייעט קיין געלט ממשיך צו זיין די רייזע. איז שווער געווען צו באַשליסן וואָס צו טאָן: איבערלאָזן אַ מיידל דאָ אַליין אין אַ פרעמדער שטאָט, איז דאָך אויסגעשלאָסן, ווידער, איך זאָל בלייבן דאָ און דאָבע מיט דער מאַמען זאָלן אַוועקפאָרן, האָב איך ניט געוואָלט. מיין גאַנץ פאָרן איז דאָך געווען צוליב דאָבען און די מאַמע ווייס דאָך ניט, וואָס איר טאָכטער לעבט דורך. איז געבליבן, אַז איך מיט דאָבען זעצן פאָר די רייזע און די מאַמע בלייבט דאָ, און אַזוי גיך ווי איך קום קיין יעקאַטערינאָסלאַוו און שטעל זיך אַרבעטן, שיק איך נאָך איר.

איך וואָלט, פאַרשטייט זיך, ניט איבערגעלאָזט מיין מאַמע אין אַ פרעמדע שטאָט אויף גאָטס באַראָט, ווען דאָ געפינט זיך ניט מיינער אַ חבר משהקע „טוואַ־וואַ־וואַ“. מיט וועמען איך האָב זיך באַקענט ווען ער האָט געאַרבעט ביי אונדז אין מענאַ, און איצט האָט ער געוווינט מיט זיין מאַמען דאָ, אין טשערניגאָוו.

גערופן האָט מען אים: „טוואַ־וואַ־וואַ“ ווייל ער האָט ניט געקאָנט אויסרעדן קיין ריש און קיין למד. איז ווען ער האָט געוואָלט זינגען: „גיי איך מיר שפּאַצירן, טראַלאַלאַ, טראַלאַלאַ לאַ“, איז ביי אים אויסגעקומען: „גיי איך מיוו שפּאַציוון, טוואַוואַוואַ, טוואַוואַוואַ, וואַ“, ער איז אָבער געווען דער באַלעזנסטער פון אונדזער חברה און ווען ער האָט מיך איין מאָל געהערט פאַרלייענען אַ ליד, וואָס איך האָב ערשט אָנגעשריבן, האָט ער געזאָגט מבינות: „דאָס וואַקסט אַ צוויטעוו אַבוואַהאַם ווייזען“ דאָס הייסט, דאָס וואַקסט אַ צווייטער אַברהם רייזען... נו, האָט ער נעבעך ניט געטראָפן, איז אָט ביי דעם ליבן חבר מיינעם האָב איך עס איבערגעלאָזט מיין מאַמען...

יעקאַטערינאָסלאַוו

אַ צעשראָקענער און מיט אַ זייער שווערן געמיט האָב איך זיך געשלעפּט פון פּריסטאַן (האַפן) איבער די גאַסן פון יעקאַטערינאָסלאַוו, ביז מיר האָבן אָפּגעזוכט „פּושקינסקע גאַס", ווו מיין שוועסטער רחל־לאה האָט געוווינט.

איך האָב גאָר ניט געקאָנט גלייבן, ווי אַזוי מענטשן קענען לעבן אין אַזאַ טומל! איבער די ניט גלאַט־געבּרוקירטע גאַסן האָבן געקנאַקט די פּער־דישע פּאָדקאָוועס, און עס האָבן געבריאַזגעט די מיט אייזן־געשינעוועטע רעדער פון די לאַסט־וועגענער, וואָס האָבן געפירט בלעך, אייזן און פאַר־שידענע אַנדערע פּראַכטן... עס האָבן געגרילצט די טראַמווייען, וואָס איך האָב געזען צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, הייַנט דאָס גוואַלדעווען פון אַזוי פיל מענער און פרויען, וואָס האָבן געררופן קונים צו קויפן זייער קוואַס. גאָט מיינער, אַזוי פיל דייזשעס מיט קוואַס! דאַכט זיך קיין צען פאָלק סאָלדאַטן וואָלטן עס ניט געקאָנט אויסטרינקען אין דעם הייסטן זומער־טאָג. די גאַנצע פּריסטאַן־גאַס ביזן סאָמע פּראָספּעקט — דייזשעס קוואַס! ווען ניט דאָבע, ווען ניט די מאַמע, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט אין דער פרעמד, אַנטלויף איך צוריק אין מיין קליינעם, שטיל שטעטעלע מענאַ, אָדער קיין סנאָווסק צו מיין אידאַן. איך האָב דעם זעלבן טאָג אָפּגעזוכט משהקעס אַ חבר, אַ סטאָליער, און ער האָט מיר געגעבן אַן אַדרעס פון אַ פּלאַץ, ווו מען האָט געהאַלטן אין בויען אַ נייע געביידע.

צו מאָרגנס אין דער פרי בין איך געגאַנגען זוכן דעם אָנגעגעבענעם אַדרעס און ניט געקענט געפינען. אַן אָפּגעגאָסענער מיט שוויס, בין איך אַרומגעלאָפן אַ פאַרצווייפלטער גאַס־איין גאַס־אויס. די מאַמע אין טשער־ניגאָוו שטייט מיר פאַר די אויגן און די טרערן מישן זיך אויס מיטן שוויס אויף מיין פּנים. אָבער דאַנקען גאָט, געפונען דעם פּלאַץ! איך דערוויס זיך, אַז נעכטן איז דאָ אַראָפּגעפאַלן אַן אַרבעטער פון דער רושטאָוואַניע און דערהרגעט געוואָרן, און איך פאַרנעם דאָס זיין פּלאַץ... ס'איז מיר קאַלט געוואָרן אין אַלע מיינע אבֿרים, אָבער איך מוז דאָך אַרבעטן!

איך האָב געאַרבעט אויף דער זעלבער „רושטאַוואַניע‟, זיך געפּלייסט נושא־חן זיין ביים באַלעבאָס, אָבער אומזיסט. נאָכן אָפּאַרבעטן אַ שווערן טאָג אַרבעט, זאָגט מיר דער באַלעבאָס, אַז מער האָט ער פאַר מיר קיין אַרבעט ניט, און עס ווערט מיר פינצטער אין די אויגן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָב איך באַקומען אַרבעט אין אַמור, אַ שטעטל ביי יעקאַטערינאָסלאַוו, אויפן צווייטן זייט דנעפּער־טייך. אַ בריק פון אַנדערהאַלבן ווערסט די לענג טיילט אָפּ אַמור פון יעקאַטערינאָסלאַוו. „שאַלאַנדעשניקעס‟ (לאַדקע־טרייבער) האָבן פאַר פינף קאָפּיקעס געפירט אויף זייערע לאַדקעס פּאַסאַזשירן אַהין און צוריק. אויך אַ קליין פּאַראַכאָדל מיטן שרעקנדיקן נאָמען „פּיראַט‟, האָט דאָ קורסירט, און ווען דאָס פּאַראַכאָדל האָט אַריבערגעיאָגט אַ לאַדקע־טרייבער און דער „קאַפּיטאַן‟ האָט חוזק געמאַכט פון לאַדעטשניק: „פּאַר, פּאַר, איך וועל דיך נאָך דאָ באַגעגנען ווען כ׳וועל פאָרן צוריק‟ — פלעגט אים דער „שאַלאַנדעטשניק‟ ענטפערן: „ווערסט זיך שפּעטער באַרימען, זע אָקאָרשט, אַז איך זאָל דיך ניט דאַרפן שלעפן „נאַ בוקסירי‟. און גאַנץ אָפט טאַקע, ווען ביים פּאַראַכאָדל איז קאַליע געוואָרן דער מאָטאָר, האָט אים דער שאַלאַנדעטשניק געשלעפּט מיט אַ שטריק צום ברעג...

איך אַרבעט און באַקום גאַנצע זעקס רובל אַ וואָך. ווען די באַלעבאָסטע גייט אין מאַרק, בעט איך זי צו קויפן פאַר מיר אַ ברויט און גרינע אוגער־קעס. מיינע הוצאות אויף אַ וואָך אויף עסן זיינען געווען פופציק קאָפּיקעס. די באַלעבאָסטע מיט אירע צוויי מיידן האָבן געננוג געלאַכט פון דעם „ליט־וואַק‟ ווי קאַרג ער איז. זיי האָבן אָבער ניט געאַנט די פרייד, וואָס איך האָב געפילט, ווען איך האָב אָפּגעשפּאָרט זעקס רובל און אַראָפּגעבראַכט מיין מאַמע קיין יעקאַטערינאָסלאַוו.

אין שטאָט האָט געבושעוועט די כאָלערע־מגיפה אין איר שרעקלעכ־סטער פאָרעם. ס׳איז געווען אַן אמתע קאַטאַסטראָפע. מען האָט ניט געוווּסט וועמענס מאָרגן עס איז. ס׳איז פאַרבאָטן געוואָרן טרינקען ניט קיין גע־זאָטענע וואַסער, אָדער עסן ניט קיין געוואַשענע פרוכט. עס האָט אָבער קנאַפּ געהאָלפן. מענטשן זיינען געפאַלן אין די הונדערטער. אַלע נאַכט פלעגן גאַנצע „אָבאָזן‟ אַרויספירן הינטערן שטאָט מיט סמאָלע־באַדעקטע טרונעס, און אין צוויי אַזעלכע טרונעס האָבן זיך געפונען רחל־לאהס צוויי זין: איר עלטסטער זון אַכט און צוואַנציק, און איר מיזיניק, אַ יאָר אַלט.

זי אַליין איז שוין אויך געווען אין אַ באַראַק פאַר כאָליערע־אָנגעשטעקטע, אָבער צום גליק איז זי געבליבן לעבן.

ווען רחל־לאה איז געזונט געוואָרן און געקומען אַהיים, זיינען דאָבע מיט דער מאַמע אַוועק צום טאַטן אין דער קאָלאָניע.

פון דאָבען האָב איך דערהאַלטן אַפּטע בריוו. עס איז איר דאָרט זייער אומעטיק געווען. בכלל איז איר עפּעס שווער געווען זיך צוצופּאַסן צום לעבן. זי האָט געלייענט אַ שלל רוסישע ביכער און האָט געלעבט אין דער פאַנטאַזיע מער ווי אין דער ווירקלעכקייט. ניט איין מאָל האָט דער טאַטע געשריען אויף איר פאַר לייענען דעם טריף־פּסול. געלייענט האָט זי די ווערק פון מיכײלאָוו, טורגעניעוו, דאָסטאָיעווסקי, אַננאַ ווערביצקאַיאַ, גאָנטשאַראָוו, מיצקיעוויטש און פיל, פיל אַנדערע. הכלל — זי האָט געשלונגען ביכער ווי אַ גאַנדז שלינגט פראַסע...

אין עטלעכע חדשים אַרום בין איך געפאָרן אין דער קאָלאָניע צו גאַסט...

אין אַ יידישער קאָלאָניע

די קאָלאָניע האָט געהאַט צוויי נעמען: „קאַמינקע״, און דער מער באַקאַנטער — „קריוואָפּליאַס״. געפונען האָט זיך די קאָלאָניע פופצן ווערסט פון אַן אייזנבאַן. קיין באַלעגאָלעס זיינען דאָ ניט געווען, נאָר ביי דער באַן האָבן זיך תמיד געפונען קאָלאָניסטן פון די אַרומיקע קאָלאָניעס, וואָס פלעגן קומען אָפּנעמען פּראָדוקטן, באַשטעלטע אין שטאָט. ווער ס'איז אָנגעקומען מיטן באַן, האָבן זיי אים שוין צוגעפירט.

אַרום אַכציק יידישע פאַמיליעס האָבן דאָ געוווינט. איך האָב נאָך אַזעלכע ריזיקע יידן און יידענעס אין מיין לעבן ניט געזען.

ביים אַריינפאָרן אין דער קאָלאָניע, האָב איך זיך דערוווסט, אַז אויסער יידן וואָס אַרבעטן אויף ערד, געפינען זיך דאָ אויך בעלי־מלאכות. אויף דעם האָט עדות־געזאָגט אַ שניידער־„וויוועסקע״ (שילדל). אויף דער „וויוועסקע״ האָבן זיך באַגעגנט צוויי סעזאָנען פון יאָר, ווינטער און זומער. אויף איין זייט איז געשטאַנען אַ דאַמע אין אַ רעטאָנדע מיט אַ בוראַשקענע היטעלע אויפן קאָפּ, אַ מופע איז איר אַרונטערגעהאַנגען איבערן האַלדז אויף אַ שוואַרצער ליענטע, אוןביידע הענט האָט זי געהאַלטן אין מופע, ווי זי וואָלט זיך געקליבן אויף אַ רייזע צום נאָרדפּאָל.

אויף דער צווייטער העלפט „וויוועסקע״ — אַ באַרישניע אָנגעטאָן ליעטנע (זומערדיק) מיט אַ טאַליע אַזוי דין, אַז טאָמער חלילה, גיט אַ בלאָז אַ צו־שטאַרק ווינטל, ברעכט זי זיך איבער אין צווייען. אויפן קעפּל — אַ היטעלע מיט בלומען. אין הענטל — אַ ראָזעווען פּאַראַסאָל, אַ לאַקריץ־זיסער שמייכל אויף איר „צאַרטן, איידעלן געזיכט״. די וויוועסקע האָט זיך געלייענט אין אַ טשיקאַוון רוסיש:

„פּרינימיוצאַ זאַקאַזי איס וואַיך מאַטעריאַליאָוו״.

(דאָס הייסט, דאָ ווערן אָנגענומען באַשטעלונגען מיט סחורה צוגעשטעלט פון אונדז).

אַ פּאָר הייזער אַוועק, ווידער אַ „וויוועסקע" פון אַ פריזירער. אויף אַ שטול זיצט אַ מאַן מיט אַ משונהדיקן פּנים, מיט פאַרשפּיצטע וואָנצעס פאַרדרייט אַרויפצו, פאַרדעקט מיט אַ ליילעך פון קאָפּ ביז צו די פיס, און הינטער אים שטייט דער פריזירער — אַ קליין מענטשעלע מיט אַ ריזיקער גרויסער שער, וואָס, חלילה, די בייזע שעה זאָל ניט זיין, טאָמער פאַלט אים אַרויס די שער פון האַנט און טרעפט מיט איר דעם קליענט אין קאָפּ אַריין, פאַרלירט ער אַ פדיון...

דער במקום באַלעגאָלע האָט מיך צוגעפירט צו מיינע עלטערנס הויז. אַוודאי האָבן מיר זיך דערפרייט איינער מיטן צווייטן. נאָר ווי אַ שלייער פון אומעט און בענקשאַפט וואָלט געווען פאַרצויגן איבערן הויז.

פון דאַבען, איז דאָך אָפּגערעדט. חוץ וואָס זי האָט טאַקע געהאַט נאָך וועמען צו בענקען, האָט זי ניט געהאַט מיט וועמען זיך דאָ איינצולעבן. דעם טאַטן האָט געצויגן צוריק צו מענאַ, ווו ער האָט זיין גאַנץ לעבן פאַרבראַכט און דאָרט „געהאַט אַ נאָמען", האָט ער טאַקע, געדענק איך, געשריבן אַ בריוו צו זיינעם אַ בן־עיר און זיך באַקלאָגט אַז ער איז כצפור הנודדת ממקומה. (ווי אַ פויגל פאַרוואָלגערט פון זיין אָרט). דער מאַמען דאָ איז אויך ניט איבעריק פריילעך געווען, אָבער דערווייל איז פריילעך געוואָרן אין הויז מיט מיין קומען.

דער טאַטע האָט זיך פאַר מיר פאַרקלאָגט, אַז עס האָט זיך אים קוים געלונגען משנה־מקום זיין. פון מענאַ איז ער אַוועק ווייל די לאַגע פון דעם מלמד האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט. ערשטנס, די גרויסע עמיגראַציע קיין אַמעריקע. קיין תלמידים קומען פון דעם ניט צו. און פאַר די וואָס זיינען נאָך יאָ דאָ, קומען אַראָפּ עפּעס לערערלעך און פאַרנעמען דאָס אָרט פונעם מלמד. איז אָבער דאָ אין קאָלאַניע אויך די זעלבע מכה! אָט איז אַהער געקומען אַ לערער אַ יונגער מאַן אָן אַ סימן פון אַ באָרד, און מען גיט אים אַוועק די קינדער צום לערנען. די תלמידים זיינען מיט אים פּאַני־בראַט, „חבר לערער" רופן זיי אים. — „האַ, געשוואָלן זאָלסטו ווערן! מאַדוני, פון גאָט, יצא, איז אַרויס, הדבר, די זאַך".

דאָס איז אַדרעסירט געוואָרן צו אַ יינגל, וואָס האָט בשעת אונדזער געשפּרעך געחזרט חומש און דער טאַטע האָט דערהערט, אַז ער גרייזט.

— טאַטע, — זאָג איך, — ס'איז היינט אַ נייע צייט, מען לערנט מער ניט מיט קינדער מיט שרייען און שעלטן.

— נו — ענטפערט ער — פאַרפאַלן, איך וועל שוין קיין „סטיקראַט" ניט ווערן...

עס האָט מיך דאָך פאַראינטערעסירט צו באַקענען זיך מיט מיין טאַטנס קאָנקורענט. איך האָב אים געטראָפן אין פעלד מיט זיינעם אַ תלמיד ביים אַקער. יוסף ראַטנבערג איז געווען זיין נאָמען, אַרום פינף און צוואַנציק יאָר אַלט מיט אַ שוואַרץ־חנעווודיק סימפּאַטיש פּנים. צוליב זיין קורצ־זיכטיקייט, האָט ער געטראָגן זייער דיקע אויגן־גלעזער.

דער תלמיד זיינער, אַ יאָר צוועלף, מיט אַ פאַרברענט פּנימל, ווי אַ ציגיינערל, און אַ פּאָר אויגן, ווי ביי ביאַליקס משהלעך און שלמהלעך. די הענט און זיין קערפּער — הוילע מוסקולן, אָנגעגאָסן פון כערסאָנער זון און מיט די זאַפטן פון דער כערסאָנער ערד.

דער תלמיד האָט געלערנט דעם קורצזיכטיקן „חבר לערער" מיט די דיקע אויגן־גלעזער, ווי אַזוי צו פירן דעם אַקער, און דער חבר לערער האָט זיך געלאָזט לערנען... און ווען זיי האָבן מיך דערזען, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט פרעמדלעך אויף מיר. עס האָט אָבער לאַנג ניט גענומען און מיר זיינען געוואָרן היימיש. אָנגעהויבן שמועסן מיטן חבר לערער וועגן ליטעראַטור, אויסגעפרווט איינער דעם אַנדערן מיט דעם און יענעם שרייבער, און דערביי טאַקע אַליין געזאָגט „אַ קלוג וואָרט" — און מיר זיינען אַרויפגעקומען אויף פּאָעזיע. ווייזט זיך אַרויס, אַז דער חבר לערער שרייבט לידער. ער האָט פאַרגעלייענט זיינס אַ ליד גאָרניט שלעכט געשריבן, און אַ זאָג געטאָן צו זיין תלמיד: „אָנו, שלמהקע, דעקלאַמיר פאַרן חבר: אַ ליד צו דער אַרבעט".

שלמהקע בינדט צו די לייצעס צום אַקער און דעקלאַמירט:

„געבענטשט זאָלן זיין די הענט מיט מאָזאָליעס,\
דער שטערן פון וועלכן עס גיסט זיך דער שוויים".

(שמעון שמואל פרוג)

און —

„גרויסער גאָט, מיר זינגען לידער\
אונדזער הילף ביסטו אַליין,\
קלייבט צענויף די סנאָפּעס, ברידער,\
ביז די זון וועט אונטערגיין"

(מ. מ. וואַרשאַווסקי)

— איר ווייסט, מיין ליבער חבר — האָט זיך געווענדעט צו מיר מיין ניי באַקאַנטער — יעקאַטערינאַ די צווייטע האָט אַליין ניט געוווּסט, וואָס זי האָט אויפגעטאָן פאַר דער צוקונפט פון אונדזער פאָלק מיט איר באַזעצן יידן אויף ערד. גיט אַ קוק אויף די יידישע פעלדער, געאַקערט, געזייט מיט יידישער מי. קוקט אָן די פאַרברענטע פנימער און אויסגעגלייכטע רוקנס פון די קאָלאָניסטן. דאָס זיינען שטאָלצע, געזונטע יידן אויסגעוואַקסן דאָ, אויף דער כערסאָן־ערד. אַוודאי איז דאָס לעבן פון דעם קאָלאָניסט ניט אַזאַ גרינגער, און די פינצטערע וואָלקנס וועלן פריער־שפּעטער אויך אַהער דערגרייכן, אָבער געדענקט וואָס איך זאָג: ציון וועט ווידער געבויט ווערן, און די קינדער און אייניקלעך פון אָט די יידישע קאָלאָניסטן וועלן זיין די וועגווייזער און אַגראָנאָמען פון דעם ניי אויפגעלעבטן יידישן היימלאַנד!

איך מוז צוגעבן, אַז כאָטש איך בין דאַן ניט געווען קיין ציוניסט, האָט דאָך די גאַנצע אומגעבונג און זיינע רייד געווירקט אויף מיר, ווי איך וואָלט געהערט אַ נביא רעדן, און אין אמתן, אַ מערקווירדיקע זאַך האָט מיט מיר יענעם זעלבן בייטאָג געטראָפן:

נאָך מיטאָג, ווען איך האָב זיך צוגעלייגט כאַפּן אַ דרימל, האָב איך זיך זייער שטאַרק צעשריען אין שלאָף. דאָבע, וואָס איז בשעת מעשה געזעסן ניט ווייט פון מיר, און ווי געווינטלעך געלייענט אַ בוך, האָט מיך אויפ־געוועקט.

— וואָס איז מיט דיר? וואָס האָסטו זיך אַזוי צעשריען?

— איך האָב ערשט געזען ירמיהו הנביא — האָב איך נאָך אַלץ אַ צעשראָ־קענער געענטפערט — עס האָט זיך מיר געחלומט, אַז איך בין אין ירושלים, איך שטיי, אַרום מיר — אַ באַרג שטיינער און זאַמד, און פּלוצעם הייבט אָן דער באָדן אַרום מיר זיך צו באַוועגן, דאָס זאַמד און די שטיינער הייבן אָן צו פונאַנדערפאַלן אויף אַלע זייטן און פון אונטער דעם זאַמד און שטיינער — דערשיינט אַן אַלטער מאַן אין צעריסענע קליידער, מיט אַ זאַק ערד אויפן קאָפּ, מיט פאַרבראָכענע הענט, און וויינט. איך זאָג צו זיך אַליין אין חלום: דאָס איז דאָך ירמיהו הנביא, און דאָס קלאָגט ער אויפן חורבן! איך האָב זיך געשראָקן צו קוקן דעם נביא אין פּנים און זיך צעשריען.

*

די קאָלאָניסטן האָבן דאָ געלעבט אין משפּחות. אויף אַ פּאַטריאַרכאַלן שטייגער. מען האָט זיך דאָ, ווי אין שטאָט, גאַנץ פֿיין געקריגט, און אַ מאָל אַפּילו זיך געפּאַטשט אין שול צוליב אַ מפטיר אָדער אַ שלישי. אין אַלגעמיין אָבער האָבן זיי געלעבט אַ זאָרגלאָז לעבן. אַ בחור וואָס האָט זיך געשדכנט צו מיין שוועסטער, האָט פֿאַר מיר געשילדערט דאָס אידילישע לעבן פֿון דער קאָלאָניע, אַז אמת, דעם גאַנצן זומער אַרבעט מען טאַקע אָפּ אין פֿעלד פֿון זון־אויפֿגיין ביז זון־פֿאַרגיין, דערפֿאַר אָבער ליגט מען דעם גאַנצן ווינ־טער אויפֿן אויוון...

ס'איז גוט געווען צו זיין מיט אָט די גאַנצע געזונטע יידן! צוליבן גאַסט האָט מען געמאַכט פּירא‍זשקעס אין פֿאַרשידענע שטובן, געשפּילט אין פֿאַנטן, געקנאַקט סעמעטשקעס. ראָטנבערג און איך האָבן עטוואָס פֿאָרגעלייענט, מערסטנס שלום עליכמען, און שפּאַצירן געגאַנגען אויף דער איינציקער, לאַנגער גאַס, וואָס איז געלעגן אויפֿן טראַקט.

צוריק אין אַמור

אַפּגעוועזן עטלעכע זואָכן ביי טאַטע־מאַמע, בין איך געקומען צוריק קיין אַמור צו שמיליק דעם סטאָליער, ווו איך האָב געאַרבעט. פון אידאַן האָב איך אָנגעהויבן באַקומען בריוו אַלץ זעלטענער, צו ערשט האָט עס מיר זייער ווי געטאָן, שפּעטער — שוין ניט אַזוי. דער עיקר ווייל ביי שמיליקן אין הויז האָבן זיך אַרומגעדרייט צווי שיינע, געזונטע מיידן. כייקע, אַכצן יאָר אַלט, און העניע — זעכצן. אין דער צווייטער האָב איך זיך פאַרליבט צוליב אַן עין־הרע:

די באַלעבאָסטע, שרה־רבקה, וואָס האָט אָפּנים געהאַלטן, אַז זי איז אַ גרויסע קראַסאַוויצע און אַ גרויס גערעטעניש דערצו, פלעגט זייער אָפט אין די אָוונטן זיך צעגענעצן, און מיט אַ האַלב אָפן מויל אויסשרייען: שמיליק, איך האָב שוין אָפּנים ווידער געקראָגן אַ גוט אויג!

אין עק שטאָט האָט געוווינט אַ מלמד, דוד דער קליינער האָט מען אים גערופן. און גערופן האָט מען אים דוד דער קליינער, ווייל אין שטאָט איז געווען נאָך אַ מלמד, האָט מען אים גערופן דוד דער גרויסער, איז אַז דוד דער קליינער האָט אָפּגעשפּראָכן אַן עין־הרע, האָט ער עס, וואָס איז שייך זאָגן, פּשוט ווי צוגענומען מיט די הענט!

אַליין גיין האָט זיך די באַלעבאָסטע געפוילט, פלעגט זי געבן העניען אַ פאַטשיילע, זי זאָל עס אָפּטראָגן צום מלמד, און דער מלמד האָט אָפּגעשפּראָכן אין דער פאַטשיילע אַריין. העניע האָט געבראַכט די פאַטשיילע צוריק צו דער מאַמען, און אַזוי גיך ווי שרה־רבקה האָט אַריבערגעוואָרפן די פאַטשיילע איבער די אַקסלען, — איז די עין־הרע אַוועק, ווי עס וואָלט גאָר קיין עין־הרע אויף דער וועלט ניט געווען... האָט דאָך העניע מורא געהאַט צו גיין אַליין ביי נאַכט, פלעג איך מיט איר מיטגיין. בקיצור, מיר זיינען אַזוי לאַנג געגאַנגען אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע, ביז עס האָט אונדז אויך געהאָלפן... מיר האָבן זיך פאַרליבט.

איין מאָל ביים טיש צום עסן, זאָגט צו מיר שמיליק: זיסקע, ס'איז מיר

אָנגעקומען אַ בריוו פון מיין ברודער פון אַמעריקע, זיי אַזוי גוט און לייען עס פאַר אונדז איבער.

דאָס גאַנצע הויזגעזינד האָט ניט געקענט ניט לייענען, ניט שרייבן.

וואָס זשע שרייבט דער ברודער פון אַמעריקע? אָט וואָס:

„צו מיין ליבן און טייערן ברודער שמיליק מיט מיין ליבער שוועגערין שרה־רבקה, מיט אייער ליבער הויזגעזינד, לעבט וואָהל!

ערשטנס, קען איך דיר שרייבן אַז מיט מיין ליבן געזונט איז גאָט צו דאַנקען. דאָס נעמלעכע פון אייך צו הערן, אָמן!

צווייטנס, מיין ליבער ברודער, קאָן איך דיר מעלדן, אַז קיין עין־הרע ניט, איך מאַך דאָ אַ לעבן, און איך בין אַלרייט. נאָר עס איז שוין צייט פאַר מיר אַ טראַכט צו טאָן וועגן אַ תכלית. אָבער די אַמעריקאַנער מיידלעך געפעלן מיר ניט. אַלץ וואָס עס ליגט זיי אין זינען איז קייען טשוינג גאָם, גיין אין די מוווינג־פיקטשעס און אין דענס האָללס. די סעמיינע פיקטשע, וואָס דו האָסט מיר געשיקט, איז מיר זייער געפעלן, איבערהויפּט געפעלט מיר העניע אויף דער פיקטשע, שוין אַ גאַנצע כלה זעט זי אויס. וואָלט איך זייער געוואָלט דו זאָלסט זי שיקן קיין אַמעריקע, איך וואָלט זי אויסגעקליידט ווי אַ פּרינצעס, און דו וואָלסט אויך גאָרניט דערלייגט צו דעם... איך בעט דיך, מיין ליבער ברודער, לאָז מיר גלייך וויסן וועגן דעם"...

מילא, ניט אַלע ווערטער האָבן מיר פאַרשטאַנען, אָבער וואָס ער האָט געמיינט, האָבן מיר זייער גוט פאַרשטאַנען. עס איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן, און העניע האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פון צעוויינען זיך. די עלטערן, פאַרקערט, איז די מעשה זייער געפעלן געוואָרן. זיי האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף מיר גאָר ניט פריינדלעך, און אויף אַן ענטפער שרייבן צו זיין ברודער, האָט שוין שמיליק זיך אָפּגעזוכט אַן אַנדער גראַמאַטנעם... ער האָט געהאָפט, אַז ער מיט זיין גאַנצן הויזגעזינד וועלן געהאָלפן ווערן דורך זיין טאָכטער העניע. אַז זי וועט דאָרטן זיין, וועט זי שוין אויך זיי אַריבערנעמען...

אַ גרויסע צאָל יידן האָבן געטרוימט צו עמיגרירן קיין אַמעריקע. שפּעטער אַ ביסל האָט דער עמיגראַנטן־שטראָם אויך מיך פאַרשלעפּט קיין אַמעריקע. אַזוי אַרום האָט זיך אויך פון מיין צווייטן ראָמאַן אויסגעלאָזט אַ חלום.

מיר העלפן שלום עליכמען

איך מאָל אין אַ זומער־פּאַרנאַכט, אין אַ „זעלצער־בודקע", ווו מען פאַרקויפט זעלצער־וואַסער, „פּיאַלקע", אַזאַ מין זיסן רויטלעכן געטראַנק, אירישלעך, פּיראַזשנעס וכדומה, האָב איך זיך צופעליק באַקענט מיט אַ סחור אומגעפער פון מיין עלטער. און באַקענט האָבן מיר זיך דורך טאָלסטאָיען: ביים טישל, ווו ער איז געזעסן, איז געלעגן אַ רוסישער זשורנאַל „וועסיע־מירנאַיע אָבאָזרעניע". איך האָב, מיט זיין דערלויבעניש עס אַ בלעטער געטאָן, און געזען אַז טאָלסטאָי פאַרנעמט כמעט אַ האַלבן זשורנאַל. איך האָב זייער ליב געהאַט צו לייענען טאָלסטאָיען און אים געפרעגט אויב ער וואָלט מיר געליען דעם זשורנאַל אויף עטלעכע טעג.

— מיט פאַרגעניגן — האָט ער געענטפערט. מיר זיינען פון קרעמל אַרויס צוזאַמען, לאַנג אַרומגעגאַנגען און געשמועסט, און זיך איינער דעם צווייטן אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז גאָר אין אַ קורצער צייט האָבן מיר זיך אַריינגעצויגן אין איין צימער.

ישראל רוזין, האָט ער געהייסן. ער איז געווען אַן „עקסטערן" און געהערט צו אַ גרופּע סטודענטן און סטודענטקעס, מערסטע פון זיי אויך עקסטערניקעס. עטלעכע פון זיי האָבן שוין אַפילו געענדיקט אוניווערסיטעט. איך בין געווען דער איינציקער אַרבעטער אין דער „קאָלאָניע", אַזוי האָבן זיי זיך גערופן, און ביי זיי, די אידעאַליסטן סטודענטן, בין איך געווען דאָס איבערשטע פון שטייסל, אַ קליינקייט, דער איינציקער אמתער יידישער אַרבעטער!

צוויי פון מיינע באַקאַנטע האָבן געוווינט ביי סאָניע דער אַלמנה. אירע שיינע צוויי טעכטער האָבן אויך געהערט צו דער גרופּע.

אַ זייער ליבע פרוי איז געווען סאָניע די אַלמנה! פאַרן שלאָפן גייך פלעגט זי אַרייך צו אונדז אין צימער און פרעגן: וויפל זייט איר היינט? כדי צו וויסן וויפל קאָלדרעס און קישנס אָנצוגרייטן. אָפּיציעל האָבן דאָ

געווינט בלויז נחום און שלום, אָבער אָפּט האָבן דאָ געגעכטיקט נאָך פינף אָדער זעקס בחורים.

איינער פון דער גרופּע — ער האָט געענדיקט דעם אוניווערסיטעט, — אַ הויכער יונגער מאַן, מיט בלאָנדע האָר און אַ בלאָנדער באָרד, פלעגט „אַוועקגיין אין פאָלק", פאַרפאַלן ווערן אויף חדשים און קומען צוריק אין אַלטע פויערשע קליידער, אַן אויסגעמאַטערטער, אַן אָפּגעצעדערטער. ער פלעגט דערציילן אין וואָס פאַר אַ גרויסער נויט דער פויער לעבט און ווי שווער עס איז צו קריגן זיין צוטרוי, ווען מען הייבט אים אָן אויפקלערן ווער ס'איז שולדיק אין זיין ביטערער לאַגע.

אין דער „קאָלאָניע" האָט ניט עקזיסטירט אַזאַ זאַך ווי מיינס און דיינס. מען האָט זיך געטיילט איינער מיטן צווייטן מיט וואָס מען האָט נאָר געהאַט. הערינג מיט ברויט און טיי, אויב דאָס איז נאָר געווען, איז געווען אַ פיינער מאכל, דאָס עסן איז בכלל ניט געווען דער עיקר. דער עיקר איז געווען די דיסקוסיעס, די ביכער־אָפּהאַנדלונגען, און די ליטעראַרישע אָוונטן.

ווינטער־צייט, דער פראָסט ברענט, און די „קאָלאָניע" לאָזט זיך אַוועק איבערן בריק צו יעקאַטערינאָסלאַוו זען אַ פּיעסע. פאַר גאַנצע פינף און צוואַנציק קאָפּיקעס קויפן מיר אונטער דעם בילעטער און מיר גייען אַלע אַריין. זיינען מיר שוין אינעווייניק, זיינען מיר גלייכע מיוחסים מיט אַלעמען. נאָך יעדן אַקט, גייט מען אַריין אין פאָיע און מען דיסקוטירט די דראַמע: ווי אַזוי דער אָדער יענער אַקטיאָר האָט געשפּילט און וואָס דער אויטאָר האָט געמיינט.

מיר דערוויסן זיך, אַז שלום עליכם איז קראַנק און געפינט זיך אין נערווי, איטאַליע, און מיר באַשליסן אים קומען צו הילף. דעם בעסטן וועג עס צו טאָן איז אויפצופירן זיין באַרימטע פּיעסע „צעזייט און צעשפּרייט" און אים שיקן די הכנסה.

דאַרף מען דאָך גיין צום פּריסטאַוו נאָך אַ „ראַזרעשעניע" (דערלויבעניש) און גיין נאָך דעם מוז דווקא אַן אַקטיאָר. צום גליק איז אין מיין חבר ישראל רוזינס פּאַספּאָרט ניט געווען אָנגעשריבן מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך, האָט מען שוין אַליין אַריינגעשריבן „אַקטיאָר". ישראל האָט זיך אָנגענומען מוט און אַוועק צום פּריסטאַוו.

דער פּריסטאַוו פרעגט אים וואָס, און אין וועלכער שפּראַך „זייך" טרופּע גייט שפּילן?

— „צעזייט און צעשפּרייט" פון שלום עליכם, וו׳יעוורעיסקאָם יאַזיקע (אין יידיש) — ענטפערט ישראל.

דער פּריסטאַוו ווערט אַן אַנגעצונדענער, גיט אַ זעץ מיטן פויסט אין טיש, און טוט אַ געשריי:

— זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ, ביי מיר שפּילט מען ניט פּאַ יעווריעיסקאָמו, נאָר פּאַ ניעמעצקאָ־יעווריעיסקאָמו יאַזיקו! — דאָס הייסט, דייטש־יידיש, אָבער, חלילה, ניט אין יידיש.

— טאַק טאָטשנאָ, וואַשע וויסאָקאָ־בלאַגאָראָדיע, (זיכער אַזוי, אייער הויך וווילגעבוירנקייט).

— קאָניעטשנאָ, פּאַ ניעמיעצקאָמו. — און ישראל רוקט אים אַריין אַ דרייערל אין יד אַריין.

געדונגען אַ טעאַטער, צעקלעפּט אַפישן איבער גאַנץ אַמור: הנה, זייט וויסן, אַז אין דער און דער דאַטע, וועט דער אַמורער דראַמאַטישער פּאַראַיין אויספירן „צעזייט און צעשפּרייט" פון שלום עליכם. עס ווערן אויסגערעכנט אַלע אַקטיאָרן. איך שפּיל די ראָל פון מאיר טשאַלנטס עלטסטן זון — מאַטוויי דער קאָרטנשפּילער.

אַוודאי האָט אונדז געקלאַפּט דאָס האַרץ, אַז אַן עולם זאָל קומען. עס איז געווען אַ נייס אין אַמור שפּילן יידיש טעאַטער. צו אונדזער פרייד איז געקומען אַ היפּשער עולם, מען האָט געפּאַטשט בראַוואָ און אונדז אַרויסגערופן עטלעכע מאָל. צי האָבן מיר עס פאַרדינט? אַז מען דאַרף גאָרניט זיין קיין גרויסע אַקטיאָרן צו שפּילן שלום עליכמס אַ פּיעסע. מען דאַרף בלויז געטריי און קלאָר אויסטייטשן זיינע ווערטער...

הכלל, נאָכן דעקן אַלע הוצאות איז אונדז געבליבן עטלעכע און נייניציק רובל, האָבן מיר דערלייגט ביז אַ הונדערטער און עס אַוועקגעשיקט אונדזער באַליבטן שרייבער שלום עליכם אַלס האָנאָראַר פאַר שפּילן זיין פּיעסע. פאַר שלום עליכמען איז עס זיכער געווען אַ גאַנץ קליינע סומע, אָבער פאַר אונדז, קבצנים, איז עס געווען אַ מאַיאָנטעק.

איך פאָר קיין אַמעריקע

עס דערנענטערט זיך די צייט, זיך צו שטעלן צום „פּריזיוו". איך האָב איינגעקויפט אַ פּאָר יוכטאָווע שטיול און די איבעריקע זאַכן, וואָס אַ „נאָוואָבראַניעץ" דאַרף מיטנעמען. אַליין אַ סטאָליער, האָב איך זיך געמאַכט אַ „סונדוק" (קופערט), און אָט בין איך גרייט אין וועג. מיינע חברים אָבער, משהקע טוואָוואָוואָ, (ער איז שוין איצט געוועזן אין יעקאַטערינאָסלאַוו) און מיין שוין איך, גוט באַקאַנטער חבר מאיר, מיט נאָך אַ צאָל אַנדערע חברים, האָבן מיך זייער אָפּגערעדט פון צו גיין אין דער אַרמיי; איך זאָל בעסער אָוועקפאָרן קיין ניו־יאָרק, ווו עס געפינען זיך אַזוי פיל יידישע שרייבער און אַ פאַרצווייגטע פּרעסע, און דאָרט וועל איך אַנטוויקלען מיין פּאָעטישן טאַלאַנט. איך האָב דעמאָלט ערשט אָנגעהויבן צו שרייבן לידער. מיינע חברים האָבן געהאַלטן, אַז איך „וואַקס אַ טאַלאַנט"... האָבן זיי זיך אַלע בייגעשטייערט צו צען רובל, און מיר „איינגערעדט".

ווען מיין שוועסטער סאָניע האָט דערהערט, אַז איך קלייב זיך קיין אַמעריקע, האָט זי זיך צו מיר געווענדעט בזה הלשון: „ברודער מיינער, זאָל ליאָווע מיט דיר מיטפאָרן. דו ביסט אַן אַרבעטער, וועט פאַר דיר זיין גרינ־גער דאָרט זיך איינצואָרדענען, און איך בין זיכער, אַז גאָר אין אַ קורצער צייט וועט ער זיך דאָרט אויך צו עפּעס צושלאָגן. פּעיק איז ער דאָך, וועט איר זיך העלפן איינער דעם אַנדערן. איך האָב שוין מיט אים גערעדט וועגן דעם. איין זאַך בעט איך דיך: אויב עס וועט אַ מאָל זיין אַ פאַרדרוס מצד דיר צו אים — טראַכט פון מיר"...

די שוועסטער האָט מיר דערציילט, אַז עס מאַכט זיך אים גראָד איצט זייער אַ גוטע שטעלע אין ראַסטאָוו, ביים דאָן, אַלס אַ פאַרוואַלטער פון אַ גרויסער אייזנגיסעריי־פאַבריק, אָבער מיטן באַדינג, אַז ער זאָל זיך שמדן. ער איז שוין גרייט עס צו טאָן, אָבער די שוועסטער האָט געדראָט, אַז אויב ער טוט עס טאַקע, איז איידער ער קומט נאָך פון גלח, וועט זי מיט די קינדער זיין געסמטע!

מיין שוואָגער, איך ווייס ניט פאַר וואָס, האָט נאָר געוואָלט פאָרן קיין גאַלוועסטאָן אַנשטאָט קיין ניו־יאָרק. מיין שוועסטער האָט מיך מיט טרערן געבעטן אים נאָכגעבן. איך האָב געטראַכט, גוט, איך וועל פאָרן מיט אים קיין גאַלוועסטאָן, און ווען מיר וועלן זיך דאָרט איינאָרדענען און אַראָפּ־ברענגען די שוועסטער מיט די קינדער, וועל איך דאַן אַוועק קיין ניו־יאָרק, אין צענטער פון דער יידישער ליטעראַטור. אויסגעלאָזט האָט זיך גאַנץ אַנדערש.

אין יעקאַטערינאָסלאַוו האָט זיך געפונען אַן אָפּטיילונג פון דער „יידי־שער עמיגראַציע־געזעלשאַפט”. מיין שוואָגער איז דאָרט געווען און אַלץ אַראַנזשירט.

ווי אַ דונער פון לויטערן הימל איז עס געווען פאַר מיינע עלטערן, ווען איך מיט מיין שוואָגער זיינען אומגעריכט געקומען אין דער קאָלאָניע און אָנגעזאָגט טאַטע־מאַמע, וואָס מיר קלייבן זיך צו טאָן. דער טאַטע האָט געזיפצט, און די מאַמע, ווי געוויינטלעך אַ מאַמע, האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן. די מאַמע האָט מיר מיטגעגעבן אַ קישן און דער טאַטע האָט מיך געבענטשט און אָנגעזאָגט: „געדענק מיין זון, זיי אַ ייד, ווו דו זאָלסט ניט זיין!”.

לאַנד, לאַנד

איך רייס איבער מיין שרייבן, עס דערטראָגן זיך צו מיר הילכיקע געשרייען: „לאַנד, לאַנד". די שיף דערנענטערט זיך צו גאַלוועסטאָן. די ערשטע צו באַגריסן אונדז זיינען גאַנצע טשאַטעס מעוועס...

זאָל איך זאָגן, אַז איך האָב זיך זייער דערפרייט, ווען די שיף האָט געלאַנדעט אין גאַלוועסטאָן? ניין! אויסער דעם וואָס מיך האָט געצויגן קיין ניו־יאָרק, האָב איך דאָך דאָ ניט קיין איין פריינד, קיין איין באַקאַנטן. צו וועמען? ווּהין וועל איך גיין, ווען איך וועל אַראָפּ פון שיף? אָ, ווען די שיף קען אַזוי גיין און גיין גאָר אָן אַן אָפּשטעל!

מיר זיינען אַריין אין אַ קאַנטאָר פאַר עמיגראַנטן. דאָרט האָט מען צו אונדז גערעדט אין אַ שפּראַך, וואָס איז געווען אין גאַנצן פרעמד. אַ יינגל פון אַ יאָר פערצן איז צוגעגאַנגען צום עלטסטן פון קאַנטאָר און אים געוויזן אַ פּאַפּיר. יענער האָט אונדז אַלעמען איבערגעגעבן אין זיינע הענט און מיר זיינען אַוועק נאָך דעם יינגל. מיר זיינען אַלע „גרינע", טאָמער פאַרלירן מיר אים פון אויג, ווייסן מיר אַפילו ניט ווו זיך צו קערן.

אומזיסט די שרעק, מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ מין האָטעל און דאָרט אונדז זייער פריינדלעך אויפגענומען.

אַרומגעראַזירט זיך, אַרומגעוואַשן, די פּרויען — אויסגעפּוצט אין „עסיק און אין האָניק" — האָט מען אונדז סערווירט אַן אמתן באַנקעט־מאָלצייט, וואָס ביים בעסטן קרוב וואָלט מען קיין בעסערס ניט געקענט דערוואַרטן.

מיינע ערשטע טריט אין לאַנד

רבי קאָהען פון גאַלוועסטאָן איז געווען באַרימט מיט זיין גרויס וואַרעם האַרץ, מיט זיין מקריב זיין זיך פאַר נויטבאַדערפטיקע. ער איז געקומען צו אונדז אין האָטעל, ער האָט אונדז באַגריסט און זייער דערמוטיקט.

איך ווייס ניט ווי לאַנג די איבעריקע עמיגראַנטן זיינען פאַרבליבן אין גאַלוועסטאָן. מיין שוואָגער האָבן זיי גאַר אָוועקגעשיקט קיין קענזאַס־סיטי, און מיך, אויפן דריטן טאָג — אין פאָרט־וואָרט, טעקסאַס. מען האָט מיר מיטגעגעבן אין אַ פּאַפּירן זעקל עטלעכע שאַכטלעך סאַרדינען, אַ האַלב לעבל ברויט, עפּל און באַנאַנעס, אַ טשיקאַווע, לאַנגע געלע פרוכט, וואָס איך האָב נאָך קיין מאָל אין מיין לעבן ניט געזען און אַוודאי ניט געגעסן. מ׳האָט מיר אַנגעשפּיליעט אַ צעטל אויפן לאַץ, מיך אַריינגעזעצט אין וואַגאָן, און איך פאָר... נערוועז און צעשראָקן קוק איך אַרויס פון וואַגאָן־פענצטער. ס׳לויפן פאַרביי שטעטלעך, מענטשלעכע ישובים, הוילע אָפּגע־שוירענע פעלדער, די לאַנדשאַפט, דאַכט זיך, איז ווי אין אוקראַינע. איך זיץ איינגענורעט האַרטביים פענצטער און ציטער, טאָמער וועט עמעצער אין וואַגאָן אָנהייבן רעדן צו מיר אין דער פרעמדער, ניט פאַרשטענדלעכער שפּראַך.

די איבעריקע פּאַסאַזשירן האָבן אָפּנים גלייך דערקענט, סיי לויט מיין הולך, סיי לויטן צעטל אויף מיין לאַץ, אַז איך בין אַן עמיגראַנט, און געוואָרפן נייגעריקע בליקן צו מיר. איך האָב געוואָלט אַ טרונק, אָבער איך האָב ניט געוווּסט צי אין וואַגאָן בכלל געפינט זיך וואַסער צו טרינקען. אַן עלטערער מאַן ניט ווייט פון מיר האָט, ווייזט אויס, דערקענט לויט מיינע פאַרטריקנטע ליפּן, אַז איך בין דורשטיק, איז ער אַוועק צום עק פון וואַגאָן, אָנגעצאַפּט אַ ביסל וואַסער אין אַ פּאַפּירן קווערטל און עס מיר צוגעטראָגן. איך האָב זיך אָנגעטרונקען און מיט די אויגן און אַ שאָקל מיטן קאָפּ — אים באַדאַנקט.

און אָט שטעלט זיך אָפּ די באַן אין דאַלאַס. דאַלאַס איז בסך הכל

פינף און דרייסיק מייל פון פאָרט־וואָרט. עס קומט אַריין אַ יונגער מאַן אין וואַגאָן, קוקט אָן אַלע פּאַסאַזשירן ביז ער דערזעט מיך. ער גייט צו צו מיר און גיט מיר דיין האַנט: מיסטער בונין? גענדל איז מיין נאָמען. איך בין אַן אַגענט פון דער יידישער עמיגראַציע־געזעלשאַפט און איך דאַרף אייך באַגעגענען און באַגלייטן קיין פאָרט־וואָרט.

מה לי לשקר, ווען איך דערזע איצט אַט אָ דאָ אַ מיינע טאַטע־מאַמע. אידאַן, מיינע חברים, וואָלט איך זיך אַזוי ניט דערפרייט — פאָרט־וואָרט, זאָגט צו מיר מיסטער גענדל, איז אַן אינדוסטריעלע שטאָט, און דערפאַר שיקט מען מיך אַהין.

אָנגעקומען אין פאָרט־וואָרט, האָט מיך מיסטער גענדל געבראַכט אין אַ יידישן באָרדינג־הויז, ער האָט באַצאָלט פאַר מיר צוועלף דאָלאַר פאַר צוויי וואָכן פּאָרויס „באָרד און רום״ (עסן און קוואַרטיר).

ווען כ׳האָב אַ ביסל זיך אָפּגערוט פון וועג, גייט מיסטער גענדל מיט מיר אַוועק אין עטלעכע ערטער זוכן אַרבעט פאַר מיר, ער געפינט אַן אָרט אין אַ מעבל־פאַבריק. נאָך דעם גייט ער מיט מיר אַוועק צום פּרעזידענט פון דער „היברו רעליף סאָסייטי״ (הילפגעזעלשאַפט), ווו איך קריג אַן אָנווייזונג אויף צען דאָלאַר אין אַן אייזן־קראָם אויף איינצוקויפן דאָרט די נייטיקסטע געצייג צו דער אַרבעט. אויף צו מאָרגנס גאַנץ פרי זעץ איך זיך אויפן טראַמוויי און פאָר צו דער אַרבעט.

אין פאַבריק אַרבעטן דייטשן, עסטרייכער און טשעכן. דער באַלעבאָס אַליין, מיסטער בראַנדט, איז אויך אַ דייטש. מיט די דייטשן און עסט־רייכער רעד איך דייטש, ווי דען? מיט די טשעכן — אוקראַיִניש, און מען פאַרשטייט זיך גאַנץ גוט.

אָפּגעאַרבעט דאָנערשטיק, פרייטיק און שבת, קריג איך מיין געהאַלט אויסגעצאָלט איך מזומן אין אַ קליין קאָנווערטל. איך קום אַהיים, צייל עס איבער — דריי דאָלאַר מיט פינף און זיבעציק סענט. דאָס הייסט, אַ דאָלאַר מיט אַ פערטל טאָג. אַ זייער אַנטוישטער קום איך מאָנטיק אין דער פרי צו דער אַרבעט.

מיין אַנטוישונג וועט זיין גרינג צו פאַרשטיין, אַז פאַר מיין אַוועק־פאָרן פון רוסלאַנד, האָב איך דאָרט פאַרדינט דרייצן רובל אַ וואָך, און דאָ, אין אַמעריקע, אַ דאָלאַר מיט אַ פערטל אַ טאָג?

דער באַלעבאָס גייט צו, באַטראַכט מיין אַרבעט, און זאָגט: „גאַנץ גוט, גאַנץ גוט".

— גאַנץ גוט איז מעגלעך פיר אינען, אָבער ניכט פיר מיר — ענטפער איך אים אין „דייטש" — איך קאָן ניכט שאַפן פיר איין דאָלאַר אונד איין פירטל איין טאָג.

— יאָ, אָבער זי מוזען נאָך לערנען, ענטפערט ער.

— איך האָב שוין גענוג געלערנט — ענטפער איך — איך בין ניכט קיין לערן־יונג, איך בין איין פולשטענדיקער אַרבייטער. איך מוז דאָך צאָלן זעקס דאָלאַר איין וואָך בלויז פאַרן עסען, און פאָרן צו דער אַרבייט מיטן סטריט־קאַר קאָסט אויך געלט.

איך קום אַהיים און דערצייל מיין מיסעס וועגן מיין געשפרעך מיטן באַלעבאָס.

צעשרייט זי זיך:

— גרינער, וואָס האָסטו געטאָן, מען וועט דאָך דיך פייערן!

מען האָט מיך ניט „געפייערט", די צווייטע וואָך האָב איך שוין גע־קראָגן ניין דאָלאַר, דאָס הייסט אַ דאָלאַר מיט אַ האַלבן אַ טאָג.

פּאָרט־וואָרט האָט דאָן געהאַט אַ באַפעלקערונג פון פינף און זעכציק טויזנט איינוווינער, צווישן זיי אַ דריי טויזנט מזרח־אייראָפּעישע יידן און דייטשישע יאַהודים. די יאַהודים, ווי געוויינטלעך, האָבן זיך געהאַלטן פון דער ווייטן און געמיינט, אַז זיי זיינען דאָס אייבערשטע פון שטייסל. דערפאַר אָבער האָבן זיי געהאַט אַ ראַביי, דזשאָרדזש דייוויד פאַקס, איז ער געווען אַ זייער פריינדלעכער מענטש און איז רעספּעקטירט געווען פון אַלעמען. אַפּט מאָל איז ער איינגעלאַדן געוואָרן אין אַ קירך האַלטן אַ דרשה, און אַ מאָל, פאַרקערט, האָט ער פאַרבעטן אַ גלח צו זיך אין טעמפּל צו האַלטן אַ דרשה... זיין דרשה אין קירך האָט זיכער ניט באַקערט די קריסטן צום יידנטום, און דעם גלחס דרשה אין זיין טעמפּל האָט אויך ניט באַקערט די יידן צום שמד, אָבער דאָס האָט זיכער פאַרשאַפט פריינד־שאַפט און פאַרשטענדיקונג צווישן יידן און קריסטן.

איך בין באַגייסטערט געוואָרן ווען איך בין געקומען אין „היברו־אינסטיטוט" און געזען יידישע קינדערלעך זאָרגלאָזע און פריילעכע, זויבער־אָנגעטאָענע, אַרומלויפן און זיך שפּילן. איך קום דאָך ערשט פון אַ לאַנד, ווו יידן זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף פּאָגראָמען צוליב דעם, וואָס

דער פרעמיער־מיניסטער, דער אַנטיסעמיט סטאָליפּין איז דערשאָסן געוואָרן דורך דעם משומד באַגראָוו, און יידישע קינדער זיינען געלעגן באַהאַלטן און פאַרשטעקט אין די לעכער, אַז מען זאָל פון זיי קיין פּיפּס ניט הערן...

די יידן האָבן זיך דאָ פאַרנומען מיט האַנדל, ריעל עסטייט, „קאָסטאָמער פּעדלערס" סטאָר־קיפּערס, דזשאָנק יאַרדס און דזשאָנק פּעדלערס. קיין יידישע אַרבעטער זיינען דאָ ניט געווען, חוץ איינער, אַברהם שייפער, אַן אינטעליגענטער יונגער מאַן, אַ סטאָליער און איך. שפּעטער זיינען צוגעקומען נאָך עטלעכע יידישע אַרבעטער.

אין פאָרט־וואָרט איז מיר ערשט קלאָר געוואָרן וואָס מיינט: עם ישראל חי. אָט זיינען אין אַמעריקע, אין דער וויטער סאָוט, פאַרוואָרפן געוואָרן יידישע עמיגראַנטן, האָבן זיי ביי דער ערשטער געלעגנהייט גענומען בויען אַ יידיש געזעלשאַפטלעכן לעבן. זיי האָבן אָפּגעקויפט אַן אַלט גרויס הויז און עס פאַרוואַנדלט אין אַ שול. שפּעטער, ווען די באַפעלקערונג האָט זיך פאַרגרעסערט, האָבן זיי אויפגעבויט אַ „היברו־אינסטיטוט" — אַ דריי־שטאָקיקן בנין. אונטן — אַ בית־מדרש, דער צווייטער שטאָק — אַ זאַל פאַר חתונות און פאַרוויילונגען און אויבן — אַ זאַל מיט אַלע גייטיקע איינריכטונגען אויף ספּאָרט.

דער גייסטיקער אָנפירער פון דער יידישער געמיינדע איז געווען רבי בלומענטאַל, אַ מענטש מיט טאַקט און פעיקייט צו האַלטן אַלעמען פאַראייניקט ווי איין פאַמיליע.

זיי האָבן, ווי שוין פריער דערמאָנט, געהאַט אַ „היברו רעליף־סאָסייטי", אַ „היברו פרי לאָאן אַסאָסיישן", „בני ברית", אינדעפּענדענט אָרדער ברית אַברהם, און „דהי פּראָגרעסיוו אָרדער אוו דהי וועסט". ווען אַ ייד איז אָנגעקומען אין שטאָט, האָט ער געהאַט אַן אַדרעס, ער איז ניט פאַרלוירן געגאַנגען.

אָן אַ צונג

אין מיין דירה האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ בחור מיטן נאָמעןביילין, אויך אַ סטאָליער. ער האָט בשום אופן ניט געקענט קריגן קיין אַרבעט און אַזוי לאַנג אַרומגעדרייט זיך ליידיק, ביז זיינע קרובים פון סט. לואיס האָבן אים אַהין אַריבערגענומען...

איין מאָל, קומענדיק אַהיים פון דער אַרבעט, זאָגט צו מיר די „מיסעס״:

— זע נאָר וואָס פאַר אַ שלימזל דער ביילין איז! פונקט היינט, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן, קומט אָן אַ טעלעגראַמע פון מיסטער גענדל, אַז ער האָט פאַר אים געקריגן אַרבעט ביי דער „סאַנטאַ־פע אייזנבאַן־קאָמפּאַניע״ אין קליבאָרן און אַז ער זאָל שוין קומען אַהין.

פאַרשטאַנען האָב איך, אַז די אייזנבאַן־קאָמפּאַניע צאָלט זיכער אַ בעסערן געהאַלט איידער מיין דייטש. זאָג איך:

— גוט, איך וועל פאָרן אָנשטאָט אים.

— וואָס הייסט דו וועסט פאָרן? די טעלעגראַמע איז דאָך ניט פאַר דיר.

— וואָס וועט מיסטער גענדל אַרן, אויב איך וועל קומען?

זי האָט נעבעך ניט געוואָלט פאַרלירן קיין באָרדער, און עס האָט איר שוין פאַרדראָסן וואָס זי האָט מיר דערציילט וועגן דעם גאַנצן ענין, עס האָט אָבער ניט געהאָלפן — איך האָב געכאַפּט מיין קעסטעלע געצייג, און היידאַ קיין קליבאָרן. דאָס איז געווען אַ פינף סטאַנציעס פון פאָרט־וואָרט.

איך קום אָן קיין קליבאָרן — קיינער איז מיך ניט געקומען באַגעגענען. די באַן גייט אַוועק און איך בלייב שטיין אויף דער פּלאַטפאָרמע אַ פאַר־לוירענער. ערשט שפּעטער מיט אַ צען מינוט לויפט אָן מיסטער גענדל אַ פאַרסאָפּעטער, קוים ער כאַפּט דעם אָטעם — איך זאָל אים אַנטשולדיקן. ער האָט זיך אַ ביסל פאַרשפּעטיקט. אָבער ווי קומסטו אַהער?

איך דערצייל אים, אַז ביילין איז אַוועקגעפאָרן צו זיינע קרובים קיין

סענט לואיס, און איך האָף, אַז ער וועט ניט האָבן קעגן דעם, וואָס איך בין געקומען.

— זייער גוט האָסטו געטאָן!

ס'איז פאַר מיר געווען זייער אַן אָנגענעמע דערפאַרונג: ווען האָט עס אַ ייד אין רוסלאַנד געקענט חלומען צו אַרבעטן אויף אַן אייזנבאַן? און דאָ אַרבעט איך זייט ביי זייט מיט קריסטלעכע אַרבעטער, אַלע גלייכע מיוחסים. אַלץ וואָלט אָבער גוט געווען ווען איך וויס וואָס צו אַרבעטן.

מייך אַרבעט איז באַשטאַנען אין פאַרריכטן פראַכט־וואַגאָנען. דער אייזנבאַן־הויף איז אפשר דריי מייל די לענג. אויף די רעלסן שטייען לאַנגע שורות „קראַנקע" וואַגאָנען, אויף יעדן פון זיי איז אָנגעקלעפּט אַ דיאַגנאָז, אַזוי צו זאָגן, פון וואָס דער וואַגאָן ליידט.

דער פאָרמאַן (מייסטער) פירט מיך צו צו אַ וואַגאָן, ווייזט מיר אָן מיטן פינגער אויפן צעטל, גייט אַוועק, און לאָזט מיך איבער איינעם אַליין מיטן חולה... איך שטיי און קוק אויפן צעטל און הייב ניט אָן צו וויסן וואָס צו טאָן. מילא, ווען איך זע, אַז אַ טרעפּ, אַ טיר אָדער אַ דאַך איז באַשעדיקט, ווייס איך שוין וואָס צו טאָן. איז דאָס אויך פאָלג מיך אַ גאַנג: איך דאַרף גיין אין פאַרשידענע אָפּטיילונגען, און מיט מיין מ'שטיינס געזאָגט ענגליש קריגן די מאַטעריאַלן, וואָס איך דאַרף. אָבער ווען דער וואַגאָן ליידט פון אַן אינערלעכער קראַנקייט, מוז איך דאָך שוין קענען איבער־לייענען דעם „דיאַגנאָז". העלפט גאָט, אַז איך קריג אַ דייטשישן אַרבעטער, פרעג איך אים און ער זאָגט מיר שוין וואָס איך האָב צו טאָן, אלא ניט, גיט זיך אַ ייד אַן עצה: לאָקאָמאָטיוון פירן אַוועק די שוין פאַרריכטע וואַגאָנען און ברענגען אַנדערע צום פאַרריכטן. כאַפּ איך זיך אַריין אין אַ וואַגאָן און פאָר מיר אַזוי אַרום פאַוואָלינקע אַהין און צוריק. אָדער איך נעם מיר אַ זעג, אַ האַמער און גיי כלומרשט זוכן דעם פאָרמאַן, ווען איך דערזע אים פון איין זייט, גיי איך אַוועק אויף דער צווייטער זייט פון די וואַגאָנען. איך טו עס ניט חלילה צוליב פוילקייט, איך בין קיין פוילער קיין מאָל ניט געווען, אָבער ווי זאָגט מען: „נויט ברעכט אייזן"־(באַן)...

דער מינימום־לוין איז דרייצן מיט אַ האַלבן דאָלאַר אַ וואָך מיט אַ „באָנוס", דאָס הייסט, אויב דו אַרבעטסט אויס מער ווי די באַשטימטע נאָרמע, קריגסטו מער. איך האָב, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט דערוואָרטן אויסאַרבעטן מער ווי די באַשטימטע נאָרמע, פאַרקערט, איך האָב דערוואַרט

יעדן טאָג אָפּגעזאָגט צו ווערן פון דער אַרבעט. מען האָט מיך אָבער ניט אָפּגעזאָגט. דער פאָרמאַן האָט מיך געשטעלט אַרבעטן בשותפות מיט אַ צווייטן אַרבעטער — מיסטער דייוויס, אַן עלטערער מענטש, אַן ענגלענדער. אויסער וואָס עס איז געווען גוט מיט אים צו אַרבעטן, איז פּשוט געווען אַ פאַרגעניגן אָנצוקוקן דעם מיסטער דייוויס. ער האָט געהאַט אַ קיילעכיק, גלאַט געראַזירט ראָזלעך פּנים, שמייכלדיקע בלויע אויגן, אַ גרויען קאָפּ האָר, און אַ באָפּאָלאָ־ביל בערדל.

מיסטער דייוויס שטייט אויפן דאַך פון וואַגאָן און בעט איך זאָל אים עטוואָס דערלאַנגען. פליִיס איך זיך און גיב אַ כאַפּ אַ שטיקל האָלץ און דער־לאַנג עס אים. דרייט ער מיטן קאָפּ אויף ניין, און שמייכלט. אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ביז איך טרעף וואָס ער מיינט.

— יו וויל בי אָללרייט (דו וועסט זיך אויסטויגן), דזשאָ — זאָגט ער און שמייכלט (דזשאָ, האָט ער מיר אַ נאָמען געגעבן).

אָפּגעאַרבעט אַזוי זעקס וואָכן מיט מיין מיסטער דייוויס, ביז עס איז געקומען צו אַ „ויהי״, און ווו עס איז אַ „ויהי״, איז כידוע אַ צרה.

אַ צווייטער פאָרמאַן לייט מיך אויס פון מיין פאָרמאַן אויף אַ גאַנץ אַנדער סאָרט אַרבעט. דער ווערקשטאַט האָט אַן אייזערנעם דעק. שוואַרצע אַרבעטער טראָגן צו ברייטערע און שמעלערע ברעטער. איך לייג זיי איבער איינע איבער דער אַנדערער און קלאַפּ עס צוזאַמען מיט טשוועקעס. ווען דער טשוואָק גייט דורך די ברעטער און טרעפט אין דעם אייזערנעם דעק פון ווערקשטאַט, פאַרבייגט זיך עס פון זיך אַליין. אַ דרוק אַן עלעקטרישן קנעפּל און די צוזאַמענגעקלאַפּטע טיר גיט זיך אויטאָמאַטיש אַ הייב אויף. אַ שוואַרצער אַרבעטער גיט זי אַ כאַפּ אַוועק, און אַנדערע ברעטער ווערן גלייך צוגעטראָגן. מיין נייער פאָרמאַן, אַ פראַנצויז מיט לאַנגע וואָנצעס, קוקט זיך גוט צו וואָס יעדער איינער טוט און שרייבט עפּעס אַריין אין אַ ביכעלע. אָפּגעאַרבעט אַזוי אַ צווי שעה, הייסט ער מיר גיין צוריק צו מיין אַרבעט און מאָרגן זאָל איך קומען צוריק צו אים אַרבעטן...

בשעת איך האָב געאַרבעט אויף צוזאַמענקלאַפּן די ברעטער, האָט דער פראַנצויז אויסגעפּרווט פערציק אַרבעטער, פון זיי האָט ער אויסגעקליבן די צען שנעלסטע, און איך — איינער פון זיי.

צו מאָרגנס אין דער פרי האָב איך זיך געמאָלדן אויף מיין נייעם „דזשאָב״. איך בין געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג און געקלאַפּט טשוועקעס.

דעם צווייטן טאָג אין דער פרי האָב איך דערפילט אַ שטאַרקן ווייטיק. מיין רעכטע האַנט איז געווען פאַרשוואָלן, יעדער פינגער — ווי מיט פוך אָנגעשטאָפּט. איך בין פון דעסט וועגן אַוועק צו דער אַרבעט, אָבער ניט צו מיין נייעם „דזשאָב", נאָר צוריק צו מיין מיסטער דייוויס. אַזוי לאַנג ווי איך בייט די געצייג אין מיין האַנט, קאָן איך נאָך ווי ס'איז אַרבעטן, אָבער ווידער האַלטן דעם האַמער אין איין פּאָזיציע און קלאַפּן טשוועקעס, איז געווען פאַר מיר אוממעגלעך.

גייט צו מיר צו דער פראַנצויז און רעדט צו מיר. ווייס איך ניט וואָס ער זאָגט, רופט ער צו אַ דייטשישן אַרבעטער און הייסט אים מיך פרעגן פאַר וואָס איך בין אַוועק פון דער נעכטיקער אַרבעט. ווייז איך אים מיין געשוואָלענע האַנט. הייסט ער דעם דייטש מיר זאָגן, אַז איך זאָל גיין אַהיים און אין אַ טאָג־צוויי אַרום, ווען מיין האַנט וועט בעסער ווערן, זאָל איך זיך ווידער מעלדן צו אים.

זאָג איך צום דייטש: (אין דייטש געווייִנטלעך...) „ביטע זאָגן זי דיזען פראַנצאָז, אַז איך האָב אים טיף־טייער אין דער ערדע מיט זיינע נעגל קלאַפּן".

איז עס אָפּנים דעם פראַנצויז ניט געפעלן געוואָרן. איך האָב עס פאַרשטאַנען פון דעם, וואָס ער האָט מיר געהייסן פאַרנעמען מיין קלאַפּערגעצייג און זיך אָפּטראָגן. אַוועקגעגאַנגען אין קאַנטאָר, האָט מען מיר אויסגעצאָלט וואָס מיר איז געקומען, מיט אַן עקסטראַ דאָלאַר אַ צוגאָב. פאַר דעם עקסטראַ דאָלאַר האָב איך געדאַרפט אונטערשרייבן אַ פּאַפּיר, אַז איך האָב געקראָגן באַצאָלט פאַר מיין באַשעדיקטער האַנט.

צוריק אין פּאָרט־וואָרט

איך קום צוריק צו מיין מיסעס אין פּאָרט־וואָרט מיט מיין געשוואָלענער האַנט. אויפן האַרצן איז מיר ניט יום־טובדיק. ביז מיין האַנט וועט זיך ניט אויסהיילן, איז דאָך אַפילו ניטאָ וואָס צו קלערן פון זוכן אַרבעט. און ווען די האַנט האָט זיך שוין יאָ אויסגעהיילט, און איך האָב גענומען זוכן אַרבעט — האָב איך ניט געקענט געפינען. די עטלעכע דאָלאַר וואָס איך האָב אָפּגע־שפּאָרט, זיינען ביסלעכווייז צעקראָכן געוואָרן און איך האָב געמוזט אַוועק אַרבעטן אַלץ שוואַרץ־אַרבעטער צו „סוויפט ענד קאָ" אין שלאַכטהויז.

מילא, שוואַרץ־אַרבעטער זיינען אויך מענטשן, איז אָבער די צרה מיטן ריח דאָרט. אַפילו ווען איך בין ניט קיין וועגעטאַריער, וואָלט מיר אויך געוואָרן דערווידער דער ריח פון פלייש און בלוט, מכל שכן אַז איך בין עס יאָ. אָבער מען מוז דאָך לעבן, שטעל איך זיך צו דער אַרבעט. מען האָט דאַן געגראָבן אַ טיפן פונדאַמענט פאַר אַ נייער געביידע. איז פריער האָב איך געדאַרפט העלפן גראָבן דעם פונדאַמענט, און נאָך דעם, מישן דעם צעמענט מיט די פיס. אמת, מען האָט מיר געגעבן אַ פּאָר גומי־שטיוול צו דעם. אין דער היים האָב איך ליב געהאָט צו טאַנצן דעם טשאַרדאַש, אַליקאַז, פּאַמ־פּאַדור און פּאַ־דע־עספּאַן, אָבער דאָ דער „צעמענט־טאַנץ" איז מיר ניט געווען שטאַרק צום האַרצן... דעם אויסגעמישטן צעמענט האָב איך נאָך דעם געדאַרפט פירן מיט אַ טאַטשקע צום אויסגעגראָבענעם פונדאַמענט. און די טאַטשקע איז אַ לאַנגע, אַ טיפע, אויף צוויי רעדער, און מען פּאַקט אַריין אין דעם אַ סך צעמענט, און איך שלעפּ עס, דאָס הייסט, די טאַטשקע שלעפּט מיך. איך קאָן ניט אָנהאַלטן מיינע פיס אויפן באָדן, דער צעמענט וועגט מיך אַריבער און עס הייבט מיך אין דער הויך...

אָפּגעמוטשעט זיך מיטן צעמענט און דער טאַטשקע, טראַנספּערירט מען מיך אין אַ „בעקאָן"־צימער, ווו מען האַלט דעם בעקאָן. (דאָס גערויכערטע חזיר־פלייש). יעדער צימער איז ווי אַ הויז די גרויס. אַרום דער גאַנצער לענג פון די ווענט ציען זיך אייזערנע רערן וואָס זיינען פאַרפרוירן אַ פוס

די גרעב. איך דאַרף אַרומהאַקן דאָס אייז און עס אַרויספירן אין דרויסן. אינווייניק איז, פאַרשטייט זיך, ניט וואַרעם, די זוילן פון מיינע שיך זיינען אַזוי אויסגעטראָגן, אַז איך טרעט שוין אויף די זאָקן. ווען איך פיר אַרויס דאָס אייז אין דרויסן, גיט מיך אַ כאַפּ די היץ. האָב איך זיך מסתמא גאָר נישקשהדיק פאַרקילט...

איך בין קראַנק געוואָרן און וועגן גיין צו דער אַרבעט איז קיין רייד ניט געווען. איך האָב שוין אַפילו קיין עסן ניט געקענט פאַרדייען. געוווינט האָב איך מיט פינף קריסטן אין איין צימער ביי אַ יידיש־דייטשישער פרוי. פלעגט זי מיר אין דער פרי צוטראָגן צום בעט אַ פּאָר אייער מיט אַ גלאָז קאַווע. די קאַווע איז געווען ביטער ווי גאַל. זי האָט זעלטן געמאַכט פרישע קאַווע. אָדער זי האָט צוגעגאָסן וואַסער, אָדער זי האָט צוגעשאָטן אַ ביסל קאַווע. די אייער האָב איך ניט געקענט עסן, האָט זי זיי אַוועקגענומען, און צוועלף אַ זייגער, מיטאָג־צייט, זיי מיר צוריקגעבראַכט און געזאָגט: זי האָבן עס אָם פרישטיק ניכט געעסען, מוזען זי עס אָם מיטאָג עסען! און ווען איך האָב עס „אָם מיטאָג" אויך ניט געגעסן, האָט זי זיי מיר אויף „אַבענד־בראָט" געבראַכט...

איך האָב געלעבט אויפן ביסל וואַסער, וואָס איך האָב אויסגעטרונקען, און איך וואָלט זיכער שוין ניט לאַנג אָנגעטריבן, ווען אויף מיין מזל קומט ניט מיך באַזוכן מיינער אַ באַקאַנטער, מיט וועמען איך האָב זיך באַפריינדט ביי מיין ערשטער „מיסעס" ווּהין מיסטער גענדל האָט מיך געבראַכט, ווען איך בין נאָר אָנגעקומען אין פּאָרט־וואָרט. ווען מיין פריינד האָט דערזען אין וואָס פאַר אַ מצב איך געפין זיך, האָט ער מיך גלייך גענומען צו זיך אַהיים. ער האָט שוין דאָ געהאַט זיין פרוי. זייער גוטסקייט צו מיר וועל איך קיין מאָל ניט פאַרגעסן! ס'איז מיר זייער גוט געווען ביי זיי, ביסלעכווייז בין איך געקומען צו מיינע כוחות, דאָס איז אָבער געפאַלן שווער אויף דער פרוי פון מיין פריינד. זי אַליין איז נעבעך געווען אַ ניט צו־געזונטע, און איך האָב זיך אָפּגעזוכט אַ קוואַרטיר ביי אַ יידישער פאַמיליע. דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיט איינעם אַ מיסטער סיימאָן, און דער מיסטער סיימאָן האָט מיך באַקאַנט מיט זיינעם אַ קוואַרטיראַנט, וואָס האָט געאַרבעט אין אַ סטאָלערײ־פאַבריק. דער יונגער מאַן האָט מיך מיטגענומען צו דער אַרבעט און מיך רעקאָמענדירט צום פאָרמאַן.

— ביסטו אַן ערשטקלאַסיקער סטאָליער? — פרעגט מיך דער פאָרמאַן.

— זיכער — זאָג איך, כאָטש איך בין ניט געווען אַזוי זיכער מיט זיך. איך האָב שוין אַזוי לאַנג ניט געאַרבעט ביים פאַך.

דער פאָרמאַן גיט מיר „אַרומצולייגן" גרויסע דעמבענע און מאהאגאַנע קאַרניזן פאַר סאַלון־באַרס (שענקען). איך אַרבעט אויף אַ פיינעם וואַרשטאַט, אַ שוואַרצער גייט אַרום און פאַרקערט די סטרוזשינעס און שטיקלעך האָלץ אַזוי גיך ווי זיי פאַלן אַראָפּ אויפן דיל. אַ צווייטער שוואַרצער גייט אַרום מיט אַן עמער קאַלטע וואַסער און טראָגט עס צו צו יעדן איינעם. די באַ־ציונג איז דאָ זייער אַ פריינדלעכע. די אַרבעטער העלפן זיך איינער דעם צווייטן.

ווי באַלד דער פאָרמאַן גייט צו מיר צו און גיט מיר אַן אַרבעט, וואַקסט תיכף אויס אַרום מיר אַן אונגאַרישער אַרבעטער, וואָס רעדט דייטש. זיין וואַרשטאַט איז לעבן מיינעם, הערט ער זיך איין, וואָס דער פאָרמאַן זאָגט מיר, און אַזוי גיך ווי דער פאָרמאַן גייט אַוועק, אַזוי גייט ער צו און דער־קלערט מיר, וואָס דער פאָרמאַן האָט געזאָגט, און איך מאַך די אַרבעט צופרידנשטעלנדיק.

— וויפל, — פרעג איך דעם מאַן, וואָס האָט מיך אַהער געבראַכט — וועט מען מיר צאָלן? (אין שלאַכט־הויז האָב איך געאַרבעט ווי אַ קאָ־טאָרזשניק צען שעה אַ טאָג פאַר צען דאָלאַר אַ וואָך, און דאָ אַרבעט איך אַכט שעה אַ טאָג ביי אַן אַרבעט, וואָס איז מיר ליב און ביי אַזעלכע מענטש־לעכע באַדינגונגען).

— דריי דאָלאַר אַ טאָג, אַכצן דאָלאַר אַ וואָך — ענטפערט ער.

— גייט שוין, גייט, פון אַ גרינעם איז גוט צו לאַכן.

אָבער ווי אַנגענעם איבערראַשט בין איך געווען, אַז אָנשטאָט דריי דאָלאַר אַ טאָג האָב איך געקראָגן גלייך מיט אים — דריי דאָלאַר און אַ פערטל, און דאָס איז געווען דאָס העכסטע, וואָס זיי האָבן געצאָלט. מיט עטלעכע שעה „אָווערטיים", האָב איך געקראָגן איבער פינף און צוואַנציק דאָלאַר!

מיין שוואָגער

ווי דער לייענער געדענקט מסתמא, האָט די עמיגריישן־ביוראָ אָוועק־געשיקט מיין שוואָגער קיין קענזאַס־סיטי. ער האָט זיך דאָרט ניט געקענט איינאָרדענען און מיך פאַרוואָרפן מיט בריוו, אַז ער וויל קומען צו מיר, אין פּאָרט־וואָרט. איך האָב קוים געפּועלט ביי דער עמיגראַציע־געזעל־שאַפט זיי זאָלן אים שיקן צו מיר. ער האָט זיך דאָ אָפּגעזוכט אַ שטעלע אין אַ מעש־פאַבריק. פאַר אַ געוועזענעם „באַטשאַלניק סטאַנציי", איז דאָס געווען ניט קיין זייער אָנגענעמע מלאכה, און געקראָגן האָט ער אין גאַנצן צען דאָלאַר אַ וואָך. שיקן געלט צו זיין ווייב און קינדער — האָב איך געדאַרפט. ער אַליין האָט זיך גאַנץ פיין אַרומגעקליידט, אָפּגעזוכט געזעל־שאַפט און זיך געלאָזט ווילגיין.

אויף דער זעלבער קוואַרטיר ווו מיר האָבן געוווינט, איז געווען אַ יונגער מאַן יהושע שוכוועגער, ער איז געווען שוין עטלעכע יאָר אין לאַנד. אַ בלעכער פון פאַך — האָט ער געאַרבעט ביי „סוויפט און קאָמפּאַני" און געהאַט שוין אָפּגעשפּאָרט עטלעכע טויזנט דאָלאַר. מיר האָבן זיך זייער באַפריינדט און איך האָב ביי אים געליען דריי הונדערט דאָלאַר אויף שיפס־קאַרטן, אַריבערצובריינגען די משפחה. אַגב, שפּעטער איז ער געוואָרן מיין שוועסטער שיינע־דאָבעס מאַן. ער איז געווען אַ ביסל געכאַפּט אין קאַרגשאַפט, און זייער מעגלעך, אַז דאָס געלט האָט ער מיר געליען ווייל דאָבעס בילד, וואָס זי האָט מיר געשיקט פון דער היים, איז אים זייער געפעלן געוואָרן...

אַזוי ווי סאָניע מיט די קינדער און מיין שוועסטער דאָבע האָבן זיך שוין ערנסט גענומען קלייבן אין וועג, האָט מען געדאַרפט אַ גרעסערע סומע, איך האָב דעריבער שבת פאַרנאַכט געבראַכט מיסטער זאַלצבערגן פערציק דאָלאַר, אַז ער זאָל דאָס אַוועקשיקן. מיסטער זאַלצבערג איז געווען דער סעקרעטאַר פון די פּאָרט־וואָרטער „זיאָניסטן", אַ ליבער וואַרעמער און האַרציקער ייד, אָבער די „סטאָרי" (מעשה) „קיין אַמעריקע"

פון שלום אַש, וואָס איך האָב אים געגעבן צו לייענען, האָט ער ניט „געגליכן".

— וואָס האָט אַזוינס דאָ אויפגעטאָן „אייער" שלום אַש? ער נעמט אַזאַ געראָטן קינד ווי יאָסעלע, ברענגט אים קיין אַמעריקע, און ער שטאַרבט גאָר! פאַר וואָס האָט ער ניט געקענט דאָ אַרויסוואַקסן, ווערן אַ הייסער זייאָניסט, אַ לידער, (אַ פירער) אָדער גלאַט אַ גרויסער מענטש? מיט זיין גוט קעפל האָט ער זיך דאָן דאָ געקענט גוט אַרויפאַרבעטן, ס'איז דאָך אַמעריקע, יו נאָו...

דעם מאָנטיק אין דער פרי, ווען מיסטער זאַלצבערג האָט געזאָלט אָפּשיקן די פערציק דאָלאַר צו סאָניען, זאָגט צו מיר מיין שוואָגער:

— ווייסט, די קאָמפּאַניע וווּ איך אַרבעט, שיקט מיך אויף אַ דזשאָב קיין סעדאַליע, מיזורי. זיי באַצאָלן אַלע מיינע רייזע־קאָסטן און איך וועל דאָרט פאַרבלייבן אַ לענגערע צייט.

שפּעטער, אין אָונט, איז ער אַוועקגעפאָרן.

— ניט ניטיק — האָט ער געזאָגט — דו זאָלסט זיך שלעפּן צו דער באַן מיך באַגלייטן...

מיין מאַמע פלעגט שטענדיק זאָגן: „אַ מאַן קען קיין בהמה ניט זיין, אַ פערד — יאָ"...

דעם זעלבן אָונט, נאָך מיין שוואָגערס אַוועקפאָרן, רופט זיך אָפּ צו מיר שוכוועגער, דער וואָס האָט מיר געליען די דריי הונדערט דאָלאַר.

— ווייסט, איך האָב אַ חשד, אַז די פערציק דאָלאַר, וואָס דו האָסט געגעבן מיסטער זאַלצבערגן אַוועקצושיקן, האָט דיין שוואָגער צוגענומען און איז מיט זיי ניט אַוועקגעפאָרן, נאָר אַנטלאָפן.

— דו רעדסט דאָך גאָר שטותים — ענטפער איך אים. — ווי קאָן דאָס דיר איינפאַלן אַזאַ ווילדער געדאַנק?

דערציילט ער מיר, אַז מיין שוואָגער האָט אים ניט איין מאָל געזאָגט, אַז ער האָט ניט ליב סאָניען מיט די קינדער. ער האָט פון מיר חוזק געמאַכט און אים דערציילט ווי אַזוי איך בין אויף זיין חתונה, אַן אָפּגעריסענער און באָרוועסער, מיט אַ פּאָר פון מיינע חברימלעך, אַריין אין חתונה־שאַלאַש און דער סאַרווער האָט מיך געגומען אַרויסטרייבן. מיין טענה, אַז איך בין דער כלהס אַ ברודער, האָט ניט געהאָלפן. אפשר ווייסטו

מיר זאָגן, אַז דו ביסט דעם בעל שם טובס אַן אייניקל? — און דער סאַרווער האָט מיך טאַקע אַרויסגעטריבן...

דאָס דערהערט, בין איך שוין טאַקע אַוועק אין דער פרי אין פּאָסט־אָפּיס און געפרעגט צי עמעצער האָט מאַנטיק געשיקט פערציק דאָלאַר צו סאָניע לעווין אין רוסלאַנד. דער באַאַמטער האָט נאָכגעקוקט און גע־ענטפערט: „ניין״! בין איך אַוועק צו זאַלצבערגן און אים געפרעגט, צי ער האָט אָפּגעשיקט דאָס געלט?

— וואָס הייסט — ענטפערט ער פאַרוווּנדערט — אייער שוואָגער איז געקומען און זאָגט מיר, אַז אַזוי ווי היינט אַרבעט ער ניט, וועט ער מיר פאַרשפּאָרן די טירחה און וועט עס אַליין אַוועקשיקן!

איך האָב שוין דערזען ווו איך האַלט און גלייך געליען אַנדערע פערציק דאָלאַר. איך האָב עס אַוועקגעשיקט סאָניען און איר צוגעזאָגט אין גיכן ווידער צו שיקן, אַבי זיך אַרויסצורייסן פון רוסלאַנד. אַלע מאָל האָבן זיך געמאַכט אַנדערע שוועריקייטן.

פון מיין שוואָגער האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו, אַז ער אַרבעט אויף דעם זעלבן פּלאַץ, ווו זיין קאָמפּאַניע האָט אים געשיקט, אַז ער פילט זיך גוט און ער האָפט פון מיר דאָס זעלבע צו הערן.

איך האָב אים גלייך געענטפערט, אַז איך האָב מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויף זיין בריוו (און נאָך ווי געוואַרט) און זיך אין גאַנצן ניט געמאַכט וויסנדיק וועגן זיין האַנדלונג. אין פּאַרט־וואָרט איז געווען אַ „רעווערענד״ מיסטער עסקין, וואָס פלעגט זייער ליב האָבן זאָגן מגידות. האָט ער, געדענק איך, אין איינער אַ דרשה זיינער געזאָגט: „די מאַסקע, מיינע פריינד, טאָר מען פון יענעם ניט אַראָפּנעמען״. — האָב איך מיין שוואָגער געלאָזט טראָגן די מאַסקע, ביז איך וועל שוין דערלעבן זען סאָניען מיט די קינדער אָנקומען...

שווערע, לאַנגע וואָכן און חדשים האָבן זיך געצויגן ווי פעך. סאָניען האָב איך ווי פריער געשיקט געלט און יעדעס מאָל מיט אַן אַנדער תירוץ: אַז ליאָוו איז געקומען אַ מידער פון דער אַרבעט, דערפאַר שרייבט ער ניט. אָדער ער איז גראָד איצט אויסער דער שטאָט אויף אַן אַרבעט ווו זיין קאָמפּאַניע האָט אים געשיקט. ווי מיין פאַרדרוס האָט אויף אים ניט געברענט, האָב איך אים אַלץ געשריבן זיסע בריוו, כדי אָנצוהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט אים ביז סאָניע וועט שוין מיט מזל אָנקומען.

איבער דריי חדשים האָבן זיך אַזוי געצויגן, ביז איך האָב שוין אָנ־געוווירן דאָס געדולד און אין אַ בריוו אים געפרעגט, צי ער האָט לעצטנס געשריבן צו סאָניען, און וואָס זי שרייבט אים.

אויף דעם האָב איך פון אים דערהאַלטן אַן ענטפער, אַז ניט ער שרייבט צו סאָניען מיט די קינדער, און ניט עס אינטערעסירט אים הערן פון זיי, ווייל ער האָט זיי קיין מאָל ניט ליב געהאַט און איצט — אַוודאי ניט.

האָב איך אים שוין געמוזט שרייבן, אַז דאָס וואָס ער האָט ניט ליב זיין פרוי, איז צו באַדויערן און קיין טענות צו אים קען איך דערפאַר ניט האָבן, עס טרעפט. אָבער צו די פיר קינדער איז ער דאָך אַ גלייכער שותף, איז ווי אַזוי און אויף וועמען לאָזט ער זיי איבער? ביי מיין אַלטן טאַטן וואָס האָט אַליין ניט צו עסן? איז אָנגעקומען אַן ענטפער, אַז דאָס וואָס איך אַפּעליר צו זיין געוויסן און יושר, איז אַרויסגעוואָרפן. קיינער האָט אין אים קיין מענטש ניט געפונען און ער אַליין אויך ניט, און אַנשטאָט אַ נאָמען, זאָל איך אָוועקשטעלן אַ צלם.

שווער איז געווען צו פירן אַזאַ קאָרעספּאָנדענץ, אָבער איך האָב דאָך צו אים געשריבן, כדי צו געווינען צייט ביז סאָניע וועט קומען. געשריבן האָב איך אָט וואָס:

„מיין טייערער צלם,

„דערהאַלטן אייער בריוו, און איך מוז אייך זאָגן, אַז שוין דעם ערשטן טאָג פון אייער אָוועקפאָרן, האָב איך זיך דערוווּסט פון אייער געמיינער און אוממענטשלעכער האַנדלונג. מיר האָבןביידע געלייענט די פאַרצווייפלטע בריוו פון אייער פרוי און קינדער, פון דעסט וועגן האָט איר געקענט פאַר־כאַפּן, איך וואָלט געזאָגט, גנבענען, דאָס געלט, וואָס איך האָב זיי געשיקט, און מיט דעם אַנטלויפן, און די גאַנצע צייט מיר אַפילו אויף דעם קיין אַנדייט ניט געגעבן! ווען איך דערוויס זיך ניט באַצייטנס און שיק איר ניט קיין אַנדער געלט, וואָלט זי דאָך דאָרט, חלילה, הונגער געליטן. איך וועל מיין שוועסטער ניט איבערלאָזן אויף גאָטס באַראָט און וועל זי אַריבערברענגען אַהער. מיט מיר איז גאָט, און מיט אייך — דער טייוול".

זיין ענטפער:

„איך ווייס ניט וואָס פאַר אַ כוח דו באַזיצסט, אַז איך פיל זיך ווי געצוווּנגען צו שרייבן צו דיר. איך האָב אַ סך נאָכגעטראַכט און איך פיל זיך ווי רענאָרדעט און מיינע קינדער זיינען די קרבנות".

ווער זשע איז געווען רענאַרדעט? — מיר האָבןביידע געלייענט אַ פראַנצויזישן ראָמאַן, ווי אַזוי אַ רייכער גוטבאַזיצער, וועמענס פרוי איז געשטאָרבן, איז איין מאָל געגאַנגען אויפן שפּאַציר אַרום זיין גוט, וואָס האָט זיך געפונען לעבן ים. פּלוצעם האָט ער דערזען אַ נאַקעט, יונג מיידל אַרויסלויפן פון ים. ער האָט זי פאַרשלעפּט אין אַ וועלדל דערביי, און וואָס מער זי האָט זיך געווערט, און וואָס שטאַרקער ער האָט פאַרקוועטשט איר האַלדז, אַלץ שוואַכער איז געוואָרן איר שטים, ער האָט אַפילו ניט געפילט, אַז ער האָט זי דערוואָרגן.

ווען פּאָליציי איז געקומען אונטערזוכן דעם מאָרד, איז מען ווי גע־ווינטלעך פאַרפאָרן צום פריץ. ער האָט געשטעלט משקה, פאַרבייסן, און האָט כלומרשט געהאָלפן זוכן דעם מערדער.

רענאַרדעטן האָט אָבער געמאַטערט זיין געוויסן. דער געוויין פון זיין קרבנס מוטער האָט געהאַלטן אין איין קלינגען אין זיינע אויערן. האָט ער באַשלאָסן צו באַגיין זעלבסטמאָרד. האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צו דער פּאָליציי, עס אַריינגעוואָרפן אין בריווקעסטל, וואָס איז געווען צוגעפּעסטיקט צו זיין טויער, אַרויף אויף אַ הויכן טורעם און זיך שוין געוואָלט אַראָפּ־וואַרפן, אָבער דערזעענדיק, ווי דער גאַנצער אַרום האָט זיך געבאָדן אין זון, און די פויערים האָבן אַזוי פלייסיק געאַרבעט אויף די פעלדער פון זיין גוט, האָט ער פאַרלוירן זיין מוט און אַראָפּגעלאָפן צו בריווקעסטל פון דאָרט אַרויסצונעמען דעם בריוו. גראָד איז דער בריוונטרעגער אָנגע־קומען און האָט שוין געהאַט דעם בריוו אין זיין טעקע.

— איך בעט אייך, הער בריוו־טרעגער, איך האָב דאָ ערשט אַריינ־געוואָרפן אַ בריוו און איך מוז דאָרט עפּעס אויסבעסערן, זייט אַזוי גוט און גיט עס מיר צוריק.

— עס טוט מיר לייד, הער רענאַרדעט, אָבער איך קען אייך דעם בריוו ניט צוריקגעבן. דער בריוו געהערט שוין ניט צו מיר און ניט צו אייך, נאָר צו דער פראַנצויזישער רעפּובליק, — האָט אים דער בריווטרעגער געענטפערט און איז אַוועק מיטן בריוו.

דאַן איז רענאַרדעט אַרויף צוריק אויפן טורעם און זיך אַראָפּגעוואָרפן.

אויף דעם בריוו האָב איך אים געענטפערט:

„מיין טייערער „צלם“.

„איך וויל אייך קודם כל זאָגן, אַז איך מיין אין קיין פאַל אייך ניט

אָפּרעדן פון באַגיין זעלבסטמאָרד. אַדרבא, פאַר אַ מענטש, וואָס ביי אים איז יעדער געפיל פון יושר און מענטשלעכקייט אויסגעלאָשן, האָט דאָס לעבן קיין שום זין און ווערט ניט. איך ווייס אָבער, אַז איר וועט עס ניט טאָן. מען דאַרף האָבן מער מוט צו שטאַרבן, ווי צו לעבן. און ווי איר אַליין שרייבט, האָט איר דאָך אַפילו קיין מוט ניט צו לעבן. איז ווי באַלד, אַז זעלבסטמאָרד איז אויסגעשלאָסן, האָט איר זיך ניט וואָס צו פאַר־גלייכן צו רעגאַרדעטן. זיין קרבן איז געווען טויט, און אייערע קינדער זיינען ניט קיין קרבנות, און זיי לעבן. ניט זיי און ניט סאָניע ווייסן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. איך האָב נאָך צו זיי וועגן דעם קיין מאָל גאָרניט געשריבן. אויב איר ווילט, קומט צוריק צו מיר, אָדער איך וועל פאָרן צו אייך און מיר וועלן אָנהייבן אַלץ פון דאָס ניי, ווי עס וואָלט גאָרניט געטראָפן.

האָט ער מיר ווידער געענטפערט:

„צי איך וועל אים גלייבן, צי ניט, — ער האָט זיך איבערגעשניטן דעם האַלדז, אָבער מען האָט אים אָפּגעראַטעוועט, אַז סאָניע מיט די קינדער וועלן קומען, וועט ער זיי אַריבערנעמען צו זיך“.

דאָס איז אָבער געווען זיין לעצטער בריוו צו מיר. מער האָב איך שוין פון אים ניט געהערט, ווי ער וואָלט אין ים אַריין.

סאָניע קומט אָן

דאַנקען גאָט, קוים דערלעבט די גוטע בשורה, אַז סאָניע מיט די קינדער און דאָבע פאָרן אַרויס סוף נאָוועמבער און וועלן אָנקומען אין מיטן דעצעמבער. פונקט אַ יאָר נאָך מיין קומען אַהער. איך האָב גע־דונגען אַ הויז מיט זעקס צימערן, איינגעקויפט געניצט מעבל פאַר צוויי הונדערט דאָלאַר אויף צוויי דאָלאַר אַ וואָך אויסצוצאָלן.

איך האָב איצט געאַרבעט אין אַ מעבל־פאַבריק און פאַרדינט פופצן דאָלאַר אַ וואָך, און דאָ האָב איך באַדאַרפט אויסצאָלן די דריי הונדערט דאָלאַר, וואָס איך האָב געליען פאַר די שיף־קאַרטן. איז דאָס פאַר מיר געווען אַ גרויסע סומע, אָבער ניט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר איז: וואָס וועל איך זאָגן סאָניען און די קינדער ווען זיי וועלן אָנקומען?

16.12.1912

אָט קומען זיי אַרויס פון וואַגאָן. די קינדערלעך אויסגעפּוצטע, סאָניע אין אַ שוואַרץ קליידל, און ווייסער בלוזקע, מיט אַ היטעלע אויפן קאָפּ און שיינע־דאָבע אָנגעטאָן — אַן אמתע אַמעריקאַנקע.

די קלוגע שוועסטער מיינע, סאָניע, האָט די גאַנצע צייט געהאַט אַ חשד, אַז עפּעס איז ניט כשורה, און ווען מיר האָבן אויפן וואָקזאַל זיך אַרומגעכאַפּט האַלדזן און קושן, האָט זי אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט פרעגנ־דיקע אויגן. אויף איר פראַגע וואָס איז באַשטאַנען פון איין וואָרט: „ליאָוו"? — האָב איך געענטפערט מיט איין וואָרט: — „ניטאָ".

*

שווערע אומעטיקע טעג האָבן זיך געצויגן. סאָניע האָט זיך געסטאַרעט מיט אַלע אירע כוחות ניט אַרויסצווייזן פאַר די קינדער איר גרויסן ווייטיק. זי האָט זיך, ווי מען זאָגט, געקנייפּט אין די באַקן, כדי די פאַרב זאָל שטיין. די קינדער זיינען געווען אין עלטער פון פיר ביז צוועלף יאָר. זיי זיינען אַלע, אַחוץ דאָס קלענסטע פיריאַריקע מיידעלע אַוועק אין סקול.

דאָבע האָט געקריגן אַרבעט אין אַ קאָנדיטעריי, און זייער, זייער ווייניק פאַרדינט; סאָניע האָט זיך פאַרנומען מיט דער „באַלעבאַטישקייט".

פאַרשטייט זיך, אַז פון מיינע און דאָבעס מאָגערע פאַרדינסטן האָבן מיר ניט געקענט אויסקומען. איז געווען אַן עצה — די עצה וואָס אַלע גרויסע משפחות האָבן זיך געגעבן, אַנקומענדיק קיין אַמעריקע — „באָרדערס", קוואַרטיראַנטן מיט עסן און שלאָפן. סאָניע האָט געקאָכט די וועטשערעס, צוגעגרייט די אָנבייסנס פאַר אונדז אַלעמען, געקערט, געראַמט, געוואַשן — און ס'איז אַוועק אַ גאַנג. שוין איין מאָל אַ גאַנג!

איינער פון אונדזערע באָרדערס איז געקומען צו אונדז אויף זייער אַ טשעקאַווען אופן: איין מאָל אַן אָוונט קומט אַריין צו אונדז אַ יונגער מאַן, אַ פעדלער פון גאַלאַנטעריע. אַריינגעקומען איז ער מיט אַ יונגן בחור ערשט פון שיף אַראָפּ, און היימי דער גאַלאַנטעריי־פעדלער ווענדט זיך צו מיר; בזה הלשון: „דער דאָזיקער יונגער מאַן האָט אייער טאַלאַנט און אפשר קענט איר אים מיט וואָס העלפן"?

— וואָס שרייבט איר — פרעג איך דעם בחור — פּאָעזיע צי פּראָזע?

— איך שרייב, אָבער ניט קיין פּאָעזיע און ניט קיין פּראָזע, איך שרייב אַ מאָל אַ בריוו אַהיים.

— איר האָט דאָך געזאָגט, אַז ער האָט מיין טאַלאַנט — ווענד איך זיך שוין צו היימין דעם פעדלער.

— יאָ, — ענטפערט מיר היימי — איך האָב מיט דעם געמיינט, אַז ער איז אויך אַ סטאָליער. פון וואַנען האָט איר עס געדרונגען אַז ער איז אַ שרייבער?

היינט גיי ווייס, אַז „טאַלאַנט" הייסט ביי אים אַ מלאכה. און אפשר האָט ביי דעם דאָזיקן היימי דעם פעדלער, וואָס האָט קיין שום מלאכה ניט געקענט, סטאָלעריי אויסגעקוקט ווי אַ גרויסער טאַלאַנט?

איך האָב דעם בחור מיטן „טאַלאַנט" גענומען אונטער מיינע פליגלען, געקריגן פאַר אים אַרבעט אין דער זעלבער פאַבריק, וווּ איך האָב גע־אַרבעט. ער האָט זיך אַריינגעצויגן צו אונדז, און איז געוואָרן מיינער אַ „באָרדער".

וועגן ווערן אַ שרייבער ווי איך האָב געחלומט, איז געווען אָפּגערעדט. מיין קאָפּ איז מיר געווען פאַרדרייט. ביי צוויי און צוואַנציק יאָר בין איך געווען אַ מטופל מיט אַזאַ משפחה קיין עין־הרע. דאָך האָב איך אָנגעשריבן

אַ ליד פון צייט צו צייט, און, וואָס אמת, אויף די רעדאַקטאָרן פון די פאַרשידענע ניו־יאָרקער צייטונגען און זשורנאַלן, קען איך זיך ניט באַ־קלאָגן: זיי האָבן מיינע צוגעשיקטע לידער, חלילה, אין קאָרב ניט געוואָרפן, זיי האָבן מיר זיי שטענדיק אָפּגעשיקט צוריק...

דזשאָו שוכווערגער, דער וואָס האָט מיר געליען די דריי הונדערט דאָלאַר, איז אויך געוואָרן מײַנער אַ באָרדער. אַלע אַנדערע באָרדערס האָבן געצאָלט זעקס דאָלאַר אַ וואָך, אים האָב איך אָבער גערעכנט פינף דאָלאַר אַ וואָך. עלעהיי, איך האָב אים געצאָלט פּראָצענט פאַר דער הלוואה, און ער האָט דעם פּראָצענט גאַנץ פיין אָפּגעגעסן. און ווי עס האָט זיך געפירט אין יענע יאָרן ביי די ערשט אָנגעקומענע אין נייעם לאַנד: אַ ברודער האָט אַראָפּגעבראַכט אַ שוועסטער, אַ פעטער — פּלימעניק. מיט אַ יאָר שפּעטער זיינען אָנגעקומען מיינע צוויי פּלימעניקעס, מיין שוועסטער רחל לאהס צוויי זין. מיט עטלעכע חדשים שפּעטער איז אָנגעקומען צו מיר מיין טייערער יוגנט־פריינד מאיר באַראַן, דאָס איז דער זעלבער מאיר, מיט וועמען איך האָב זיך באַקענט ביי זיין ברודער ברוך אין סאָסניצע ווען איך בין צו אים אָנגעקומען זיך לערנען סטאָלעריי. מיט דעם דאָזיקן מאירן, ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, איז מיר באַשערט געווען זיך צו חברן אַ גאַנץ לעבן, פריער אין סאָסניצע, שפּעטער אין מענאַ, וווּ מיר האָבן ביידע געהערט צום „בונד", נאָך שפּעטער — אין יעקאַטערינאָסלאַוו, איצט — אַזש אין פּאָרט־וואָרט און גאָר שפּעטער אין לאָס־אַנדזשעלעס. אַ גוטן געטרייען חבר, ווער קען געפינען? „טייערער פון די טייערסטע פּערל איז זיין ווערט!" פאַרשטייט זיך, אַז סיי מיינע פּלימעניקעס, סיי מיין חבר מאיר, זיינען געוואָרן מיינע באָרדערס.

זיבן באָרדערס האָבן מיר שוין פאַרמאָגט, און מיין שוועסטער סאָניע האָט שוין געדאַרפט קויפן גרעסערע טעפּ אויף צו קאָכן אין זיי די גרויסע וועטשערעס עס זאָל סטייען פאַר אַלעמען. יעדן אָוונט פאַרן שלאָפן גיין, האָט זי געדאַרפט איינפּאַקן זיבן „לאַנטשעס" (איבערבייסנס) פאַר אירע קוואַרטיראַנטן מיטצונעמען צו דער אַרבעט. קיין זאַלץ האָט זי אין זיי ניט געדאַרפט אַריינטאָן: זיי זיינען באַזאַלצן געוואָרן פון אירע טרערן.

קיין גליקן האָבן מיר אָרום די באָרדערס, וואָס האָבן געצאָלט זעקס דאָלאַר אַ וואָך, ניט געמאַכט, אָבער ווי זאָגט מען: „מיר האָבן שוין אָרום זיי געגעסן"... און אָט דער אויסדרוק האָט מיך זייער געפייניקט.

יידיש אין פּאַרט־וואָרט

איין מאָל קום איך אַריין אין „היברו־אינסטיטוט״, ווען ראַביי ראָזענ־טאַל לערנט מיט די קינדער. פרעגט ראַביי ראָזענטאַל:

— מי יושב על הספסל?

— הנער יושב על הספסל!

— מי יושב על השולחן? — פרעגט ווידער ראַביי ראָזענטאַל.

— הנער יושב על השולחן. — ענטפערן די קינדער.

ביי מיר האָט עס געקלונגען זינלאָז. ניט די קינדער, ניט די עלטערן, וועלן האָבן פון דעם אַ נוצן. דאָס זיינען געווען קינדער אי פון ניט־לאַנג אַריבערגעקומענע, אי פון הי־געבוירענע עלטערן. ווען מען לערנט מיט זיי יידיש, וואָלטן סיי זייערע עלטערן, סיי זייערע זיידעס און באָבעס זיי פאַרשטאַנען און עס וואָלט זיך געשאַפן אַ גרעסערע דער־נענטערונג צווישן די קינדער און די עלטערן.

פאַר מיין אָפּפאָרן קיין אַמעריקע, האָבן אין יעקאַטערינאָסלאַוו גאַסט־ראָלירט די קינסטלער מעדוועדיעוו (אַן אָפּערע־זינגער) און שאַפּראַנאָוו מיט זיין כלה. זיי האָבן געזונגען יידישע פאָלקס־לידער, און יידן זיינען גע־לאָפן צו זייערע קאָנצערטן. איך האָב באַשלאָסן דורכצופירן אַזאַ קאָנצערט פון יידישע פאָלקס־לידער אין פּאָרט־וואָרט.

איך בין אַוועק צום דיריגענט פון „מאָדזשעסטיק טעאַטער״, פאַר אים געזונגען, און ער האָט פאַרשריבן די מעלאָדיעס צו אַ ריי פאָלקס־לידער.

כדי צו באַוואָרענען זיך, אַז „חכמים״ זאָלן ניט זאָגן: „זע נאָר וואָס פאַר אַ לידער מען זינגט, איך האָב עס נאָך געהערט פון מיין באָבען״ — האָב איך פריער געזאָגט עטלעכע ווערטער וועגן דער וויכטיקייט פון די לידער ערשט טאַקע דערפאַר, וואָס אונדזערע באָבעס און עלטער־באָבעס האָבן זיי געזונגען, אויף וויפל די פאָלקס־לידער שפּיגלען אָפּ דעם שטייגער־לעבן פון פאָלק. אַזוי צום ביישפּיל שפּיגלט אָפּ דאָס ליד „די גאָלדענע פּאַווע״ די צייט ווען דער חתן אָדער כלה ווערן פאַרוואָרפן ווייט פון זייערע

עלטערן און קומען אַן אויף „קעסט״ צו שווער־און־שוויגער, און אַט ווי אַזוי אַ שנור אויף קעסט, זינגט אויס, אָדער בעסער געזאָגט, וויינט אויס איר צער און אומעט אין אַ בריוו צו איר מאַמען:

„איז געפלויגן די גאָלדענע פּאווע
איבער ווייטע ימען, איבער ווייטע ימען,
לאָז זשע גריסן, גאָלדענע פּאווע
מיין ליבער, מיין האַרציקער מאַמען!

אַזוי ווי ס׳איז ביטער, מיין ליבע מוטער
אַ פייגעלע אָן אַ נעסט, אַ פייגעלע אָן אַ נעסט,
אַזוי איז ביטער, מיין ליבע מוטער
שווער און שוויגערס קעסט!״

אָדער נעמט צוםביישפּיל דאָס ליד „די באָרד״. די פרוי ליגט איינגעלייגט אין קליינעם שטעטל מיט די פּיצלעך קינדער און דער מאַן פאָרט אַוועק אין גרעסערע שטעט האַנדלען, ער באַקענט זיך דאָרט מיט וועלטלעכע מנהגים און זיטן און קומט אַהיים „קורץ געקליידט״ און אָן אַ באָרד. דאָס ווייב קלאָגט:

צי וואָלט איך גאָר גלייבן
ווען איך זאָל דאָס הערן,
אַז מיין פרומער מאַן
וועט די באָרד אָפּשערן!

איך האָב די באָרד געזען אין חלום,
אַז עס איז נאָך איר שוין עליו השלום,
איין האָר אַהין, איין האָר אַהער,
און אין מיטן איז געלעגן אַ לאַנגע שער,
אוי, דאָס בערדעלע גיב מיר אַהער!...

זאָג מיר כאָטש דעם הייליקן אָרט,
ווו דו האָסט געלאָזן דיין טייערע באָרד,

איך וועל זי נעמען אין שול און טראָגן
און איך וועל דאָרט וויינען און שרייען און קלאָגן,
באָרד, זיי מיר מוחל, וועל איך איר זאָגן.

דער זאַל איז געווען געפּאַקט. יעדעס ליד און יעדע דעקלאַמאַציע איז אויפגענומען געוואָרן פון עולם מיט לאַנגע אַפּלאָדיסמענטן. דאָס ערשטע מאָל אפשר אין פּאָרט־וואָרט, האָבן יידן אַזאַ הנאה געהאַט פון אַ קאָנ־צערט. מען האָט דאָ ביז איצט געמיינט, אַז רעדן האַלב־יידיש און האַלב־ענגליש מיינט שוין זיין „אויסגעגרינט", און דאָ שטעלט זיך גאָר אַוועק אַ בחור אויף דער בינע און רעדט „פליין מאַמע־לשון", ווי מען האָט גערעדט אין דער אַלטער היים און שעמט זיך גאָרניט. ער רעדט מיט אַזאַ באַגייסטערונג וועגן דער יידישער שפּראַך און וועגן די וווּנדערלעכע לידער, וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן און געזונגען. און דאָ נאָך זינגען זייערע קינדער און אייניקלעך אַליין „די גאָלדענע פּאַווע", „אויפן פּריפּעטשאָק ברענט אַ פייערל", „די באָרד", „מיידעלע דו שיינס, מיידעלע דו פיינס", „קומט דער ליבער זומער", „אויפן בוזעם פון ים" פון מאָריס ראָזנפעלד (דעקלאַמאַציע), „דער חזיר און דאָס לאָקשנברעט" פון ש. ש. פרוג (דע־קלאַמאַציע) און אַזוי ווייטער.

ס'איז באמת געווען אַ זייער אינטערעסאַנטער און רירנדיקער קאָנ־צערט און דאָס האָט גורם געווען, אַז מען האָט אין „היברו־אינסטיטוט" גאָר אין גיכן אָנגעהויבן לערנען די קינדער יידיש. אויך האָבן מיר, אַ גרופּע נייגעקומענע געשאַפן אַן „אַרבעטער־רינג"־צווייג, און אַ צאָל חברים פון דאַלאַסער „אַרבעטער־רינג"־צווייג זיינען געקומען אין פּאָרט־וואָרט אונדז „אינסטאַלירן". עס האָט זיך פאַרבונדן צווישן אונדז אַ פריינדשאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן יאָרן לאַנג.

אונדזער גרופּע איז באַשטאַנען פון אַ צאָל בחורים, וואָס האָבן אין דער היים געהערט צו פאַרשידענע פּאָליטישע ריכטונגען. מיר האָבן איינ־געאָרדנט ליטעראַרישע אָוונטן און סימפּאָזיומס. איין סימפּאָזיום, געדענקט זיך מיר, אויף דער טעמע: „צי לייזט דער ציוניזם די יידישע פראַגע?" מיר האָבן באַשלאָסן צו עפענען אַ יידישע ביבליאָטעק. דער „היברו־אינ־סטיטוט" האָט אונדז אָפּגעגעבן אַ ספּעציעל צימער אויף דעם צוועק. ווו־זשע נעמט מען געלט איינצוקויפן ביכער? — מאַכן מיר אַ ליטעראַרישן

אונטז, מיר דרוקן אָפּ בילעטן, צען סענט אַ בילעט, און ווען דער עולם וועט שוין זיין אין זאַל, וועלן מיר מאַכן אַ זאַמלונג אויף ביכער.

מיין חבר מאיר און איך זיינען אַ „דעלעגאַציע פון צוויי" אויף צו גיין פאַרקויפן בילעטן. מיר גייען אַריין אין מיסטער פיינשטיינס האַרדוועאַר־סטאָר. (אייזן־געשעפט). דאָס איז אַגב די קראָם ווו איך האָב ביי מיין אָנקומען אין פאַרט־וואָרט איינגעהאַנדלט מיין סטאָליער־געצייג. מיר באַטן אָן מיס־טער פיינשטיין צו קויפן צוויי בילעטן.

— וויפל קאָסט אַ „טיקעט"?

— צען סענט — ענטפערן מיר.

— צו וואָס פאַר אַ פּעירפּאָז? (צוועק)

— מיר ווילן איינקויפן יידישע ביכער פאַר אַ יידישער ביבליאָטעק.

— בוקס? — פרעגט ער, — און ביי דעם וואָרט „בוקס" ווערט זיין פנים פאַרקרימט גלייך ווי מען וואָלט געהאַלטן אין אַרויסרייסן אים אַ צאָן.

— איר הערט — זאָגט ער — אַנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט „בוקס". מיט צוואַנציק יאָר צוריק ווען איך בין געווען אין לאָנדאָן און איינגעשטאַנען ביי אַ מיסעס, האָט זי, די מיסעס, איין מאָל מיר געגעבן צו עסן איינגע־מאַכטס. הונגעריק בין איך געווען, אָט ווי אַ גרינער, האָב איך זיך צו דעם צוגעכאַפּט און זיך אַזוי איבערגעגעסן מיטן איינגעמאַכטס, אַז ס׳איז שוין צוואַנציק יאָר פאַרלאָפן, און איך קען נאָך אַלץ ניט קוקן אויף קיין איינגעמאַכטס. און מיינד יו, דהי סעים טינג איז מיט „בוקס"! (דאָס זעלבע מיט ביכער). איך האָב אין לאָנדאָן אַ לאַנגע צייט ניט געקענט קריגן קיין אַרבעט, וואָס זשע טוט אַ גרינער? פלעג איך נעמען אַ בוק, אַוועקגיין אין הייד־פּאַרק, און אַ גאַנצן טאָג לייענען. האָב איך זיך דאָן אָנגעלייענט מיט אַזוי פיל בוקס, אַז עס איז שוין צוואַנציק יאָר, ווי איך קען אַפילו ניט אַ קוק טאָן אויף קיין בוק...

אַ צווייטער ייד מיסטער האָראָוויץ, וואָס האָט געהאַט אַן עסיק־פאַבריק, וואָלט זיכער געקויפט אַ „טיקעט" האָט ער אָבער ערשט גע־קויפט אַן אויטאָמאָביל, איז עס אַ גרויסע „עקספּענס" (הוצאה). געז, אויל, — „יו נאָו"... אין אַלגעמיין אָבער האָט דער עולם זיך גאַנץ פיין אָפּגערופן. מיר האָבן דורכגעפירט אַ שיינעם ליטעראַריש־מוזיקאַלישן אָוונט און גע־זאַמלט אַ גאַנץ אָנגעזעענע סומע געלט אויף ביכער.

כדי צו ציען אַן עולם צו אונדזערע אָוונטן, האָבן מיר אַחוץ אונדזערע

אייגענע טאַלאַנטן, געדאַרפט פאַרבעטן אַ מענטש פון שטאַט, אַ „מענטש מיט אַ נאָמען". מיר פלעגן פון צייט צו צייט פאַרבעטן ד"ר ברויער, אַ קריסט, צו רעדן פאַרן עולם. פאַר אַ גוי, כידוע, האָבן יידן גרויס רעס־פּעקט, איבערהויפּט נאָך ווען ד"ר ברויער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ ציוניסט, און ער איז באמת געווען אַ גרויסער יידן־פריינד, געווען באַקאַנט מיט די ווערק פון י. ל. פּרץ, אַברהם רייזען, שלום עליכם, ל. שאַפּיראָ און שלום אַש, וועלכע זיינען שוין דאַן געווען איבערגעזעצט אין ענגליש, און פאַרעפנטלעכט אין ענגלישן זשורנאַל „איסט ענד וועסט". אַ מאָל האָבן מיר פאַרבעטן דעם רעפאָרם־ראַביי, וואָס איך האָב שוין פריער דער־מאָנט, אָבער אַלע מאָל צו דיספּאָזיציע איז געווען מיסטער הערמאַן.

דאָס איז געווען אַן אַלטער בחור מיט אַ קיילעכדיק, ווי אַ פולע לבנה אויסדרוקלאָז פּנים. ער האָט געטראָגן אַ ווייסן זשילעט, אַ ברוין רעקל מיט געקעסטלטע הויזן, אַ ברייטן שוואַרצן שניפּס אַלאַ פראַנצויזישער מאָלער, און אַ „פּענסנע", וואָס ער האָט ניט געטראָגן אויפן נאָז נאָר זי איז אים אַראָפּגעהאָנגען פון האַלדז אויף אַ שוואַרצער לענטע. דאָס אַלץ האָט געדאַרפט באַווייזן, אַז ער איז אַ זייער אינטעליגענטער מענטש.

אָנגעהויבן זיין „ספּיטש" (רעדע) האָט ער אַלע מאָל אַזוי: „לײדיס ענד דזשענטעלמען, איי עם ווערי סאָררי איי וואָזנט פּרעפּערד", און אַזוי ווייטער, דאָס הייסט, עס טוט אים זייער לייד, וואָס ער איז ניט געווען צוגעגרייט אויפצוטרעטן היינטיקן אָוונט. אין דער אמתן איז ער געווען פאַרבעטן מיט אַ חודש פריער, אָבער ער האָט, נעבעך, ניט געהאַט און ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן... פאַר וואָס זשע האָבן מיר אים איינגעלאַדן? — די יידן אין פאָרט־וואָרט האָבן פאַר אים געהאַט גרויס דרך־ארץ ווייל ער איז געווען אַ „נאָטאַרי פּאַבליק", דאָס הייסט דאָך אַ נאָטאַריוס. אַ נאָטאַריוס איז דאָך אין דער אַלטער היים געווען אַ „קנעפּל", און פאַר אַ קנעפּל האָבן יידן גרויס אָפּשיי... אין פאָרט־וואָרט איז געווען אַ יידישער פּאָליציאַנט, איז ווען ער איז אַריין אין היברו־אינסטיטוט, האָט מען אים אָפּגעגעבן דעם סאַמע אויבנאָן, ווי דעם פּרעזידענט אַליין.

מיר שפּילן יידיש טעאַטער אין פּאָרט־וואָרט

ס׳איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז מיר, אַ גרופּע יידישע יונגע לייט, וואָס האָבן געשאַפן אַן „אַרבעטער־רינג״־צווייג און זיך פאַרנומען מיט קולטור־טעטיקייטן, זאָלן קריגן אַן אָנזען אין שטאָט. אונדזער יידישע ביבליאָטעק איז געוואָרן זייער פּאָפּולער און יידן האָבן געשמאַק געלייענט אַ יידיש בוך.

די ווײ־געשרייען פון אונדזערע ברידער אויף יענער זייט ים בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיך דערטראָגן צו אונדז. אונדזער „צווייג״ האָט באַשלאָסן אויפצופירן אַ פּיעסע און די הכנסה זאָל געשיקט ווערן צום „רעליף־קאָמיטעט״, וואָס האָט זיך געשאַפן אויף העלפן די נויט־באַדערפטיקע יידן אין רוסלאַנד.

מיר האָבן אויסגעקליבן די פּיעסע „יידן״ (יעוורעי), פון יעווגעני טשיריקאָוו. איך האָב די דאָזיקע פּיעסע געזען אויפפירן אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אין רוסיש. דער מחבר פון דער פּיעסע איז דווקא אַ קריסט, אָבער מיט גרויס וואַרעמקייט און געפיל שטעלט ער פאָר אַ יידישע משפחה אין דער צייט פון די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד.

מיר האָבן געקריגן די פּיעסע אין יידיש פון ניו־יאָרק, איך געדענק שוין ניט דעם נאָמען פון איבערזעצער. מען האָט מיר פאַרטרויט צו זיין דער אויפפירער פון דער פּיעסע. איך בין דאָך שוין געווען אַ „געשפּילטער״ נאָך אין רוסלאַנד. הכלל — איך בין הייסט עס דער רעזשיסער.

איך האָב זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט מיין גאַנצן יונגן אימפּעט. די שפּילער זיינען פאַרשטייט זיך געווען די מיטגלידער פון אונדזער „אַרבעטער־רינג״־צווייג, אַחוץ די צוויי הויפּטראָליסטן, וואָס האָבן באַדאַרפט שפּילן לאה, און לאהס טאַטן, ר׳ לייזער.

עס איז שווערלעך געווען צו קריגן אַ פרוי אויף לאהס ראָל, ווייל אַקטיאָרן האָבן נאָך אַלץ געהאַט אַ שלעכטן נאָמען ביי פּאָרט־וואָרטער יידן, אָבער לסוף האָט זיך אָפּגעזוכט אַ יונגע שיינע פרוי אידא ליפּסאָן. מען האָט זי מיר רעקאָמענדירט, אַז ווען זי גייט צו אַ „שאָו״ (פאַרשטעלונג) און

קומט אַהיים, „עקטעט״ זי איבער אַלץ וואָס די „עקטערס״ האָבן „געפּלייט״ (געשפּילט). זי איז געווען גאַנץ שוואַך אין יידיש רעדן, בין איך אָבער צום גליק גאָר דאַן געווען אַן אַרבעט, פלעג איך גיין צו איר אין שטוב יעדן טאָג שטודירן מיט איר די ראָל. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז איך אַליין האָב זיך אויך גענומען אַ הויפּטראָל, ווי דען? נחמן דעם ציוניסט האָב איך געשפּילט.

אין דער פּיעסע בין איך זייער פאַרליבט אין לאהן, אָבער לאה האָט גאָר ליב דעם קריסט בערעזין — אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. אין לעבן איז עס אָבער גאַנץ אַנדערש געווען: איך בין אַזוי לאַנג געגאַנגען איינשטודירן מיט איר די ראָל, ביז מיר האָבן אָנגעהויבן שפּילן אַ ראָל, וואָס איז אין דער דראַמע ניט געווען...

וועגן דעם מאַן וואָס האָט געשפּילט ר׳ לייזער, בין איך געווען זייער אומרויִק. אַ מאָל איז ער טאַקע געווען אַן אַקטיאָר, ער האָט אָבער ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן, און בכלל איז ער געווען אַ מענטש אָן אַ געשטעלטן כאַראַקטער, איך האָב פּשוט מורא געהאַט, אַז פּונקט צום טאָג פון דער אויפפירונג זאָל ער זיך אָנשיכורן אָדער ער וועט גאָר פאַר־לאַנגען אַ סומע געלט, אויב ניט, — שפּילט ער ניט. איך האָב זיך אָבער צו דעם צוגעגרייט: צווישן אונדזערע דאַלאָסער חברים איז געווען אַ בחור אייב לאַנדסבערג. ער האָט נאָך אין דער היים, אין ביאַליסטאָק, געשפּילט אַלס אַמאַטאָר. האָט ער איינגעשטודירט ר׳ לייזערס ראָל, אָט, ווי אַ זאַך מאַכט זיך... ער איז געקומען צו דער פאָרשטעלונג כלומרשט סופ־לירן, דאָס הייסט שטיין מיטן בוך הינטער די קוליסן, טאָמער עמעצער פאַרגעסט זיין ראָל און מאַכט אַ „בולבע״, ווי מע זאָגט עס אויף טעאַטער־לשון. די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרן שיין, גוט און ערנסט און זי האָט זייער אויסגענומען ביים עולם. דער פּרעזידענט פון די „זיי־אַניסטן״ האָט זיך גאָר ניט געקענט אָפּוווּנדערן, ווי אַזוי אַ בונדיסט קען עס שפּילן די ראָל פון אַזאַ הייסן ציוניסט, ווי נחמן איז!

איך ווער אַ ביזנעסמאַן

די מלחמה איז געווען אין מיטן ברען. די נאָכפראַגע אויף ברוכוואַרג איז געווען גרויס און אַ סך יידישע יונגע לייט זיינען געוואָרן דזשאַנק־פעדלערס. איינער אַזאַ פעדלער איז געווען מיינער אַ קוואַרטיראַנט. זע־ענדיק, ווי שווער עס איז מיר דורכצוקומען, זאָגט ער צו מיר:

— ווייסט איר וואָס? קומט מיט מיר, מיר וועלן צוזאַמען אַרומפאָרן אַ וואָך צייט, און וואָס מיר וועלן פאַרדינען וועלן מיר זיך טיילן האַלב אויף האַלב. איך וועל אייך שוין אויסלערנען די תורה.

איך האָב געליען ביי איינעם פון מיינע קוואַרטיראַנטן פינף און דרייסיק דאָלאַר און מיר זיינען אַוועקגעפאָרן אין „קאַונטרי״ (איבערן לאַנד). די ערשטע פאָר טעג זיינען מיר געפאָרן צוזאַמען, דערנאָך האָבן מיר זיך צעשיידט. ער אין איין וועג, — איך אין אַ צווייטן. אין אָוונט האָבן מיר זיך צענויפגערעדט אויפן טעלעפאָן. מיר האָבן אָפּגעמאַכט אין וועלכע שטעטלעך יעדער איינער וועט זיין דעם און דעם טאָג.

איך האָב אָפּגעקויפט אַ ביסל מעש, קופּער און גומי־שינעס, אַלץ גוט פאַרפּאַקט, אָנגעבונדן אויף דעם קאַרטלעך און עס אַדרעסירט צו „נאָרט טעק־סאַס אייראָן ענד מעטאַל קאָ״ אין פאָרט־וואָרט. איך האָב אויסגערעכנט, אַז מיין ריווח פון דעם וועט זיין גאַנצע צען דאָלאַר. איך בין געווען זייער איבער־ראַשט: דאָס ערשטע מאָל פאַרדין איך געלט און איך טו גאָרניט דערביי. בלויז אַריינגעגאַנגען אין אַ פאָר ערטער, געקויפט עפּעס, פאַרקויפט און געמאַכט געלט. ביז איצט בין איך געווען געוווינט צו שטיין אַ גאַנצן טאָג ביים ווערקשטאַט און פאַרדינען אַזוי פיל און אַזוי פיל, אָדער בעסער גע־זאָגט: אַזוי ווייניק און אַזוי ווייניק, אַ שעה.

איין מאָל אין אָוונט קלינגט מיר אָן מיין שותף, אַז ער איז היינט געווען אין „אַלטוס״, אָקלאַהאָמאַ, אַ קליין שטעטל פון פינף טויזנט איינוווינער, דריי צוגן גייען דאָ דורך, דאָס הייסט, אַז מען קען דאָ אַריינ־

שיקן ברוכוואַרג פון זעקס פאַרשידענע ריכטונגען. עס וואָלט געווען אַ פּלאַן, זאָגט ער, איך זאָל אַליין צופאָרן און געבן אַ קוק.

אויף צו מאָרגנס בין איך טאַקע אַהין צוגעפאָרן. דאָס שטעטל איז מיר געפעלן. איך האָב געהאַט מיט זיך אַ „פאַרמעגן" פון גאַנצע פינף דאָלאַר. האָב איך אָפּגעדונגען אַ שטאָל פאַר זיבן דאָלאַר אַ חודש און דערווייל געגעבן צוויי דאָלאַר אַן אַדעריוף. אָפּגעדרוקט ליפלעטס (פלוג־בלעטלעך), אַז איך קויף אייזן, פלעשער, מעטאַל, שמאַטעס — מיט איין וואָרט, איך קויף דזשאַנק. איך האָב אויך אין זינען געהאַט שלום עליכמס קאַסרילעווקער מלמד, אַז ווען ער איז ראָטשילד וואָלט ער נאָך פאַרדינט מער ווי ראָטשילד, ער וואָלט נאָך צוגעקנעלט: איך האָב אַרויסגעשטעלט אַ שילדל, אַז איך פּייל זעגן און פאַרריכט מעבל.

איך האָב אָװעקגעשיקט אַ טעלעגראַם צו „נאָרט טעקסאַס אייראָן און מעטאַל קאָ." זיי זאָלן מיר גלייך שיקן טעלעגראַפיש פופציק דאָלאַר. געבליבן בין איך מיט איין דאָלאַר אין קעשענע, פופציק סענט אויף וועטשערע, און פופציק סענט פאַרן האָטעל איבערצושלאָפן די נאַכט. טאָמער, חלילה, קריג איך ניט די פופציק דאָלאַר פון פאָרט־וואָרט מאָרגן אין דער פרי, האָב איך אַפילו ניט מיט וואָס צו פאַרלאָזן די שטאָט... אָבער אין עטלעכע שעה אַרום האָב איך געקריגן דאָס געלט, און איך בין „אין ביזנעס".

מען האָט מיר אָנגעהויבן טראָגן דזשאַנק פון אַלע זייטן. אין צוויי טעג אַרום האָב איך אָװעקגעשיקט קיין פאָרט־וואָרט מער דזשאַנק ווי די פופציק דאָלאַר האָבן באַטראָפן און געהייסן מיר שיקן הונדערט דאָלאַר צו „אַלטוס סטעיט בענק". דערווייל האָב איך געבעטן דעם באַנקיר מיר טאָן אַ טובה און באַצאָלן פאַר מיינע טשעקן, ווייל מאָרגן וועט אָנקומען הונדערט דאָלאַר גלייך אין באַנק.

אַזוי האָט זיך עס איבערגעחזרט עטלעכע מאָל און ווען דער באַנקיר האָט געזען, אַז יעדעס מאָל ווען איך זאָג אים, אַז געלט וועט אָנקומען אין דער און דער צייט, ווערט עס טאַקע מקויים — האָט שוין מיסטער בעל־לינדזשער, דער באַנקיר געזאָגט: „איך זע אַז דו ביסט אַ רעיעלער מענטש, איז אויב דו ווילסט, וועל איך דיר געבן אַ „לאָאַן" (הלוואה) אויף פינף הונדערט דאָלאַר". איך האָב פאַרשטייט זיך, זיין אָנבאָט אָנגענומען.

פאַרמערס האָבן מיר געבראַכט גאַנצע וועגענער מיט אייזן. איך האָב שוין געהאַט עטלעכע פּעדלערס, וואָס פלעגן מיר ברענגען סחורה יעדן

טאָג. אויך זײנען אָרײַנגעקומען זעק מיט ברוכוואַרג, וואָס מײַן שותּף מאָטל קאַץ האָט אַרײַנגעשיקט פֿון די אַרומיקע שטעטלעך.

אין שטעטל זײנען געווען נאָך צווײ ייִדן — הענרי ליבערמאַן און סאל ראָזענבלום. מיסטער ליבערמאַן האָט אָנגעפירט מיט אַ גרויס געשעפט: ער האָט פאַרקויפט גאַנצע וואַגאָנען היגער, אינדיקעס און פעל. ער האָט זיך אַראָפּגעבראַכט אַ מײדל פון אָדעס: ער האָט געלײענט אין אַ ייִדיש־ענגלישן זשורנאַל, אַז אַ מײדל פון אַ פײנער ייִדישער משפּחה, פון אַ שײנעם וווקס און אויסזען, וואָלט געפאָרן קײן אַמעריקע, אויב עס וואָלט זיך אָפּגערופן אַ „פּאַסנדע פּאַרטיע״. הענרי ליבערמאַן, „די פּאַסנדע פּאַרטיע״, האָט איר געשיקט זײַן „פּיקטשור״, זי אים — איר בילד, און ס׳איז געוואָרן אַ שידוך. איך בין אָפּט פאַרבעטן געוואָרן צו זײ אין הויז. זײ האָבן שוין געהאַט אַ זײער שײן מײדעלע.

סאל ראָזענבלום האָט פאַרקויפט באַנאַנעס אויף אַ „פּושקאַרט״ אַרום דער באַנק. די קריסטן האָבן געהאַלטן מער פון סאל ראָזענבלום, ווי פון הענרי ליבערמאַן. ראָזענבלום, כאָטש ער האָט ניט געקענט לײענען און שרײַבן, איז ער אָבער געווען „גוט־ברודער״, ווי מען זאָגט, נח לבריות. די פאַרמערס זײנען אָפּט געקומען מיט אים זיך אַן עצה האַלטן, למשל, ווען אײנער האָט געדאַרפט קויפן אַן אײזל, אַ פערד אָדער אַ קו. זײ האָבן זיך פאַרלאָזט אויף זײנע מבינות.

מײַן שותּף קאַץ האָט זיך באַקענט מיט ראָזענבלומען, און אים אָנדער־צײלט גאַנצע גוזמאות, אַז מיר האָבן אָפּטײלונגען אין פאַרשידענע שטעט און אַז מיר מאַכן ביזנעס אויף צענדליקער טויזנטער דאָלאַרן. ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט ראָזענבלומען און ער האָט מיך גענומען אויספרעגן וועגן אונדזערע גרויסע געשעפטן, האָב איך אים געזאָגט דעם אמת — אַז איך בין אַהערגעקומען מיט פינף דאָלאַר, אָבער עס איז מיר אַוועק דאָ ניט שלעכט. אים איז זײער געפעלן געוואָרן מײַן אָפנהאַרציקײט און מיר זײנען געוואָרן פרײַנד. מיר האָבן בײדע געבענקט נאָך אַ ייִד אין דעם שטעטל פון גאָלע קריסטן. ווען איך האָב שפּעטער מיט אַ פּאָר יאָר פאַרלאָזט דאָס שטעטל, האָט ער עס זײער באַדויערט.

— אָבער איר האָט דאָך דאָ אַזוי פיל פרײַנד צווישן די קריסטן?

— יאָ — זאָגט ער — ס׳איז טאַקע אמת, אָבער עס ווילט זיך אויס־

רעדען אַ יידיש וואָרט מיט אַ ייד. מיט ליבערמאַנען בין איך ניט קיין חבר, ער איז אַ צו־גרויסער ביזנעסמאַן פאַר מיר.

מיין שותף קאַץ איז געווען אַ גוטמוטיקער בחור, מיט אַ שטענדיקן שמייכל אויף זיין פנים, מיט אַ קירפּאַטלעכע נאָז און מיט זייער גראָבע ליפּן. ווען ער וואָלט געווען אַ ביסל טונקעלער, וואָלט ער זייער לייכט געקענט אָנגענומען ווערן פאַר אַ שוואַרצן. ער איז אָבער געווען אַ גרויסער פאַרשווענדער און ווען ער האָט פאַרדינט אַ דאָלאַר, האָט זיך אים געדאַכט אַז ס'איז צען און אויף דעם סמך אויסגעגעבן גאַנצע פופצן... מיר האָבן ניט געקאָנט שטימען, האָבן מיר זיך צעטיילט, איך האָב אים אַרויסגעצאָלט זיין חלק און ער איז אַוועק אין אַ צווייט שטעטל.

מען האָט ניט געדאַרפט זיין קיין גרויסער אויפטוער, כדי מאַכן גוטע געשעפטן אין די מלחמה־יאָרן, ווען די פּרייזן אויף אייזן זיינען געשטיגן מיט יעדן טאָג.

מיסטער איזראַעליט

סאַניען פלעג איך יעדע וואָך שיקן אַ טשעק, און אַלע צוויי, דריי וואָכן — קומען זען זי מיט די קינדער. די געשעפטן זיינען אַוועק גוט און איך האָב צוגענומען מיין חבר מאיר פאַר אַ שותף. מיר פלעגן שוין פאַרקויפן אפילו צו פופציק וואַגאָנען אייזן אויף איין מאָל. אונדזער בעסטער קונה איז געווען „קאָלאָראַדאָ פיול ענד אייראָן קאָמפּאַני". דאָס הייסט — ראָקפעלער. ניט קיין שלעכטער קאָסטימער... אויך פלעגן מיר שיקן וואַגאָנען קיין שיקאַגאָ און סענט־לואיס.

איין מאָל קומט צו מיר אַריין אַ מאַן, נעט געקליידט, מיט אַ שיין באַבערדלט פּנים, מיט זייער אַ פריינדלעכן שמייכל און נאָך אַ שענערן, פריינדלעכן „גוט מאָרגן". איך האָב אים געבעטן זיך זעצן. נאָך עטלעכע באַמערקונגען, זאָגט ער צו מיר:

— איך בעט דיך, מיסטער איזראַעליט, מיר אַנטשולדיקן. איך האָב זייער געוואָלט דיך עפּעס פרעגן.

— מיט פאַרגעניגן — זאָג איך — אויב איך וועל נאָר זיין אין שטאַנד צו ענטפערן.

— איך געדענק — זאָגט ער — דעם טאָג ווען דו ביסט אַהער אָנגעקומען. איך גיי דאָ דורך כמעט יעדן טאָג פאַרביי און איך האָב געזען מיט וואָס דו האָסט אָנגעהויבן דיינע ביזנעס, און איצט זע איך ווי דו האָסט זיך אויסגעשפּרייט. וואָלט איך וועלן וויסן: האָט איר, איזראַעליטן, אַ געוויסן פּלאַן, אָדער אַ סוד אַזאַ, וואָס איר זייט אַזוי דערפאָלגרייך אין געשעפט ?...

— אין וואָס באַשטייט מיין אויסשפּרייטן זיך ? — האָב איך אים צוריקגעפרעגט קאַלטבלוטיק — די נייע געביידע וואָס איך האָב צוגעבויט איז פון ביליקע ברעטלעך, און זייענדיק אַליין אַ סטאָליער, האָב איך, טאַקע ווי דו האָסט עס געזען, אַליין אויף דעם געאַרבעט. די גאַנצע געביידע, ווו איך האַלט די זעק מיט די שמאַטעס — קאָסט מיך הונדערט

מיט פופציק דאָלער. איך צאָל אַכט דאָלער אַ וואָך פאַר באָרד (עסן) און רום (צימער). איך טרינק ניט, איך רויכער ניט און שפּיל ניט אין קאָרטן. יאָ, איך וואַש אַליין מיינע וועש. אָבער אויב דו ווילסט טאַקע וויסן דעם סוד פון זיין דערפאָלגרייך אין געשעפט, ביסטו געקומען ניט אויפן ריכטיקן אַדרעס. פאָלג מיך, גיי אַריין צו דער פאַרקויפס־אַגענטור „דזשאָן דיר פאַרם אימפּלעמענטס״, אָדער אין „דזשאָנס דעפּאַרטמענט סטאָר״, אָדער צו דער „פאָרד מאָטאָר קאָמפּאַני״ אין גאַנצן אַ פּאָר בנינים פון מיר, און פרעג זיי וויפל זיי האָבן געמאַכט זינט איך בין דאָ. איך פאַרזיכער דיר, אַז אויף מיין איין דאָלאַר — האָבן זיי געמאַכט הונדערט, און אפשר מער. ווידער קען איך דיר ווייזן אַ גאַר־גאַר גרעסערע צאָל יידן, וואָס זיינען שוין גאָרניט אַזוי דערפאָלגרייך. מיר יידן זיינען באַוווּסט מיט אונדזערע צדקה־אַנשטאַלטן, און דערפאָלגרייכע מענטשן טיילט מען ניט קיין צדקה...

ער איז אַוועק זייער אַ צופרידענער, און כמעט יעדעס מאָל, וואָס ער פלעגט פאַרבייגן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי מיר און מיר האָבן פריינדלעך געשמועסט.

מיין ערשטע געבוירן־טאָג־פּאַרטי

איך האָב זיך אַ סך אָנגעהערט וועגן אַנטיסעמיטיזם אין דער סאַוט (דרום). איך מוז אָבער למען האמת זאָגן, אַז איך האָב עס קיין מאָל ניט געזען און געפילט. איך האָב באַרייזט די גאַנצע געגנט אויף מיילן אַרום, אויפגעקויפט ברוכוואַרג אין קאָטן־דזשינס, גאַראַזשן, שמידרייען. זיך אָפּגעשטעלט אין האָטעלן, און אין ערגעץ ניט באַליידיקט געוואָרן, אָדער זיך געפילט ווי ניט געוווּנטשן. פאַרקערט, מיין ערשטע געבוירן־טאָג־פייערונג וואָס איך האָב אין מיין לעבן געהאַט — איז געווען אין דער „סאַוט" צווישן קריסטן.

דער האָטעל, ווו איך בין איינגעשטאַנען איז געווען אַ פאַמיליע־האָטעל. פאַרבייפאָרער האָבן זיך דאָ זייער זעלטן אָפּגעשטעלט. דאָ זיינען איינגעשטאַנען די לערערינס פון פּאַבליק־סקולס, דער סטאַט־אינזשיניער, דער רעדאַקטאָר פון דער לאָקאַלער צייטונג „טיימס דעמאָקראַט", אַ פּריזירער און איינער אַ מיסטער העפּי.

עס איז געווען זייער טשיקאַווע אָנצוקוקן ווי אַט דער מיסטער „העפּי", וואָס איז געווען פון פאַך אַ מוליער, אַ ריז מיט אַ פּאָר גרויסע ידים, פלעגט זיצנדיק אין לאָבי פון האָטעל און צוליב צייטפאַרטרייב — שטריקן אַ סוועטער מיט אַ פּאָר קליינע, דינינקע שפּיזלעך. דער פּריזירער פלעגט אונדז פאַרווילן מיט זיין פידל־שפּילן. ער פלעגט פאַר אונדז אויסשפּילן די אמתע סאַוטער (דרום)־מוזיק, פאָלקס־לידער און טענץ.

קומענדיק איין מאָל אין אָוונט אין האָטעל, האָב איך געטראָפן די לאָבי פון האָטעל דעקאָרירט מיט פאַרשידענע קאָלירטע פּאַפּירן און מיט יאַפּאַנישע לאַמטערנס; אַלע געסט פון האָטעל זיינען געווען אָנגעטאָן יום־טובדיק;

— אָ, זייער גוט וואָס איר זיינט געקומען. דעם אמת זאָגן, האָבן מיר זיך שוין געזאָרגט טאָמער קומט איר ניט. ס'איז מיר ניט איינגעפאַלן עס

פריער צו באַוואָרענען. מיר האָבן דאָ היינט אַ פּאַרטי און מיר האָבן געוואָלט, אַז אַלע געסט פון האָטעל זאָלן דערביי זיין...

מיט אַמאָל האָט די ווערטער האָט מיך באַגעגנט די לערערין, מיס האַלמס, אַ זייער שיין, בלאָנד מיידל מיט אַ ליב, זיס פּנים, און אַ פריינדלעכן שמייכל.

— אַ דאַנק פאַר דער פריינדלעכקייט. אַז עס איז דאָ אַ פּאַרטי, זע איך שוין. מעג איך וויסן צוליב וואָס פאַר אַ געלעגנהייט?

— דו ווילסט צו פיל וויסן. „נייגעריקייט האָט אַ מאָל אַ קאַץ גע־הרגעט” — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכל — וועסט אַביסל עלטער ווערן, וועסטו וויסן...

און דאָ פלוצלונג ווענדט זיך מיס האַלמס צום עולם מיט אַזאַ רעדע:

„מיינע טייערע פריינד, מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק איז ערגעץ אין רוסלאַנד, אין אוקראַינע, געבוירן געוואָרן אַ יינגל, וואָס איז שפּעטער מיט יאָרן, צוליב צאַרישע פאַרפאָלגונגען און פּאָגראָמען, געקומען צו אונדז אין שטאַט. אויסער דעם, וואָס ער איז אַ געשעפטס־מענטש, האָט ער אויך אַ שיינע, פּאָעטישע נשמה און שרייבט טאַקע זייער שיינע לידער. עס טוט מיך באַנג, וואָס איך קען זיי ניט פאַרשטיין, ווייל ער שרייבט אין דער יידישער שפּראַך, אָבער אַ פּאָר פון זיינע לידער האָט ער פאַר מיר איבער־געזעצט אויף ענגליש און זיי זיינען מיר זייער געפעלן. און אַט זיינען צוויי לידער, וואָס ער האָט מיט אַ פּאָר טעג צוריק אַנגעשריבן אין ענגליש. דערלויבט זיי מיר פאַר אייך פאָרלייענען און איר וועט זען, אַז איך בין באַרעכטיקט צו מיין מיינונג וועגן אים”. און נאָך דעם, ווי זי האָט פאָרגעלייענט די צוויי לידער, האָט זי פאַרענדיקט: „און אַלס אויסדרוק פון אונדזער ליבע און אַכטונג צו אים, גיבן מיר אים אַ מתנה אַ בוך לידער פון רודואַרד קיפּלינג און ווינטשן אים, אַז דאָס בוך זאָל אים אינספּירירן אין זיינע שאַפונגען”.

איך בין אַזוי גערירט געוואָרן פון אָט דער אומדערוואַרטער פריינד־שאַפט, אַז ס'האָט מיך געשטיקט אין האַלז און כ'האָב קוים געקאָנט אַרויסרעדן עטלעכע ווערטער, כדי אויסצודריקן מיין דאַנקבאַרקייט צו זיי.

מיט אַ פּאָר אָוונטן פריער בין איך געזעסן אין מיין צימער און געשריבן אַ ליד. די טיר איז געשטאַנען אַן אָפענע און מיס האַלמס איז

אַרײַנגעקומען אין צימער מיט אַ ברייטן „גוט־אוונט״. ווען זי האָט דערזען, אַז איך שרייב אין קורצע שורות, זאָגט זי:

— עס קוקט אויס ווי פּאָעזיע. איר שרייבט לידער?

— אויב מען קען עס אַזוי אָנרופן.

— איך וואָלט עס זייער געוואָלט הערן. קענט איר עס אפשר פאַר מיר איבערזעצן אויף ענגליש?

איך האָב עס געטאָן אויף וויפל איך האָב עס געקענט אין מײַן אָרעמען ענגליש.

— איך וואָלט אַזוי געוואָלט, אַז איר זאָלט פאַר מיר עפּעס אָנשרייבן. אָבער... אין ענגליש — און דערבײַ האָט זי געשמייכלט אַזוי ליבליך.

— איך וועל פּרובירן — האָב איך געענטפערט.

איך קען ניט זאָגן, אַז איך בין געווען פאַרליבט אין איר... אָבער זי האָט בײַ מיר געהאַט זייער גרויס חן. איך בין אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון איר פאַרלאַנג, אַז דעם זעלבן אָוונט האָב איך אָנגעשריבן צוויי לידער און טאַקע אין ענגליש. אָט די צוויי לידער האָט זי עס פאַרגעלייענט בײַם אָוונט. און ווען דער רעדאַקטאָר פון דער לאָקאַלער צייטונג האָט עס געהערט, האָט ער בײַ מיר געבעטן אַ דערלויבעניש זיי אָפּצודרוקן אין זײַן צײַטונג.

לעבן זאָל מען צווישן יידן, און שופר-בלאָזן — צווישן גויים

דאָס פאָלק דערציילט אַ מעשה: אַ מאָל איז אין אַ שטעטל געווען אַ ייד, וואָס האָט געהאַלטן אין ארענדע ביי אַ פּוילישן פּריץ אַ קרעטשמע. איין מאָל ווען דער פּריץ איז געפאָרן איבערן דאָרף, האָט ער דערהערט פון אַן אינסטרומענט עפּעס מאָדנע קלאַנגען, וואָס ער האָט נאָך קיין מאָל אין זיין לעבן ניט געהערט און די קלאַנגען האָבן אים דערפירט צו זיין מאָשקעס הויז. עס איז געווען אלול־צייט און דער ארענדאר האָט פּראַקטי־צירט שופר־בלאָזן. דעם פּריץ איז זייער געפעלן געוואָרן זיין מאָשקעס שפּילן אויפן טשיקאַוון אינסטרומענט.

ויהי היום, און דער פּריץ פּראַוועט אין זיין אימעניע אַ גרויסאַרטיקן באַל. אַן אָרקעסטער שפּילט שיינע מוזיק, און כטוב לב הפּריץ, גיט ער אַ געשריי: „וואָס טויג מיר אָט די מוזיק? איך האָב מיט עטלעכע טעג צוריק געהערט מיין מאָשקען שפּילן אויף אַן אינסטרומענט, האָט איר נאָך אַזוינס קיין מאָל ניט געהערט" — און ער שיקט גלייך זיין באַדינער ברענגען אַהער מאָשקען מיט זיין אינסטרומענט.

דעם אָרעמען אַרענדאַר איז נעבעך פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ווער ווייסט וואָס דער פּריץ וועט מיט אים טאָן? אָבער אַז דער פּריץ רופט, מוז מען גיין. אַריין אין דעם רייך־מעבלירטן באַלויכטענעם זאַל, האָט דער פּריץ אים זייער פריינדלעך אויפגענומען, אים פאָרגעשטעלט פאַרן עולם און געזאָגט: „נו, מאָשקאָ, זאַיגריי", דאָס הייסט: נו, מאָשקע, שפּיל!

אַ ברירה האָט ער, נעבעך, געהאַט? ער האָט אַרויסגענומען דעם „אינסטרומענט" און גענומען בלאָזן שופר. און אַזוי ווי ער בלאָזט, לייגט דער פּריץ אַוועק זיין צילינדער־הוט אויפן דיל און וואַרפט דער ערשטער אַריין אין דעם אַ צענערל און די רייכע געסט האָבן אים נאָכגעטאָן און ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן בלאָזן שופר, הייבט דער פּריץ אויף דעם צילינדער־הוט און דערלאַנגט עס אים: „נאַ מאָשקאָ, נעם".

דער אַרענדאַר שטייט אַ פאַרלוירענער און אַ צעשראָקענער. אויס־שטרעקן די הענט און נעמען — וועט אים דער פריץ מסתמא געבן איבער די הענט און עס וועט ווערן אַ ווילד געלעכטער. אָבער דער פריץ זאָגט אים גאַנץ ערנסט: „נעם, מאָשקאָ, דאָס איז אין גאַנצן דיינס, האָסט עס פאַרדינט".

מיט גרויס שמחה איז ער געקומען אַהיים און זאָגט צו זיין ווייב: „הערסטו, שרה מיין ווייב, לעבן זאָל מען צווישן יידן און שופר־בלאָזן זאָל מען צווישן גוים".

אַנטקעגן וואָס זשע דערצייל איך דאָ די מעשה? אַנטקעגן דעם וואָס איך האָב אַזוי פיל מאָל געשיקט מיינע לידער אין די יידישע רעדאַקציעס און זיי שטענדיק געקריגן צוריק ניט קיין געדרוקטע, און דאָ, צום ערשטן מאָל אָנגעשריבן אַ פאָר לידער אין מיין אָרעמען ענגליש, און דער רעדאַקטאָר בעט מיך נאָר אַ דערלויבעניש זיי צו דרוקן. אויף צו מאָרגנס זיינען טאַקע די צוויי לידער געווען אָפּגעדרוקט אין זיין „טיימס דעמאָקראַט" און נאָך מיט אַ באַמערקונג, אַז די לידער זיינען געשריבן פון אַן עמיגראַנט, וואָס איז בלויז עטלעכע יאָר אין לאַנד און פאַרנעמט זיך מיט ביזנעס דאָ אין שטאָט...

דערפאַרונג צווישן פאַרמערס

דער הויפּט־פּעדלער ביי מיר איז געווען איינער אַ מיסטער דייווידסאָן. ער פלעגט מיר יעדן טאָג ברענגען פאַרשידענע מעטאַלן, גומי און בעיקר שמאַטעס, אין וועלכע איך האָב זיך איצט זייער געניטיקט. איך האָב געדאַרפט צושטעלן אַ וואַגאָן שמאַטעס אין אַ באַשטימטער צייט, אויב ניט, וועל איך באַצאָלן אַ געוויסן פּראָצענט קנס. נו, זיינען עטלעכע טעג אַריבער, והילד איננו, מיין מיסטער דייווידסאָן באַווייזט זיך ניט. בין איך אַוועק צו אים אַהיים, געמיינט אפשר איז ער, חלילה, ניט בקו הבריאות, ערשט ער איז, גאָט צו דאַנקען, הלוואי ווייטער...

פאַר וואָס זשע זעט מען אים ניט?

דער בחור שטאַמלט עפּעס אַהער־אַהין, און לסוף קומט ער אַרויס מיט לשון, אַז נייטן קאַץ, מיין געוועזענער שותף, איז דאָ אין שטאָט און האָט אים אָנגעבאָטן אַ בעסערן פּרייז ווי איך צאָל אים. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אים צוגעזאָגט נאָך אַ העכערע פּרייז, און מאָרגן „מערצעשעם״ קומט מיין ברויטגעבער צוריק צו מיר.

שפּעטער אַ וויילע גיי איך אין גאַס און באַגעגן דעם נייטן קאַץ, מיין געוועזענעם שותף. ער כאַפּט זיך מיט מיר אַרום, ער פרעגט: ווי אַזוי איך פיל, ווי גייט מיטן געשעפט און צי מיסטער דייווידסאָן ברענגט מיר נאָך אַלץ אַזוי פיל „דזשאַנק״ ווי ער פלעגט ברענגען ווען מיר זיינען געווען צוזאַמען? אין זיינע אויגן שיינט אַ שעלמישער בליק.

— איר האָט אים דען ניט געזען און ניט גערעדט מיט אים?

— ניין — זאָגט ער — ער האָט קיין צייט געהאַט עמעצן צו זען. ער איז ערשט געקומען אין שטאָט.

— מאָדנע — זאָג איך — איך קען, דאַכט זיך, דייווידסאָנען גענוג לאַנג, און איך האָב גאָר נישט געוווּסט, אַז ער איז אַ רואה ואינו נראה... איר האָט מיט אים גערעדט, אים אָנגעבאָטן אַ העכערע פּרייז; ער האָט אייך יאָ געזען, און איר אים — ניט. טשיקאַווע, כ׳לעבן...

קאץ לאָזט אַראָפּ די אויגן, שעמט זיך מיר קוקן אין פּנים, פאַררויטלט זיך און שטאַמלט אַרויס:

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, איך האָב געזאָגט אַ ליגן...

*

מיין חבר און פריינד און איצטיקער שותף מאיר, פלעגט אַרומפאָרן אין די דערבייאיקע שטעטלעך און איינשיקן סחורה. אַ מאָל פלעגן מיר זיך בייטן מיט די ראָלן, אָבער מערסטנס בין איך געווען אין שטאָט. איך האָב אָבער געמוזט אויספילן מיין וואָגאַן שמאַטעס־קאָנטראַקט און אויף דייווידסאָנס יושר האָב איך מורא געהאַט זיך פאַרלאָזן. בין איך מיט אים צוזאַמען אַוועקגעפאָרן פּעדלען אויף צוויי וואָכן צייט. אויף מיין אָרט האָב איך איבערגעלאָזן אַ שוואַרצן יונגן מאַן וואָס האָט ביי מיר געאַרבעט. ער איז געווען אַן אַרבעטזאַמער אָרנטלעכער מענטש און האָט אפילו אונטער־געשריבן טשעקס אויף מיין נאָמען, ווען איך בין געווען אויסערן שטאָט.

אַרומגעפאָרן מיט דייווידסאָן אַ גאַנצן טאָג צווישן די פאַרמערס ביז עס איז שוין גוט טונקל געוואָרן. די מיולס (מוילאייזלען) זיינען זייער מיד פון שלעפּן דעם שווערן וואָגן אַ גאַנצן טאָג איבער די זאַמדיקע וועגן. און אין וועלכער טיר מיין דייווידסאָן קלאַפּט ניט אָן, לאָזט מען אונדז ניט אַריין איבערנעכטיקן. די פינצטערניש פון דער נאַכט און דאָס געוואָי פון די ווילדע קאַיאָטן (האַלב וואָלף און האַלב ווילדער הונט), אין די אַרומיקע בערג וואַרפן אויף מיר אָן אַ שרעק. קיין שמע ישראל וועט דאָ ניט העלפן. איך בין זיכער, אַז די ווילדע קאַיאָטן אין די אָקלאַהאָמע־בערג האָבן עס קיין מאָל ניט געהערט...

מיר פאָרן צו צו אַ וועיטערדיקער פאַרם און איך קלאַפּ אָן אין אַ טיר. אַ מאַן קומט אַרויס פון הויז און באַגעגנט אונז מיט אַ לאַמטערן.

— אַ גוט אָוונט אייך — זאָג איך — וווינען דאָ קריסטן אונטער דעם דאַך?

— יאָ — ענטפערט ער — קריסטן.

— אויב אַזוי — זאָג איך ווידער — וועט איר זיכער ניט אָפּזאָגן אַ פּאָר מידע פאַרבייפאָרער איבערצונעכטיקן אַ נאַכט און איר וועט זיין אַזוי גאַסטפריינדלעך, ווי פאָדהער אייברעהעם (פאָטער אברהם). אונדזערע מיולס זיינען שוין אויך זייער מיד און מיר וועלן פאַר אייער פריינדלעכקייט גוט באַצאָלן.

— וואַרט אַ ווײַלע, איך וועל אָנפרעגן מאַ (געמיינט זיין פרוי) — און ער קומט טאַקע גלייך אַרויס און זאָגט: „וועלקאָם סטרענדזשערס״ (ווילקאָמען פרעמדע).

דעם פאַרמערס פערד האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַזעלכע גוטע מכניס־אורחים, ווי זייער באַלעבאָס און אויפגענומען אונדזערע מיולס בכבוד גדול. אונדז האָט מען געגעבן אָפּצועסן און באַלייגט אויף היי אין אַ גרויסער שטאַל. זיין דער פרי ביים פרישטיק זאָגט צו מיר דער פאַרמער:

— איך וואָלט שווערן, אַז איך האָב דיך ווו געזען, דיין פנים איז מיר זייער באַקאַנט.

— מעגלעך — זאָג איך — אָבער איך קען זיך ניט פאָרשטעלן פון ווען און ווו.

— וואַרט נאָר אַ מינוט — און ער לויפט אַוועק, ברענגט צו טראָגן אַ מיניאַטור־ספר־תורהלע און לייגט עס אַוועק אויפן טיש — דערקענסט עס?

— יאָ — זאָג איך — איצט דערקען איך שוין אויך אייך, איך האָב עס אייך געגעבן מיט אַ חדשים זעקס צוריק.

די מעשה איז אַזוי געווען: איין מאָל בין איך געפאָרן פון פאָרט־וואָרט קיין וויטשיטאַ־פאָלס, טעקסאַס. דער וואַגאָן ווו איך בין אַריין איז געווען איבערגעפּאַקט און איך האָב ניט געהאַט קיין אָרט ווו צו זיצן. אַ מאַן האָט געזען מיין פאַרלעגנהייט, זיך צוגערוקט האַרט צו אַ צווייטן פּאַסאַזשיר און געמאַכט פּלאַץ פאַר מיר. פון מיין אויסזען און אַקצענט, האָט ער גלייך דערקענט, אַז איך בין „איי סאַן אָף גאָדס טשאָזן פּיפּל״ (אַ זון פון גאָטס אויסדערוויילטן פאָלק).

איך האָב אים געענטפערט, אַז איך בין מוחל גאָט די טובה, וואָס ער האָט מיין פאָלק אויסדערוויילט פון אַלע פעלקער. עס וואָלט געווען גלייכער, ווען ער וואָלט אונדז ניט אויסדערוויילט, וואָלטן די פעלקער, וואָס גלייבן אויף אין דעם בוך פון אַלע ביכער, וואָס מיר האָבן זיי געגעבן, אונדז אַזוי ניט פאַרפאָלגט און געפייניקט שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר. בקיצור, ער האָט אָנגעהויבן ציטירן דעם אַלטן און נייעם טעסטאַמענט און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויף דעם בין איך געווען מער בקי ווי ער, כאָטש ער איז געווען אַ גלח. מיר האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין אַ לאַנגער דיסקוסיע.

— מיין זון — זאָגט ער צו מיר — לויט די געדאַנקען, וואָס דו האָסט אַרויסגעבראַכט און לויט דעם ווי דו רעדסט (איך האָב זיך אויסגעדריקט קעגן רעליגיע) — ביסטו מער רעליגיעז ווי אַנדערע מיינען, אַז זיי זיינען עס יאָ, און מיט דיין דערלויבעניש, וואָלט איך דיר וועלן געבן אַ מתנה — און דערלאַנגט מיר אַ בוך מיט זיין בילד אין דעם. דאָס בוך, וואָס האָט געהייסן „דהי פעט פיינדער״ (דער וועג־געפינער) האָט ער טאַקע אַליין אָנגעשריבן.

— נעם עס — זאָגט ער — און לייען, וועסט אין דעם רעליגיעזן בוך געפינען אַ סך זאַכן וועגן דעם, וואָס דו האָסט אַליין גערעדט.

דאָס „פּאַטערל״ האָט ביי מיר אויסגענומען און איז מיר זייער געפעלן געוועזן, און גראָד האָב איך ביי זיך אין וואַליזע געהאַט אַ מיניאַטור ספר־תורהלע. זאָג איך צו אים: „פּאַדהער, פאַר דיין בוך גיב איך דיר אַ מתנה דאָס בוך פון ביכער, אַ „בייבל״ אין העברעיש, די שפּראַך, אין וועלכער יעזוס אַליין האָט גערעדט״.

מילא, דער מאַן איז אַזש אויפגעשפּרונגען פאַר פרייד. פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט וואָלט ער דאָס ניט פאַרביטן.

די באַן האָט זיך דערנענטערט צו וויטשיטאַ־פּאַלס, ווו איך האָב געדאַרפט נעמען אַ צווייטע באַן קיין אָקלאַהאָמאַ. מיר האָבן זיך זייער פריינדלעך געדריקט די הענט און זיך געזעגנט.

— זאָגן דיר דעם אמת? נעכטן ביינאַכט, ווען דו האָסט אָנגעקלאַפּט אין טיר און געפרעגט אויב קריסטן וווינען אונטער דעם דאַך, האָב איך נאָך דיין רעדן דערקענט אַז דו רעדסט די „בייבל״־שפּראַך און, אַז דו מוזט זיין פון „דהי טשאָזן פּיפּל״, אָבער עס איז געווען פינצטער, אַנגעטאָן גייסטו ווי אַ מעקסיקאַנער, האָב איך זיך אַ ביסל געקווייקלט יאָ אַריינלאָזן, ניט אַריינלאָזן. אין דער פרי אָבער ווען איך האָב דיך דערזען, האָב איך דיך גלייך דערקענט און איך בין זייער גליקלעך וואָס איך האָב געהאַט די געלעגנהייט אַרויסצווייזן גאַסטפריינדלעכקייט צו איינעם פון גאָטס קינדער. — ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט נעמען קיין באַצאָלטס ניט פאַרן עסן און ניט פאַרן שלאָפן, כאָטש ער איז געווען אַן אָרעמער פאַרמער און דערצו אַ קליינשטעטלדיקער גלח. ער האָט טאַקע געהאַנדלט אין גייסט פון „פאַדהער אייברעהעם״ (פאָטער אברהם) און מיך זייער געבעטן ביי דער

ערשטער געלעגנהייט אים קומען זען. ווען ער איז נאָר געקומען קיין „אַלטוס" עפּעס איינקויפן, פלעגט ער מיר אָפּשטאַטן אַ וויזיט.

איין מאָל מיטאָג־צייט פאַרפאָרן מיר אויף אַ פאַרם און פרעגן ביי דער פאַרמערקע אויב מיר קאָנען ביי איר קריגן אָפּצועסן. מיר זאָגן איר גלייך, פאַרשטייט זיך, אַז מיר וועלן איר באַצאָלן וויפל זי אַליין וועט בעטן.

— גוט, קומט אַריין.

זי רופט אירע צוויי זין פון פעלד, וואָס געפינט זיך ניט ווייט פון הויז. זיי קומען אָן, איינער פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, דער צווייטער פון אַ יאָר אַכצן. דער יינגערער ווענדט זיך גלייך צו מיר, אַז אויב איך וויל האָבן אַ גוטן אַפּעטיט צום עסן זאָלן מיר זיך אַ ביסל „באָקסן", דאָס הייסט זיך דערלאַנגען איינער דעם אַנדערן מיט די פויסטן.

פאָלג מיך אַ גאַנג, איך בין שוין דער אמתער „באָקסער"! איך האָב זיך דערמאָנט אין שלום עליכמס בערל אייזיקס, און ענטפער אים: אַ דאַנק, איך וויל זיך ניט פּייטלען. אים אָבער, אַ פּנים, גייט עס אין לעבן און ער מאַכט מיין דייווידסאָנען דעם זעלבן פאָרשלאָג. דייווידסאָן איז געווען איבער זעקס פוס די הויך מיט אַ פּאָר משונה לאַנגע ידים.

— אָללרייט — זאָגט דייווידסאָן — אָבער איך זאָג דיר אין פאָרויס, אַז איך ווייס ניט פון קיינע באָקס־כללים, אַלץ וואָס איך וועל זיך סטאַרען טאָן, איז „דערלאַנגען".

— וואָס עפּעס אין מיטן דרינגען זיך באָקסן? דאָס עסן שטייט שוין איפן טיש, אַלץ וועט קאַלט ווערן און ניט האָבן קיין טעם — פּראָטעסטירט די מאַמע.

— אַ, מאַ, — זאָגט דער בחור — עס וועט לאַנג ניט דויערן, איך וועל אים בלויז אַ ביסל אַנקראַצן די נאָז און מיר גייען שוין עסן.

דער עלטערער ברודער טוט זיי ביידן אָן די באָקס־הענטשקעס, בינדט זיי גוט אַרום זייערע הענט, און מיין דייווידסאָן הייבט אָן דערלאַנגען דעם בחור אַזעלכע קלעפּ, אַז עס רינט אים שוין בלוט פון מויל און פון נאָז!

— דו באָקסט זיך דאָך ניט, דו שלאָגסט זיך — שרייט דער בחור.

— איך האָב דיר פריער געזאָגט, אַז איך ווייס ניט פון קיינע כללים וועגן באָקסן.

מילא, דאָס עסן איז אונדז שוין ביידן ניט איינגעגאַנגען, מיר האָבן זיך געוואָרגן מיטן ביסן. סיי די מאַמע, סיי די ביידע בחורים האָבן אויף

אונדז געקוקט ווי עפעס אויף צוויי גזלנים, און מיר האָבן דערפילט אַ דערלייכטערונג ווען מיר זיינען שוין געווען אויף דער צווייטער זייט טויער...

אויף צו מאָרגנס פאָרן מיר אַריין אין אַ שטעטל. דייווידסאָן שטעלט זיך אַוועק מיטן וואָגן אין מיטן מאַרק. אַ שילד אויפן וואָגן רעכנט אויס אַלע סאָרטן דזשאַנק וואָס מיר קויפן. דער עולם נעמט טראָגן פון אַלע זייטן. איך אַליין גיי אַוועק אין די זייטיקע גאַסן קלאַפּן אין די טירן.

אויף אַ גאַס ביים סאַמע עק פון שטעטל גיי איך צו צו אַ פאַרם. ביי דער טיר שטייט אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצן. איך גיב איר אַ פרעג אויב זי האָט ברוכוואַרג צו פאַרקויפן?

אין מיינע פאַרשטויבטע קליידער, מיטן ניט אָפּגעראַזירטן פנים און אין דער ברייט־ראַנדיקער מעקסיקאַנער „סאמברערא", האָט זי זיך אַ פּנים זייער שטאַרק דערשראָקן פאַר מיר און מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן האָט זי אַרויסגעלאָזן אַזאַ ווילדן געשריי, אַז איך בין שיער טויט געבליבן. די פיס זיינען מיר ווי געליימט געוואָרן פון שרעק. ניט איך האָב געקענט און ניט איך האָב געטאָרט אַנטלויפן, ווארעם אויף איר געשריי, האָבן פון פעלד זיך געלאָזט לויפן צוויי מענער מיט שטעקנס גלייך צו מיר.

— וואָס איז דאָ געשען? — שרייט בייז צו מיר דער עלטערער, אַ פּנים איר פאָטער.

גוט איז צו ענטפערן ווען מען קען. פון שרעק האָבן מיר די ליפּן גענומען ציטערן.

איך האָב עפּעס געשטאַמלט, וואָס איך האָב אַליין ניט פאַרשטאַנען. צו מיין גליק, איז אַ מאַן, וואָס איז געשטאַנען ביים טויער, ווען איך בין אַריינגעגאַנגען אין הויף, צוגעלאָפן און געזאָגט: „דער פּעדלער האָט איר גאָרניט געטאָן און מיט גאָרניט באַליידיקט, איך האָב אַליין געהערט ווי ער האָט איר געפרעגט אויב זי האָט „דזשאַנק צו פאַרקויפן". זיי האָבן מיט פאַראַכטונג אַ קוק געגעבן אויף איר און אויף מיר און אויסגעשפּיגן. איך בין מער טויט ווי לעבדיק קוים אַרויס פון פאַרם־הויף.

אין עטלעכע טעג אַרום זיינען מיר געקומען צוריק אין אלטוס. איך האָב אויסגעפילט מיין קאָנטראַקט, געמאַכט אַ פיינע פּאָר דאָלאַר, אָבער מער מיטן וואָגן בין איך ניט געפאָרן. מיר האָבן שוין זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַן אויטאָמאָביל.

פינף און דרייסיק מייל פון אלטוס איז געווען אַ שטעטל, וואָס האָט

געהייסן פרעדריק. דאָ זיינען געווען עטלעכע „קאַטאַן מיללס״־שמידערייען, גאַראַזשן און גאָר אַ סך ברוך־אייזן פון אַגריקולטור־מאַשינען. מערסטנס, ווען איך בין אַהער געקומען קויפן „דזשאַנק״, איז דאָ שוין עמיצער פריער געווען, האָב איך דעריבער באַשלאָסן צו עפענען דאָ אַן אָפּצווייג. אַרויס־געשיקט אדווערטייזמענס, אַריינגעשטעלט דאָ דעם שוואַרצן יונגן מאַן, וואָס איך האָב פריער דערמאָנט, און עס האָט אויסגעוויזן זייער גוט. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער אָבער, רופט ער מיך טעלעפאָניש, איך זאָל שוין קומען אים אַוועקנעמען פון דאָרטן. אין דעם שטעטל טאָרן זיך קיין שוואַרצע ניט געפינען. ער האָט ניט וואָס צו עסן און ווו צו שלאָפן און עס דראָט אים דאָ געלינטשט צו ווערן. איך בין גלייך געקומען מיט אַ גרויסן לאַסט־טראָק און אַלץ פאַרנומען. ער איז געווען אַ מולאַט און האָט אויסגעקוקט מער מעקסיקאַנער, איידער שוואַרצער. מיר זיינען געגאַנגען אין אַ רעסטאָראַן אָפּעסן און איך האָב אים פאַרזאָגט ער זאָל מיר דאָרט ניט „נאָ סערן״ און ניט „יעס סערן״, נאָר זיך פאַרהאַלטן ווי צוויי גלייכע. אַ וויס מיידל האָט אונדז זייער העפלעך באַדינט. ווען זיי דערוויסן זיך, אַז איך, אַ וויסער, האָב אריינגעבראַכט אַ שוואַרצן אין רעסטאָראַן און נאָך גורם געווען, אַז אַ וויס מיידל זאָל סערווירן אַ שוואַרצן, וואָלט מען אפשר אונדזביידן געלינטשט. אין שרעק האָבן מיר ווי עס איז אָפּגעגעסן און — זיי מיר געזונט, פרעדריק!

סאָניעס טויט

24.1.1918

וואָס פאַר אַ שרעקלעך אומגליק עס האָט געטראָפן! איינס אַ זייגער פאַר טאָג לאָזט מען מיר וויסן דורכן טעלעפאָן, אַז סאָניע איז געשטאָרבן! מיט זעקס וואָכן צוריק איז זי דורכגעגאַנגען אַן אָפּעראַציע אויף אַ טומאָר. דער דאָקטאָר האָט מיך פאַרזיכערט, אַז די אָפּעראַציע איז זייער געלונגען און זי האָט זיך געהאַלטן אין בעסערן און דאָ גאָר — אַזאַ אומגליק!

קוים דערלעבט טאָג און איך פאָר אַהיים. איז עס דען נאָך אַ היים ווען סאָניע איז טויט? איז זי טאַקע טויט? עס איז מיר עפּעס שווער צו גלויבן. ניין, אפשר איז עס אַ טעות. מיין האַרץ און מוח זיינען מיר ווי פּאַראַליזירט. עס שטיקן מיך טרערן און די באַן — קוים וואָס זי שלעפּט זיך. איך וויים ניט ווי אַזוי מיין האַרץ איז ניט צעריסן געוואָרן, ווען איך בין אָנגעקומען „אַהיים", געטראָפן סאָניען ליגן טויט אין בעט און אַלע פיר קינדער האָבן זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט מיט אַ ביטער געוויין...

איך בין געבליבן אַליין מיט די קינדער. נעמען זיי צו זיך אין דעם קליינעם שטעטל אין אָקלאַהאָמאַ, האָט קיין זין ניט געהאַט. האָב איך באַשלאָסן אויפגעבן ס געשעפט און קומען צוריק קיין פאָרט־וואָרט. מאירן האָב איך געגעבן די ברירה: ער קאָן בלייבן ביים געשעפט, אָדער מיר פאָרן צוזאַמען אין פאָרט־וואָרט און דאָרט אָנהייבן עפּעס פון דאָס ניי. ער האָט אויסגעקליבן דאָס צווייטע. מיר האָבן אין פאָרט־וואָרט געעפנט אַ געשעפט אויפצוקויפן גאַנצע וואַגאָנען ברוכוואַרג פון די אַרומיקע שטעטלעך.

דאָס געשעפט איז דווקא אַוועק ניט שלעכט, אָבער עס איז מיר זייער שווער געווען זיך אַן עצה געבן מיט די קינדער. — מישא, אַ בחור פון אַכצן יאָר האָט געאַרבעט אין אַ גאַלאַנטעריי־קראָם און פאַרדינט פינף און דרייסיק דאָלאַר אַ וואָך. אָבער נאָך זיין מאַמעס טויט האָט ער זיך גאָר אָנגעשלאָסן פרייוויליק אין דער אַרמיי. עס איז געווען שוין נאָך דער

מלחמה, אָבער די רעגירונג האָט געשיקט פון דאַנען סאָלדאַטן צו טראַנספּע־רירן די קריגס־געפאַנגענע פון דייטשלאַנד קיין פראַנקרייך און פאַרקערט. די סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אַקטיוו אין קריג זיינען געווען מיד און אויסגעשעפּט און זיינען געבראַכט געוואָרן אַהיים. פאַניאַ, באַלד פופצן יאָר אַלט, האָט ניט געוואָלט זיין אין דער היים. זי האָט מיר פאַרשאַפט גרויס האַרצוויטיק און שוועריקייטן און איז אַוועק אין דאַלאַס אַרבעטן ביי דער טעלעפאָן־קאָמפּאַניע. זי איז דאָרט איינגעשטאַנען ביי מיינעם זייער אַ גוטן פריינד. איך בין געבליבן מיט די קלענערע צוויי קינדער און איך בין געווען געצוווּנגען זיי אַריינגעבן אין בני־ברית יתומים־הויז אין ניו־אָרליענס.

מיטן סוף פון דער מלחמה זיינען די פרייזן אויף ברוכוואַרג זייער געפאַלן. איך האָב כמעט אַלץ פאַרלוירן. מיט די געבליבענע עטלעכע הונדערט דאָלאַר בין איך אַוועק קיין וויטשיטא־פאלס און געעפנט אַ רוט־ביר און פרוכט־געשעפטל.

מנחם מענדל אין אַמעריקע

שלום עליכם מעג זיך פרייען אין גן עדן, ווייל ווען ער איז דאָ, וואָלט עס זיכער דערגאַנגען צו פעטש! פריער האָט ער אויסגעכאַפּט ביי מיר די געשיכטע מיטן טינט, ווי איך האָב שוין אַ מאָל דערציילט פון באַלעבאָס טינט־מאַכעריי; און דאָס זעלבע מיט מנחם מענדלען! וואָס בין איך שולדיק, אַז דאָ אין אַמעריקע, בשכינות מיט מיר, איז פאַראַן אַ מנחם מענדל מיט די ביינער?

אַ פּאָר הייזער ווייטער, ווו איך בין איינגעשטאַנען אויף קוואַרטיר, האָט געוווינט אַ מאַן אין די פריע דרייסיקער מיט זיין פרוי און אַ קליין קינד. סעם שלעזינגער האָט ער געהייסן. מאַטעריעל איז ער געווען אויף געבראָטענע צרות, זיך אַרומגעדרייט שלינג און שלאַנג און מיר האָבן פאַר אים פּשוט געמאַכט אַ געלט־זאַמלונג.

ווען איך האָב געעפנט מיין רוט־ביר „געשעפט”, האָב איך אַליין גענומען איבערבויען דעם פראָנט פון קראָם. איך בין דאָך עפּעס אַ סטאָליער! דער סעם פלעגט קומען אַלע טאָג גלייך אין דער פרי, זיך צוקוקן ווי אַזוי איך אַרבעט און מיר געבן עצות ווי אַזוי עס צו טאָן. די טיר אויף דער זייט טויג ניט, דאָס פענצטער זאָל זיך הייבן אַרויף, אַראָפּ — וועט ער ניט לאָזן מאַכן...

אַ חוץ רוט־ביר און פרוכט, האָב איך אויך פאַרקויפט פינאַט־ניס (פיס־טאַשקעס), וואָס איך פלעג קויפן אין די שאָלעכץ, זיי אויסשיילן און אַריינ־לייגן אין קליינע פּאַפּירענע זעקלעך און זיי פאַרקויפן צו צען סענט אַ זעקל. הונגעריק איז ער שטענדיק געווען, איז ווי נאָר ער איז אַריין אין קראָם, האָט ער זיך צוגעכאַפּט צו די ניס, צו די געשיילטע געוויינטלעך...

— מיסטער שלעזינגער, — האָט מיינער אַ באַקאַנטער, וואָס פלעגט אָפט אַריינגיין צו מיר אין קראָם און זעענדיק דעם חורבן, וואָס ער מאַכט אין מיינע ניס, זיך אָנגערופן — ווי עס ווייזט אויס, האָט איר זייער ליב ניס?

— יאָ — ענטפערט ער — אַט ווי אַ סקווירל (וועווערקע), איך קאָן עס עסן אַ גאַנצן טאָג און ניט מיד ווערן!...

— איר הערט — זאָגט ער איין מאָל צו מיר — אַנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט ניס, איך ווייס פון מענטשן, וואָס האָבן פון פינאַט־ניסלעך אויפגעבויט די גרעסטע געביידעס. אַט נאָט, זעט, עס אדווערטייזט זיך אַ מאַשינקע, וואָס ווערט אַוועקגעשטעלט אין אַדער אַרום אַ קראָם, איר פילט עס אַן מיט פינאַט־ניסלעך און וועלכער פאַרבייגייער וועט עס ניט אַריינוואַרפן אַ פעני און פון דעם אַרויסקריגן עטלעכע פינאַטס, עלהעי סימענטשקעס? די מאַשינקע קאָסט צען דאָלאַר. אפילו איין דאָלאַר אַ טאָג פראָפיט פון אַזאַ מאַשינקע איז מיר גענוג! הייב איך אָן מיט איינס, נאָך דעם נאָך אַ פאָר, פינף, צען, פופצן, אַז עס איז דאָך גאָר קיין שיעור צו דעם ניטאָ. זיי געבן די מאַשינקעס אויף אויסצוצאָלן. דאָס הייסט — ניט אין גאַנצן אויף אויסצאָלן, האַלב דאַרף מען אוועקשיקן מיט דער באַשטעלונג, און דאָס איבריקע אויסצאָלן. איר פאַרשטייט? ווען איך האָב נאָר די פינף דאָלאַר, שיק איך גלייך אוועק נאָך אַזאַ מאַשינקע און איך קען אויפגעריכט ווערן. וואָס זאָגט איר, האַ? אפשר וואָלט איר אַזוי גוט זיין און מיר...

איך וואַרט שוין ניט ביז ער ענדיקט און ליי אים אויס די פינף דאָלאַר.

מיט גרויס אומגעדולד דערוואַרט ער דאָס אָנקומען פון דער מאַשינקע און ווען זי קומט שוין מיט מזל אָן, איז דאָס גלאָז אין איר צעבראָכן.

— פאַרפאַלן — זאָגט מיסטער שלעזינגער — ווער וועט עס גיין שיקן צוריק און וואַרטן ביז אַן אַנדערע וועט אָנקומען און אויף מיין מזל קאָן עס ווידער זיין צעבראָכן. און נאָך אַלעמען, אויך מיר אַ ביזנעס אַ פעני־געשעפט איז פאָרט אַ פעני־געשעפט אַז מען ליגט אין קלייען, עסט מען מיט חזירים. איך דאַרף די מאַשינקע אויף סיעם־סאָט כפרות! אַט טאָקע איצט גייענדיק צו אייך אין סטאָר, האָב איך געזען אַ באַן מיט פולמאַן־וואַגאָנען. נו, ווייס איך פון מענטשן אין אַלבעקוירק, ניו־מעקסיקאָ, וואָס זיינען געוואָרן שטיין־רייך. און מיינט איר פון וואָס? אנו טרעפט? — פון זיצן גאַנצע טעג און צוטראַכטן נעמען פאַר די פולמאַן־וואַגאָנען. איז עס אויך מיר נעמען! איך האָב אויף טשיקאַוועס איבערגעלייענט די נעמען פון עטלעכע וואַגאָנען: „וויניעטקאַ“, „מארי־

פאזא", „טשאלענדזשער" — נעמען פון דער הפטורה! מיר זיינען, הערט איר, איינגעפאלן נעמען פאר פולמאן־קארס! אמת היסטארישע, א שטייגער ווי: „דזשארדזש וואשינגטאן", „טאמאס דזשעפערסאן", „לינקאלן", „דהי אלאמא", „פאול ריווירער", שוין איינמאל נעמען, הא? איך וואלט געקענט צוטראכטן נאך א היפשע צאל נעמען, אבער גענוג דערווייל. איך וועל, וואס ארט איך, מיין באבעס ירושה ניט דערלייגן צו את די נעמען אויך. איך דארף די וועלט מיט איין מאל ניט איננעמען. איך לויף שוין און שיק אוועק די נעמען צו דער „פולמאן־קאר־קאמפאני".

אין עטלעכע טעג ארום קומט ער אריין אין קראם און איך פרעג אים אויב ער האט שוין באקומען א ידיעה פון זיין פולמאן־קאמפאני?

— איך האב זיי אין דער ערד — ענטפערט ער — זיי געשיקט אזעלכע שיינע נעמען, שרייבן זיי מיר א בריוו און דאנקען מיר טאקע פאר די פאטריאטיש־היסטארישע נעמען, אבער צום באדויערן קענען זיי זיך מיט זיי ניט באנוצן. איר וועט זען, אז די גנבים וועלן ביי מיר צונעמען מיינע נעמען און מיר קיין פעני אפילו פאר דעם ניט געבן! נאר איך זאג אייך, אז א מענטש טאר ניט פארצווייפלען. גיי ווארט אויב די פיינשמעקערס ערגעץ דארט אין ניו־מעקסיקא וועט יא געפעלן ווערן מיינע נעמען אדער ניט, אז איך קען זיך זיין באלעבאס פאר זיך אליין. את אדווערטייזט זיך אין א ביזנעס־זשורנאל אזא מין אפאראטל, וואס ווען מען טוט עס ארויף אויף די ברענערס פון גאז־אויוון, שפארט עס אפ פופציק פראצענט פון גאז־פארברויך. עס קאסט מיך צוואנציק סענט א שטיק און איך פארקויף עס פאר פופציק. ווער וועט עס ניט קויפן אזא זאך, וואס וועט אים אפשפארן אזוי פיל געלט? אז איך דארף ניט קיין סך. פארקויפט אזעלכע פינף און צוואנציק א טאג האב איך געמאכט א קימא־לן פון זיבן דאלאר מיט פופציק סענט. גוט? און פאר וואס נאר פינף און צוואנציק? ווער לאזט עס מיך ניט פארקויפן גאנצע פופציק?

ער איז אומגעדולדיק און קאן זיך קיין ארט ניט געפינען, ביז עס קומט אים שוין אן דער „סעמפל", אויף מיין אדרעס, געוויינטלעך. ער לויפט אוועק א גליקלעכער מיט זיין „סחורה" און קומט צוריק אין עטלעכע שעה ארום פינצטער ווי די נאכט.

— זאל עס ברענען ווי א ליכט, את וואס! וועמען איך ווייז עס, זאגט: „גוט, טוט דאס ארויף אויף דעם גאזברענער, און אויב עס

שפּאָרט אָפּ אַזוי פיל גאַז ווי איר זאָגט, וועל איך אייך באַצאָלן אַ דאָלאַר און ניט נאָר פופציק סענט״. איר פאַרשטייט. ווער האָט דאָס אַזוי פיל געלט צו קויפן וויניקסטנס אַזעלכע הונדערט אַפּאַראַטלעך, און האַלב וואָלט מסתמא באַצאָלט און האַלב ניט. איך בין ווערט, הערט איר, מען זאָל מיך אויסציען אויפן דיל, און אריינקאַטעווען אין מיר וויפל עס וואָלט נאָר אַריין, פאַר פאַרנעמען זיך מיט פּעני־מאַשינקעס, גאַז־אַפּאַראַטלעך און מיט שדים וויסן וואָס. דער דאַרף עס יאָ, און דער דאַרף עס ניט. אָבער איך פרעג אייך, וועלכע פרוי דאַרף עס ניט קיין פאַרטעך, האָ? איז אָט, נאָט זעט אַליין, עס אדוועָרטייזט זיך דאָ אין זשורנאַל אַזאַ מין פאַרטעך געמאַכט פון צעראַטע און עס קוקט אויס ווי ציץ, מען דאַרף עס אפילו ניט וואַשן. עס ווערט שמוציק — איז אָפּגעווישט מיט אַ פייכטן האַנטעך און ס׳איז ווידער ריין!

— איז טאַקע — זאָג איך — אפשר כדאי זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם?

— פאַרטראַכטן? — ענטפערט ער — איך האָב שוין באַשלאָסן. דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס איז מיר אַ מאָל אַנטקעגנגעקומען! די צרה איז נאָר וואָס עס פאַרקויפט זיך נאָר פון גראָס און מען דאַרף באַצאָלן אין פאָרויס זעקס און דרייסיק דאָלאַר. קאָסט עס מיך הייסט דאָס פינף און צוואַנציק סענט אַ שטיק און איך גיב עס אַוועק צו פינף און זיבציק סענט אַ שטיק, מאַך איך צוויי און זיבעציק דאָלאַר אין איין גראָס. ווי? וואָס? ס׳איז דאָך יאַוונע ווּעיאַסנע ווי דער טאָג, וועלכע פרוי וועט עס ניט קויפן אַזעלכע צוויי פאַרטעכער, אָדער אפילו איינס? איז וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס צו פאַרקויפן אַזעלכע, לאָמיר זאָגן, ניט קיין סך, צוויי טוצן אַ טאָג. איך מוז אָבער אייך בעטן אַזוי גוט זיין און מיר אויסלייען די זעקס און דרייסיק דאָלאַר און מיטן פאַרדינסט פון די פאַרטעכער וועלן מיר זיך טיילן האַלב אויף האַלב. איר פאַרשטייט? איר שטייט זיך דאָ אין סטאָר און אייער געלט אַרבעט פאַר אייך. וואָס אַרט אייך? זאָל נאָר דאָס מזל אַ שפּיל טאָן און די זון זאָל אַ ביסעלע אַ שיין טאָן, האָט איר, אייער רוט־ביר מיט די ניסלעך און די עפּל אייערע וואָס ווערן פאַרפוילט ביז וואַנען איר פאַרקויפט זיי, אין דער ערד! איר פאַרשטייט? מיר עפּענען אַ קראָם פון פאַרטעכער און מיר זיינען „אויפן פערד״.

אַוועקגעשיקט נאָך די פאַרטעכער און ווידער אַ וואַרטעניש ביז

ער דערהאַלט די מציאה, און טאַקע אין אמתן זייער שיין געמאַכט, אין פיר פאַרשידענע קאָלירן און קוקן אויס ווי פון אמתן „גינגאַם“.

מיסטער שלעזינגער גיט אַ כאַפּ צוויי טוצן פאַרטעכער און שוין פון יענער זייט טיר שרייט ער אויס: „איך וועל באַלד קומען נעמען נאָך צוויי טוצן“, און אַנטלויפט.

אין אַ פּאָר שעה אַרום, קומט ער צוריק מיט גאַנצע צוואַנציק שטיק, פאַרשוויצט און: „אַ כאָלערע זאָל עס כאַפּן, ווען איך גיב אַ קוק אין טייך, בלייבן יידן אָן פיש אויף שבת... אין וועלכן הויז איך גיי אַריין און וויז די פאַרטעכער, זיינען זיי זייער געפעלן, איז דאָך גוט, האַ? טויג עס פאָרט ניט. ערשט נעכטן אָדער מיט אַ פּאָר טעג צוריק, איז דאָ געווען אַ פּעדלער מיט פונקט אַזעלכע פאַרטעכער. אָבער ניט געזאָרגט, ס'איז גוטע סחורה, איך וועל עס פאַרקויפן אַ ביסל ביליקער און וועל ביסלעכווייז פון דעם פּטור ווערן. איך בין דערווייל אַזוי אַרומגייענדיק מיט די פאַרטעכער, אַריינגעגאַנגען אין אַ באַרבער־שאַפּ, האָב איך געזען אַזאַ שיינעם, גרויסן זייגער, און אַרום און אַרום דעם זייגער איז אַ ראַם, ווו עס ווערן אָנגעהאָנגען אַדווערטייזמענט פון כל הגשעפטן, און דער וואָס אַדווערטייזט, באַצאָלט פאַר דעם צען דאָלאַר אַ יאָר, האַלב פאַר דער הויז און האַלב פאַר דעם, וואָס קריגט די אַדווערטייזמענט. אין אַזאַ שטאָט ווי וויטשיטאַ־פאַלס זיינען פאַראַן אַ ליאַדע הונדערט באַרבער־שעפּער, וואָס האָבן מסתמא אַזעלכע זייגערס. אַרום יעדן זייגער קאָן מען אָנקלעפּן וואָסערע דרייסיק אדווערטייזמענטס. וועלכער ביזנעס־מאַן וועט עס ניט „ספּענדן“ צען „שמאַליאַרעס“ אַ יאָר אין אַ פּלאַץ, ווו עס קומען אַריין אַזוי פיל מענטשן דורכן טאָג?“

די ערשטע פּאָר טעג, האָט ער טאַקע געקראָגן עטלעכע אַזעלכע אַדווערטייזמענטס, אָבער לסוף קומט ער אַריין אין קראָם זייער אָן אַנטוישטער:

— עס קאָסט מיך מער געלט פאַר די זוילן אויף מיינע שיך, איידער דאָס געלט, וואָס איך קריג אריין פון די אדווערטייזמענטס. דעם געפעלט ניט דער באַרבער, און דער וויל וויסן אויף וועלכער גאַס דער באַרבער־שאַפּ געפינט זיך. ניט אַלע באַרבער־שעפּער קענען דאָך זיין אויף די הויפּט־גאַסן. זיינען אויף די הויפּט־גאַסן די אַדווערטייזמענטס שוין אויסגעפילט און אויף זייטיקע גאַסן. זיינען ניטאָ קיין בעלנים.

וואָס האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט? „קלוג איז דער, וואָס קען זען זאַכן אין פאָרויס". פאַר וואָס האָב איך טאַקע פריער ניט געקענט פאַרשטיין, אַז אויב אַזאַ שטעטל ווי וויטשיטאַ־פאָלס האָט אין גאַנצן צוויי הויפּט־גאַסן, איז וויפל באַרבער־שעפּער קענען דאָס זיך געפינען אויף איין גאַס? און אויף זייטיקע גאַסן גיין אַדווערטייזן זיך דאַרף מען דאָך טאַקע זיין משוגע. אָבער אפילו פון שלעכטס קען אויך אַרויסקומען גוטס. אַרומגייענדיק איבער די באַרבער־שעפּער האָב איך געזען אַ באַרבער, וואָס נוצט זייער אַ קונציק בערשטל צום ראַזירן. דאָס הענטל פון בערשטל טוט זיך אַרויף אויף אַ שרויף, און דאָס הענטל אַליין איז אויסגעהוילט. טוט מען אַריין אין דעם אַזאַ זייף־פּודער, אַ טונק דאָס בערשטל אין וואַסער, אַ פּיר געטאָן איבערן פּנים — און דאָס פּנים ווערט באַדעקט מיט אַראָמאַטנעם זייף און דאָס ראַזיר־מעסער גליטשט זיך איבער דעם ווי אויף אַ גליטש. אַז איר פאָרט ערגעץ, דאַרפט איר זיך מער ניט שלעפּן מיט קיין פּודער אָדער זייף. אַריינגעטאָן אין בערשטל אַ ביסל זייף־פּודער און עס קלעקט אויף צוויי וואָכן צייט, און אפשר מער. איך האָב דערווייל אַוועקגעשיקט נאָך פינף טוצן פון די דאָזיקע בערשטלעך, געגנוג פאַר אַן אָנהויב. איך וואָלט נאָך וועלן אייך בעטן אַזוי גוט זיין און מיך לאָזן דעמאָנסטרירן די בערשטלעך אין אייער פענצטער. איך וועל אייך באַצאָלן רענט וויפל איר אַליין וועט באַשטימען.

— וועגן רענט — זאָג איך — וועט איר זאָרגן שפּעטער. דערווייל פאַרקויפט אייערע בערשטלעך.

שיינע זומערדיקע טעג זיינען געשטאַנען, ווען ער האָט אַוועקגעשיקט נאָך זיינע בערשטלעך, אָבער ווען זיי זיינען אים אָנגעקומען, איז שוין דער וועטער געווען ווי ביי שלום עליכמס דריט־קלאַסיקע לוויה: אַ קאַלטער ווינטל בלאָזט און אַ דריבנער רעגן פאַלט, און מייך מיסטער שלעזינגער זעצט זיך אַוועק ביים אָפענעם פענצטער, רייבט זיך דאָס פּנים מיטן נאַסן בערשטל צו דעמאָנסטרירן, וואָס פאַר אַ וואונדערבאַרן פּראָדוקט ער פאַרקויפט און זיין פּנים ווערט בלוי, ווי אַ דאַרע אָפּגעפליקטע גאַנדז אין פראָסט. אַ פּאָר מענטשן שטעלן זיך אפילו אָפּ צו הערן ווי אַזוי ער דעמאָנסטרירט זיין סחורה, אָבער צו קויפן קומט עס ניט... איך אַליין גיי אַרויס דורך דער הינטערטיר, גיי צו צום פראָנט, כלומרשט אַ קונד און „קויף" גאַנצע צוויי בערשטלעך מיט אַ מאָל. איינס פאַר זיך, זאָג איך, און דאָס צווייטע

פאַר מיין קאַזין... איך בליב זיין איינציקער קאַסטימער. אָבער גלייך נאָך דעם האָט אים גאָט צוגעשיקט דאָס גרויסע געווינס:

עס איז אָנגעקומען אין שטאָט אַ וואַגאָן מיט עפּל. פּאַרקויפט זיך עס צו דריי דאָלאַר מיט פופציק סענט אַ קעסטל, און ער קריגט פופציק סענט פון יעדן קעסטל, וואָס ער פאַרקויפט. איך קויף ביי אים די ערשטע זעקס קעסטלעך. ער לויפט אריין אַ גליקלעכער און אַ צעשטראָלטער: ער האָט ערשט פאַרקויפט נאָך זעקס קעסטלעך און וויזט מיר זעקס זילבערנע דאָלאַרס.

אַ פּאָר לאַנגע פיס האָט ער געהאַט, לויפט ער אַרום איבערן קראַם אהין און צוריק. „איך זאָג אייך, אַז אַ מענטש וויל נאָר, דערשלאָגט ער זיך סוף כל סוף צו עפּעס! פאַרנומען זיך ביז אַהער מיט גאַרניט, מיט נאַריש־קייטן, גיט מיר באָקסעס (קעסטלעך), באָקסעס עפּל גיט מיר! און איך וועל וויזן דער וועלט וואָס איך קען אויפטאָן. אַזעלכע וואַגאָנען מיט עפּל קומען אָן יעדע וואָך. איר וועט זען, אַז אין אַ וואָך, צוויי אַרום, וועל איך אייך אומקערן דאָס געלט, וואָס איר האָט אויסגעלייגט פאַר די פּאַרטעכער".

דעם גאַנצן טאָג האָב איך אים מער ניט געזען. אויף מאָרגן אין דער פרי קומט ער אריין אין סטאָר אָן איינגעבויגענער, צונויפגעדרייט אין דרייען און האַלט זיך פאַרן בויך.

— אַ כאָליערע זאָל דאָס נעמען! איך האָב אַזש געקריגן, איר זאָלט מיר מוחל זיין, אַ לויזן מאָגן פון גריזאָטע.

— וואָס איז, וואָס האָט געטראָפן? איר פאַרדינט דאָך שוין אַזוי גוט פון אייערע „באָקסעס" עפּל?

— אויף מיינע שונאים געזאָגט געוואָרן — ענטפערט ער — איך האָב פאַרקויפט צען באָקסעס עפּל צו אַ פּאָר גוים און זיי האָבן מיר זייער שיין באַצאָלט. מיט צוויי שעה שפּעטער — זיי זוכן מיך. האָב איך זיך זייער דערפריים: זיי ווילן מסתּמא נאָך באָקסעס עפּל. ערשט אַ נעכטיקער טאָג. זיי ווילן גאָר מיך אַוועקהרגענען. הרגענען ווילן זיי מיך. האַלב פון די עפּל, וואָס זיי האָבן ביי מיר געקויפט זיינען פאַרפוילט! מיין טענה, אַז די עפּל זיינען ניט מיינע, אַז אַזוי האָט מען מיר פאַרקויפט, האָט ניט געהאָלפן. איך האָב זיי געמוזט אומקערן זייער געלט און טאַקע, איר הערט, מיט טרערן אין די אויגן, האָב איך קוים געפועלט ביי די לייט פון עפּל־וואַגאָן, אַז זיי זאָלן מיר אומקערן כאָטש האַלב פון דעם, וואָס איך האָב זיי באַצאָלט.

אַרויס און ווידער אַריין אין ביזנעס

די געביידע, וווּ מיין קראָם האָט זיך געפונען איז פאַרקויפט געוואָרן און איך האָב זיך געמוזט אַרויסציען. ווידער אַריין אין אַזאַ געשעפט האָט זיך מיר ניט געוואָלט. איך האָב ניט געהאַט מיט וואָס. איז געקומען מיינער אַ באַקאַנטער, וואָס האָט געהאַט אַ גאַלאַנטעריי־געשעפט און מיר אָנגעבאָטן פינף און דרייסיק דאָלאַר אַ וואָך, אַז איך זאָל פאַר אים אַרבעטן.

— ווי אַזוי — זאָג איך — קען איך אָננעמען דיין אָנבאָט, אַז איך פאַרשטיי גאָרניט אין גאַלאַנטעריי־מסחר ?

— דאָס איז ניט קיין גרויסע תורה, איך בין זיכער, אַז דו וועסט עס קענען בעסער ווי די, וואָס אַרבעטן ביי דעם אַ לאַנגע צייט.

איך האָב אָנגענומען זיין פאָרשלאָג, און גאַנץ פיין פאַרקויפט העמדער, שניפּסן, זאָקן און שאר ירקות. מיין „באַלעבאָס" איז מיט מיר געווען צופרידן. קיין תכלית אָבער איז עס פאַרט ניט געווען.

איך האָב זיך באַקענט מיט איינעם אַ מיסטער קאָפמאַן, וואָס האָט געוווינט ניט ווייט פון וויטשיטאַ־פאָלס, וווּ ער האָט אויך געהאַט אַ גאַלאַנטעריי־געשעפט. ער האָט דאָרט געמאַכט אַ פאַרמעגן בשעתן אויל־בום, אָבער איצט איז שוין דער אויל־בום געווען אויסגעשפּילט, און ער האָט זייער געוואָלט צוריק אַוועק קיין היוסטען, טעקסאס, זיין היימשטאָט. ער האָט מיר פאָרגעלייגט איבערנעמען זיין קראָם.

— איך וואָלט זייער גערן אָנגענומען אייער פאָרשלאָג, אָבער דעם אמת געזאָגט, האָב איך ניט קיין געלט.

— דאַרפסט מיר גאָר ניט געבן קיין אַדערויף — זאָגט ער — עס וועט אין גאַנצן באַטרעפן דריי טויזנט פינף הונדערט דאָלאַר, און דו וועסט עס אויסצאָלן צו צוויי הונדערט דאָלאַר אַ חודש.

דאָס אויל־פעלד האָט זיך אַוועקגעצויגן אַרום פופצן מייל פון שטעטל. איך האָב זיך אַריבערגעצויגן אין האַרץ פון אויל־פעלד. עס איז טאַקע געווען בעסער פאַר „ביזנעס", אָבער ניט אַזוי גוט אין אַנדערע הינזיכטן:

אַרום און אַרום ווי וויט דאָס אויג האָט געגרייכט, האָט מען געזען „דעריקס״ (אויל־געשטעלן) אויף אַרויסצובורעוען דעם אויל. אַ וואַלד פון דעריקס! אין דער געגנט, באַזונדערס אַנהייב פרילינג, קומען דאָ פאָר טאָרנאַדעס און עלעקטרישע שטורעמס. זיי האָבן געקאָנט אומוואַרפן, אָדער גאָר אָנצינדן צענדליקער דעריקס געבויט פון האָלץ, און אָנמאַכן אַ גרויסע שריפה. ניט איין נאַכט איז מען אָפּגעזעסן און מורא געהאַט צו גיין שלאָפן.

ווייטער פון שטעטל, אויף אַ העכערן פּלאַץ, האָבן זיך געפונען ריזיקע אויל־טאַנקן. און איין מאָל, בעת אַזאַ עלעקטרישן שטורעם און רעגן, האָבן זיך אָנגעצונדן עטלעכע אַזעלכע טאַנקן און דער ברענענדיקער אויל האָט זיך מיטן וואַסער געטראָגן באַרג אַראָפּ. עס האָט אויסגעזען, ווי אַ ברענענ־דיקער טייך טראָגט זיך מיט אימפּעט באַרג אַראָפּ און זיינע העלישע פלאַמען פאַרצערן פוןביידע זייטן גאַס, פון וואַנט ביז וואַנט, אַלע קראָמען, און אַלץ וואָס עס קומט זיי אין וועג. מיין קראָם איז ווי דורך אַ נס שטיין געבליבן, אָבער דער „האָטעל״ וווּ איך בין איינגעשטאַנען, אַז אויך אַוועק אין פלאַמען, און איך בין געבליבן בלויז מיט דעם, וואָס איך האָב אויף זיך געטראָגן. מיין גרעסטער שאָדן אָבער איז געווען דריי טאָגביכער, וואָס איך האָב „געפירט״ זינט כ׳בין אַלט געווען זעכצן יאָר, ווי אויך אַלבאָמען מיט בילדער פון מיין פאַמיליע און פון די נאָענטסטע חברים.

האָלד־אַפּס (אָנפאַלן), רויבערייען און מאָרדן זיינען דאָ געווען אַ טעגלעכע דערשיינונג. איין מאָל, ווען מיר, בחורים, זיינען אין אָוונט געזעסן און געשפּילט קאָרטן, אייגנטלעך צוליב צייט־פאַרטרייב, עפנט זיך די טיר און צוויי חברה־לייט קומען אַריין. ביי איינעם שטעקט אַרויס פון קעשענע אַ פלאַש בראָנפן. מיטן רעוואָלווער אין האַנט ווייזט ער אונדז אַ „בעדזש״ פון אַ פּאָליציאַנט און הייסט יעדן פון אונדז באַצאָלן צו צוואַנציק דאָלאַר שטראָף פאַר געמבלען.

— אָבער מיר האָבן דאָך ניט געגעמבלט, האָסט דען געזען ליגן געלט אויפן טיש?

אונדזער טענהן העלפט ניט. ער זידלט אונדז מיט די גראָבסטע רייד און דרייט מיטן רעוואָלווער גלייך אונדז אין די פנימער: גיב אים געלט!

— געלט — זאָגן מיר — וועלן מיר געבן דעם ריכטער, אויב ער וועט אונדז פאַרמשפּטן פאַר געמבלען. נעם אונדז קיין בוירק־בורגעט, וווּ

עס געפינט זיך דער נאָענטסטער ריכטער — דאָס שטעטל אַרום די אויל־פעלדער האָט נאָך אפילו ניט געהאַט קיין אָרטיקע פּאָליציי.

— גוט — זאָגט ער — קומט.

מיר זיינען אַרויס פון הויז און ער האַלט נאָך אַלץ אין זידלען אונדז.

— באַנוץ ניט אַזאַ שפּראַך קעגן אונדז. מיר זיינען אַנשטענדיקע בירגער און מיר וועלן דיר ניט אַרויס קיין ווידערשטאַנד — זאָגט מיין חבר מאיר.

דער „פּאָליציאַנט" גיט אַ שטויס מאירן אין האַרצן אַזוי, אַז ער גליטשט זיך אויס און בלייבט זיצן מיטן רוקן צום וואַנט.

דער כוליגאַן שטעלט צו דעם רעוואָלווער צו מאירס ברוסט און זאָגט: „דו הינטישער זון, אויב דו זאָגסט נאָך אַ וואָרט, לעכער איך דיך ווי אַ זיפּ מיט מיינע קוילן!" ער פירט אונדז אָפּ עטלעכע מעטער און זאָגט: „א, יו אָל גאָ טו העלל" (גייט צו אַלדע רוחות). און גייט אַוועק.

אויף צו מאָרגנס זיינען געקומען די וויל־באַרימטע „טעקסאס רענזשערס". מיר האָבן זיי דערציילט וואָס עס איז פאָרגעקומען. צו אונדזער איבעררראשונג קלינגט מען אָן איין אָוונט, אַז מיר זאָלן קומען אין בוירק־בוירנעט טורמע און זען צי דאָס איז די חברה, וואָס מיר האָבן פאַרקלאָגט.

מיר זיינען געקומען און זיי טאַקע דערקענט. זיי זיינען ביידע געלעגן ווי די גראַפן, אויפן צעמענטענעם דיל.

— אפשר וואָלסטו גענומען עטוואָס ווייניקער פון צוואַנציק דאָלאַר? — דינגט זיך כלומרשט מיט אים איינער פון אונדז, פרענק פּיער, אַ פראַנצויזישער בחור.

— איך וועל זיך נאָך מיט אייך אָפּרעכענען — ענטפערט אים דער, וואָס האָט אונדז געזידלט און געדראָט מיטן רעוואָלווער.

אין אַ וואָך אַרום ווען מאיר איז געווען אין ביורק־בורנעט, באַגעגנט אים דעם חברה־מאַן און זאָגט צו אים: „איך וואָלט אייך געבעטן ניט אונטערצוהאַלטן די באַשולדיקונג קעגן מיר, איך בין ניט אַזאַ שלעכטער מענטש. איך בין בלויז געווען אַ ביסל שיכור".

ער איז אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר פינף חטאים: פאַר פאַרשטעלן זיך פאַר אַ פּאָליציאַנט, פאַר וועלן אויספּרעסן געלט, פאַר באַזיצן געווער אומגעזעצלעך, פאַר דראָען יענעם מיט אַ טויטלעכן־געווער און פאַר שטערן די רו. איז ער אָבער אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף פופצן דאָלאַר בייל. ער האָט געהאַט עפּעס אַ צד. עפּעס אַ קירך האָט זיך פאַר אים אָנגענומען. מיר האָבן

אויפגעגעבן דעם אַנקלאַג. אַ ברירה האָבן מיר געהאַט? ער האָט געקענט אריינשיסן צו אונדז אין פענצטער, ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט.

די האָלד־אָפּס און מערדערייען האָבן זיך פאַרמערט אין אַזאַ פּראָפּאָרץ, אַז די „טעקסאס רענדזשערס" זיינען אריינגעקומען און געלאָזט הארב וויסן, אַז אַלע פּראָסיטוטקעס, אַלפאָנסן, בוטלעגערס און סתם די, וואָס קענען ניט וויזן אַז זיי זיינען באַשעפטיקט, מוזן גלייך פאַרלאָזן דעם פּלאַץ. דאָס שטעטל איז געוואָרן טויט ווי אַלע טויטע...

די סחורה, וואָס איך האָב איבערגענומען פון מיסטער קאַפּמאַן, איז געוועזן היפּש פאַרעלטערט. די פּאָפּולערסטע מאָסן סיי פון קליידער, סיי פון שיך, האָט ער לאַנג אויספאַרקויפט, איידער איך האָב איבערגענומען זיין קראָם. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב צוגעקויפט פרישע סחורה אויף קרעדיט. אָבער, אַז מער, ווי האַלב פון דער באַפעלקערונג איז זיך צעלאָפן, און צו גוט איז פריער אויך ניט געווען, איז טאַקע געווען נישט וואַזשנע. עס זענען שוין געווען טעג, ווען איך האָב געלייזט איין דאָלאַר, און אַ מאָל נאָך ווייניקער. פון אַזאַ לייזונג האָב איך, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט צאָלן מיינע חובות אין צייט, און מיינע קרעדיטאָרן האָבן מיך גענומען דריקן: „אָדער באַצאָל, אָדער מיר פאַרמאַכן דיין געשעפט".

אין מערסיאַ, טעקסאַס, איז אַנטדעקט געוואָרן אַ ניי אויל־פעלד, און מיינער אַ באַקאַנטער פריינד, וואָס האָט געוווסט ווי איך ליג אין קוואַס, שרייבט מיר איך זאָל זיך אריבערקלייבן אהין. ס'איז דאָרט זייער גוט. טעלעפאָניר איך צו מיסטער קאַפּמאַן אין היוסטאָן, און זאָג אים, ווי איך האַלט, און אַז איך וויל זיך אַריבערציען קיין מערסיאַ, ווו איך בין זיכער, אַז ס'וועט דאָרט זייך אַ סך בעסער, ווי דאָ און אַז איך וואָלט אַזוי אַרום געקאָנט באַצאָלן מיינע קרעדיטאָרס און אים. איך האָב אָבער ניט מיט וואָס אַריבערצוציען זיך.

— וויפל דאַרפט איר?

— פינף הונדערט דאָלאַר.

— איך שיק עס אייך גלייך אַרויס.

אויף מאָרגן האָב איך געקראָגן דאָס געלט, זיך איינגעפּאַקט און אַוועק קיין מערסיאַ.

מערסיאַ איז געווען אַן אַלט איינגעפונדעוועט שטעטל פון אַ פופצן טויזנט איינוווינער. ווען דאָס אויל־פעלד איז אַנטדעקט געוואָרן, איז דאָ

געוואָרן אַן אַנגעלויף פון אַן ערב־רב, ווי געוויינטלעך. נאָענטער צום אויל־פעלד, האָט זיך פאַרמירט אַ גאַנץ ניי שטעטל. די „געביידעס״ זיינען איבער נאַכט אויפגעקלאַפּט געוואָרן פון ברעטער. אין אַזאַ „געביידע״ האָב איך זיך אריינגעצויגן.

די נאָכפראַגע אויף שיך, שטיוול, אָוועראָלס און בכלל אַרבעט־קליידער איז געווען זייער גרויס. איך האָב קוים צייט געהאַט פונאַנדערצופּאַקן די קאַסטנס סחורה און עס צעלייגן אויף די פּאָליצעס. מען האָט „געריסן פון די הענט״. אין גאָר אַ קורצער צייט האָב איך זיך מיט אַלעמען אַרומגעצאָלט און עס איז מיר געווען גוט ווי די וועלט.

ווער זיינען געווען די איינוווינער פון דעם נייעם אויל־פעלד? ווי געוויינטלעך, צום ערשטן קומען די „דעריק־בויער״ באַלד נאָך זיי, „דרילערס״, די וואָס עגבערן צום אויל, דאַן קומען „פּרויען״, אַלפאַנסן, גנבים, האַלדאַפּניקעס, רעסטאָראַטאָרן, קרעמער — און עס ווערט אַ מלוכה אין אַ מלוכה.

כדאַי, גלויב איך, צו דערמאָנען וויניקסטנס צוויי מענטשן, וואָס איך האָב דאָ באַגעגנט און מיט זיי פריינד געוואָרן. איינער, מיסטער דוב רעדבלאָט, אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן, ניט געקאָנט לייענען און שרייבן, ער האָט פאַרקויפט אייזערנע רערן און אַנדערע מכשירים פאַרן אויל־פעלד. ער פלעגט ליב האָבן צו דערציילן מעשיות. אַזוי, למשל, האָט ער מיר דערציילט ווי אַזוי זיין זיידע האָט געפונען אַן אוצר:

— איין מאָל אַ פרייטיק פאַר נאַכט, זיצט מיין זיידע, עליו השלום, און איז מעביר די סדרה. ערשט אַ זעלנער קומט אַריין און פרעגט אים אויב ער ווייס דעם וועג צו אַ דערבייאיקן דאָרף. דעם זיידן איז עפּעס דער זעלנער ניט געפעלן געוואָרן, ער האָט דערזען, אַז דאָס איז ניט סתם אַ זעלנער. ניט געטראַכט, גיט ער אַ כאַפּ אַראָפּ דעם רעכטן פאַנטאָפל און באַץ דעם זעלנער אין פּנים אריין. איז פון דעם זעלנער געוואָרן אַ בארג מיט אימפּעריאַלן, אַ גאַנצע קופּע גאָלד! נו, איז ער דאָך, וואָס איז שייך, שטיין־רייך געוואָרן, אָבער ער האָט קיינעם ניט דערציילט ווי אַזוי און פון וואַנען זיין רייכטום איז צו אים געקומען. ער האָט זיך אויסגעבויט אַ שיין רייך הויז מיט דינסטן און מיט כל טוב, און שפּיצלעך אָפּגעטאָן, פרעגט שוין נישט.

פרייטיק פאַר נאַכט, אָרעמע יידן האָבן זיך שוין גוט אָנגעפאַרעט,

אָנגעשמיסן מיט בעזעמער און זיינען שוין גרייט גיין אהיים. אוי ווי, אַ צרה, ניטאָ זייערע קליידער. אַ טומל, אַהער אַהין, ווער האָט עס געקענט אַוועקגנבענען די קליידער? דער זיידע עליו השלום, זיצט זיך אין דער הייך אויף אַ באַנק און שמייכלט אין דער באָרד אריין. ער גיט אַ ווונק צום בעדער, און דער בעדער טראָגט אַלעמען צו שפּאָגל־נייע קליידער...

ווינטער צייט, אָרעמע לייט ליגן אין קאַלטע ניט געהייצטע הייזער, מען כאַפּט זיך אויף אין דער פרי, מען וויל אַרויס פון הויז — די טיר עפנט זיך ניט, ערשט וואָס? ס׳איז פאַרלייגט ביזן דאַך מיט בערעזעווע האָלץ!... שוין טיף אין די מיטעלע יאָרן איז דער זיידע, עליו השלום, געפאָרן קיין ארץ־ישראל און אָנגעשפּאַרט — ווי ווייט מיינסטו? אזש ביז צום באַרג אררט, ער האָט דאָרט אַליין מיט זיינע אויגן געזען נחס תיבה, שטייט אָנגעשפּאַרט אויף אַ זייט פון באַרג — אָט, אָט, אַראָפּצופאַלן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער צווייטער איז געווען אַ בחור פרענק סאלאדקין, זייער אַ אינטע־רעסאַנטער ווילער מענטש, אַ גראַדויִרטער פון בוירקלי־אוניווערסיטעט. ער האָט געשריבן גאָר פיינע פילאָזאָפיש־פּאָעטישע לידער אין ענגליש און מיר האָבן זיך צוגעכאַפּט איינעם צום צווייטן ווי פון גאָט געשיקט אין אַזאַ העק.

אויך ער האָט געהאַט אַ גאַלאַנטעריי־קראָם. איך האָב זיך גוט אויסגעטויגט צו שרייבן די פרייזן אויף קאַרטאָן־קאַרטלעך, אַרויסצושטעלן אין די שוי־פענצטער. ער, ווידער, האָט בעסער פון מיר געקענט „אויסשטעלן" אַ פענצטער. האָבן מיר, „קאָנקורענטן" איינער דעם צווייטן זיך אַרויסגעהאָלפן. געשלאָפן זיינען מיר, אָדער איך ביי אים, אָדער ער ביי מיר אין קראָם. נאָר עס רעדט זיך אַזוי „געשלאָפן", ווו האָט זיך עס ביי אונדז געגומען אַזוי פיל רייד? מיר האָבן געקענט אַוועקשמועסן ביז צווי פאַר טאָג, זיך אָנטאָן און ערשט אַוועק אין אַ רעסטאָראַן כאַפּן אַ קיי. ער איז געווען זייער באַהאַוונט אין דער אַלטער פילאָזאָפישער ליטעראַ־טור, אין דער ענגלישער פּאָעזיע פון ניינצטן יאָרהונדערט, און בכלל אין דער ענגלישער ליטעראַטור. איך האָב פון אים זייער, זייער פיל געלערנט.

אַ פּאַרטי אין אַ שבת־בייטאָג

איין מאָל קומט אַריין אַ קונה, קויפט אַ פּאָר קליייניקייטן, און פרעגט אויב איך גיי צו דער „פּאַרטי".

— וואָס פאַר אַ פּאַרטי אין מיטן דרינען, און בייטאָג?

— מיר גייען לינטשן דריי „ניגערס", — ענטפערט ער און רייבט זיך אַזש די הענט.

דאָס דערהערט, האָב איך אויפגעשוידערט. אַזוי ווי עס איז געווען אַ שבת־בייטאָג און איך האָב אַליין ניט געקענט גיין, האָב איך געשיקט אַ יידישן בחור, וואָס האָט ביי מיר געאַרבעט, צו זען וואָס עס קומט דאָרט פאָר.

דאָס איז אַזוי געווען: דעם זעלבן טאָג אין דער פרי האָט מען אין אַ וועלדל, וואָס פירט צום שטאָט, געפונען דעם טויטן קערפּער פון אַ יונגער ווייסער פרוי, וואָס איז פאַרגוואַלדיקט און זייער ברוטאַל דערמאָר־דעט געוואָרן. עמעצער האָט באַמערקט, אַז ער האָט געזען יענעם פרימאָרגן דריי שוואַרצע דורכגיין ניט ווייט פון יענעם פּלאַץ. מען האָט זיי געכאַפּט. דאָס זיינען געווען „קאָטאָן־פּיקערס", צוויי שוואַרצע מענער, איינער פון זיי מיט אַ זון פון אַ יאָר זעכצן. זיי האָבן געטראָגן קאָטן־זעק אויף זייערע פּלייצעס און געגאַנגען זוכן אַרבעט. אַזוי האָבן זיי געטענהט צום מאָב (המון). זיי האָבן געשווירן, אַז זיי זיינען גאָר געגאַנגען דורך אַן אַנדער וועג דורכן וועלדל און אַז זיי האָבן קיין שום פרוי אין די אויגן ניט געזען. און ווי קענט איר גאָר גלויבן, אַז אַ פאָטער וועט פאַרגוואַל־דיקן אַ פרוי אין דער אָנוועזנהייט פון זיין זון? אָבער עס האָט ניט געהאָלפן זייער טענהן, מען האָט זיי אַזוי געשלאָגן און געמאַטערט ביז איינער פון זיי האָט זיך „מודה געווען". מען האָט זיי אַלע דריי צוגעשמידט צו אַ גרויסן, שווערן אַקעראייזן, זיי באַגאָסן מיט נאַפט פון אַ דערבייאיקן נאַפט־קוואַל, און זיי אונטערגעצונדן. איינער פון זיי איז געפאַלן אויף די קני און געבעטן רחמים, אָבער דער המון האָט ווילד געלאַכט. דער

יונגער שוואַרצער האָט זיך איינגעקלאַמערט אין זיין הילפלאָזן פאָטער און געשריען מיט ניט קיין מענטשלעכע קולות. דער פאָטער האָט אים שטאַרק צוגעדריקט צו זיך. און אַזוי איז ער מיטן זון אַוועקגעפאַלן אין די פלאַמען.

דער שמיד, וואָס האָט זיי צוגעשמידט צום אַקער, האָט אויספאַרקויפט אַלס סוווערנירס אַלע רינגען פון קייט, צו פופציק סענט אַ רינג. זונטיק אין דער פרי בין איך צוגעפאָרן צום פלאַץ, וווּ דער לינטש איז פאָרגעקומען. דער אַקער איז געווען פאַרסמאַליעט ווי מיט שוואַרצן פעך. די ערד אַרום דעם אַקער, אין א דיאַמעטער פון אַרום צען פוס, איז געווען פאַרסמאַליעט פון העלישן פייער און האָט געשמעקט מיט פאַרברענטן פלייש. דריי ווייסע מענער זיינען צוגעפאָרן אין אַן אויטאָמאָביל און צוגעגאַנגען צום אָרט ווו איך בין געשטאַנען. איינער פון זיי האָט גראָבנדיק מיט די נעגל די ערד, אָפּגעזוכט דריי שטיקלעך ביינדלעך. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט יעדעס שטיקל ביינדל אַ נאָמען געבן נאָך יעדן „ניגער" און זיי האַלטן פאַר אַ סוווענער!

אוודאי האָט דער שעריף געשיקט „זיינע מענטשן" אויספאָרשן ווער די לינטשערס זיינען געווען. אָבער אַזוי ווי דאָרט האָבן זיך געפונען נישט מער ווי פינף הונדערט מענטשן, און דערצו נאָך דריי דעם זייגער בייטאָג, האָט קיינער גאָרניט געזען און געהערט, און דערמיט האָט זיך דער ענין געענדיקט.

כמעט יעדן אין דער פרי האָט מען געפונען אין די הינטערגעסלעך, אָדער הינטער אַ קראָם, איינעם אָדער אַ פאָר טויטע, וואָס די „היידזשעקער" (רויבער) האָבן „צורעכט געמאַכט" דורך דער נאַכט. די אָרטיקע פּאָליציי האָט אָדער ניט געוואָלט, אָדער ניט געקענט זיך ספּראַווען מיט די פאַרברע־כער פון כל הסאָרטן. זיינען, ווי געווייינטלעך, געקומען די באַרימטע „טעקסאַס רענדזשערס". דאָס זיינען געווען ביטערע יונגען, זיי אונטערקויפן איז געווען אוממעגלעך און די אונטערוועלט האָט גלייך געמוזט אויסטרי־קענען. כמעט אַלע, וואָס האָבן געטראַכט צו מאַכן געשעפט מיט אָט דעם עלעמענט, האָבן אויך געמוזט זוכן אַ נייעם פּלאַץ. און דער נייער פּלאַץ איז געווען: מאַרגער, טעקסאַס.

מאַרגער

דאָ האָט זיך געעפנט אַ ניי נאַפט־פעלד אויף אַ גאַר גרויסן מאַסשטאַב. אהער זיינען זיך אַנגעלאָפן מענטשן פון אַלע טיילן טעקסאַס, אָקלאַהאָמאַ, און אפילו פון קענזאַס. איידער דאָס נאַפט־פעלד איז אַנטדעקט געוואָרן, איז דאָ געווען אַן אומגעהויער גרויסער פרעירי אויף מיילן און מיילן אַרום. דאָ און דאָרט האָט זיך געפונען אַן אָרעמער פאַרמער, וואָס איז געווען פאַרמשכנט אין באַנק ביז אַריבער די אויערן. דאָס איז געווען שוין צייט, און ס׳איז באמת געווען אַ האַרץ־ווייטיק צו זען ווי גאַנצע פעלדער מיט ווייץ, קאָרן, האָבער און אַנדערע פאַרשידענע תבואות, זיינען צעמאָלן געוואָרן אונטער די רעדער פון אויטאָמאָבילן און לאַסט־וואַגנס. אָרעמע פאַרמערס זיינען איבער נאַכט געוואָרן מיליאָנערן, און זיי איז אפילו אין זינען ניט געלעגן אַראָפצונעמען די תבואה פון די פעלדער. די ערד האָט ווי געקרעכצט אונטער די רעדער פון די לאַסט־אויטאָס. אין גאַר אַ קורצער צייט איז דאָ געוואָרן אַן אָנגעלויף פון אַ צען טויזנט מענטשן.

איך בין געווען איינער פון די גאַר ערשטע, וואָס זיינען אַהער געקומען. עס איז ניט געווען אַזאַ זאַך ווי אַ גאַס. ווו וועמען עס איז איינגע־פאַלן, האָט פון ברעטער אויפגעקלאַפּט אַ „געביידע״. און אַריין אין ביזנעס, און איך אויך בתוכם...

ביסלעכוויז האָט זיך גענומען פאָרמירן אַ שטעטל. עס זיינען שוין אפילו אויסגעבויט געוואָרן עטלעכע שטיינערנע געביידעס. אין איינער פון זיי האָב איך זיך אריינגעצויגן און געצאָלט צוויי הונדערט און פופציק דאָלאַר אַ חודש דירה־געלט.

דאָס שטעטל האָט מען אַ נאָמען געגעבן „מאַרגער״. מאַרגער איז געווען אין „האַרץ״ פון „פענהענדל״, טעקסאַס, ניט ווייט פון דער היפּשלעכער שטאָט „אַמאַרילאָ״ און אויך ניט ווייט פון דער אָקלאַהאָמאַ־גרענעץ. אַהער זענען אָנגעקומען אַ פּאָר רעוואָלווערן־העלדן פון אָקלאַהאָמאַ. איינער האָט זיך פּראָקלאַמירט אַלץ מעיאָר און דער צווייטער — טשיף־אָף־פּאָליס. ביידע

זיינען זיי אין אָקלאַהאָמאַ געווען באַשולדיקט אין מאָרד. זיי האָבן געדאַרפט האָבן געלט אויסצוקויפן זיך פון זייערע זינד. קיין בעסער אָרט פון מאָרגער האָבן זיי זיכער ניט געקענט געפינען... זיי האָבן שוין אָנגעשטעלט זייערע „דעפּיוטיס"־פּאָליציאַנטן, און מיר האָבן שוין געהאַט אין מאָרגער אַ „פּאָליציי־דעפּאַרטמענט". זיי האָבן אַרויפגעלייגט אַ שטייער אויף יעדן געשעפט, וואָס האָט זיך געפונען אין מאָרגער, און חוץ מזה, האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט אַרעסטירן מענטשן און איינמאָנען פון זיי שטראָף.

זיי גייען אַריין אין אַ נעגערס געצעלט. — „ניגער" וואָס טוסטו דאָ מיט אָט דער פרוי?

— דאָס איז מיין פרוי — ענטפערט דער נעגער. — אָט איז מיין הייראַט־סערטיפיקאַט.

— דיין פרוי, האַ? וועסט עס זאָגן דעם דזשאַדזש (ריכטער). — דער נעגער האָט געמוזט באַצאָלן צוואַנציק דאָלאַר „פיין" (שטראָף).

אָט האָבן זיי געפונען אַ „דרילער" ליגן אין אַ רינשטאָק ביי דער זייט פון גאַס און אים אַרעסטירט פאַר שיכרות.

— איך בין ניט שיכור — האָט ער געטענהט — עמעצער האָט מיר אַ זעץ געגעבן אין קאָפּ און מיך באַראַבעוועט.

זיין טענהן האָט אָבער ניט געהאָלפן, מען האָט אים אַוועקגעפירט אין „דזשייל" און ער מוז צאָלן שטראָף.

דער „דזשייל" איז געווען אויפגעקלאַפּט פון ברעטער, אַזוי אַז אפילו אַ קינד וואָלט געקענט אַרויסשטופן אַ ברעט און אַנטלויפן, איז דאָרט אָבער געווען אַ לאַנגע קייט. ביידע עקן פון דער קייט זיינען געווען איינגעפעסטיקט אין צעמענט. פון דער קייט האָבן זיך געצויגן קליינע קייטלעך, וואָס האָבן איינגעשלאָסן דעם אַרעסטירטנס פוס און ער האָט אַזוי געמוזט ליגן אויפן דיל.

די האָלדאַפּניקעס האָבן אויסגעליידיקט דעם דרילערס קעשענעס, אָבער זיי האָבן ניט באַמערקט אַ טשעק, וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט. ווען ער איז אָפּגעזעסן אַ טאָג און מען האָט אים ניט אַרויסגעלאָזט, האָט ער געזאָגט: איך האָב ביי זיך אַ טשעק פון דער נאַפט־קאָמפּאַני, וווּ איך אַרבעט, נעמט מיך צום „דזשו סטאָר" (יידנס קראָם), איך וועל ביי אים אויסבייטן דעם טשעק און באַצאָלן, וואָס איר פאָדערט פון מיר.

דער „דזשייל" איז געווען אין גאַנצן אויף אַ מרחק פון צוויי קורצע

בלאָקן פון מיין קראָם. אַ „דעפּיוטי" האָט אים אַריינגעבראַכט און איך האָב אים אויסגעביטן זיין טשעק. דער מאַן האָט זיי באַצאָלט „פיין" און דעם „דעפּיוטי" האָט ער נאָך געמוזט געבן פינף דאָלאַר פאַר ברענגען אים צו מיר אין קראָם.

*

און ווער איז דאָס געווען דער ריכטער, וואָס האָט דאָרט געמשפּט די פאַרברעכער? וועבער איז געווען זיין נאָמען. אַ קורץ־געוואוקסיקער, פעסט־געבויטער מאַן, מיט אַ רויט־בלוילעכער גראָבער נאָז, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז דער באַלעבאָס פון דער דאָזיקער נאָז, טרינקט ניט פון קיין גלעזל, נאָר פון אַ גלאָז. ער האָט פאַרקויפט לאָטס, האָב איך ביי אים געקויפט אַ לאָט און אַזוי האָב איך זיך מיט אים באַקענט. אַז ביי מיר געפינט זיך תּמיד אַ פלעשל יין שרף האָט ער געוווּסט, איז ער געוואָרן מיינער אַ גוטער־פריינד און ער פלעגט זייער אָפט אריינקומען געוויר ווערן וואָס איך מאַך... ער איז געווען „פּאַניע־בראַט" מיטן „מעיאָר" און מיטן „טשיף אָף פּאָליס", און זיי האָבן אים באַשטימט פאַרן „דזשאַדזש" (ריכטער).

איין מאָל קומט צו מיר מיינער אַ גוטער־פריינד, אַ קריסטלעכער פעדלער, און זאָגט:

— סעם, איך בין אין טראָבל! (עגמת־נפש). עמעצער האָט אָנגעגעבן אַן אָנקלאָגע אויף מיר און דזשאַדזש וועבער וויל מיר אַרעסטירן, אויב איך לייג גלייך ניט איין פינף און צוואַנציק דאָלאַר בעיל (קויציע), און איך האָב עס ניט. דו ביסט דאָך מיטן דזשאַדזש אויסגעבונדן, טו זשע עפּעס פאַר מיר.

איך בין אַוועק צו „מיין פריינד" און האָט אים דערציילט אין וואָס עס האַנדלט זיך: אַז מיין פריינד לואי ענדערסאָן איז אַן אָרעמער פעדלער און ער האָט ניט די פינף און צוואַנציק דאָלאַר אויף קויציע. זאָל ער אים לאָזן צו רו.

— זאָגסטו מיר צו, אַז דיין פריינד וועט קומען אין געריכט צו דער באַשטימטער צייט?

— יאָ — זאָג איך — מעגסט מיר גלויבן אויפן וואָרט. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ: איך וויל דיך זייער בעטן, אַז מיין פריינד זאָל ניט פאַרשפּילן אין געריכט.

— אָלרייט — זאָגט ער — דו קום מיט אים אין געריכט און זעץ

זיך אויף דער ערשטער באַנק. ווען איך וועל אויסרופן זיין נאָמען, זאָלסטו זיך געבן אַ הייב אויף און זיך צוריק אַוועקזעצן.

אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן. ווען ביידע צדדים האָבן אָפּגערעדט, זאָגט דער ריכטער: די אָנקלאַגע האָט קיין שום גרונט ניט, „קעיס דיסמיסט".

— אָבער, יור האָנאָר, — וויל דער אָנקלאָגער עפּעס זאָגן. מיין דזשאַדזש גיט אויף אים אַ געשריי: האָסט ניט געהערט? „קעיס דיסמיסט" האָב איך געזאָגט! ווילסט נאָך זיין באַשולדיקט אין „קאָנטעמפּט אָוו קאָורט"? (באַליידיקן דאָס געריכט).

עס איז געווען „פּראָהיבישאָן־צייט" אָבער ווו צו כאַפּן אַ שנעפּסל איז ניט שווער אָנגעקומען. שנאַפּס איז פאַרקויפט געוואָרן פראַנק און פריי אין אָפענע לאָקאַלן. אָבער די לאָקאַל־אייגנטימער האָבן געמוזט קויפן זייער משקה פון פּאָליציי־דעפּאַרטמענט, אַז ניט, וואָלטן זיי ניט געקענט פירן די ביזנעס אפילו אַ האַלבן טאָג... דאָ זיינען אויך געווען צוויי האַזאַרד־הייזער און טאַנץ־זאַלן. און האַזאַרד־שפּיל איז געווען פאַרבאָטן אין טעקסאַס, אָבער ניט אין מאַרגער. מען האָט דאָ געשמאַק „געריבן אַ קערטל" ביי גרינע טישן און געדרייט דאָס רולעטקע־רעדל ביז שפּעט אין דער נאַכט. אין דער הויך אין אַביידל איז געזעסן אַ פּאָליציאַנט מיט אַ מאַשין־ביקס און געקוקט דורך אַ שפּאַרונע, אַז די שפּילערס זאָל, חלילה, קיין עין־הרע ניט שאַטן. נאָכן פאַרשליסן די האַזאַרד־הייזער, פלעגן צוויי פּאָליציאַנטן, מיט רעוואָלווערן אין די הענט, באַגלייטן די אייגנטימער אהיים — אויך מסתמא צוליב אַ גוט־אויג...

איך גיב דאָ אַ ליד, וואָס איך האָב אָנגעשריבן וועגן מארגער נאַפּט־פעלד. ס'איז געווען זייער אַ הייסער פאַרנאַכט. איך בין געזעסן אויף אַ שטול פאַר דער קראָם און אָבסערווירט דעם גאַנצן אַרום, דעם פאַרביי־גייענדיקן עולם. צווישן דעם עולם האָבן זיך געזען צוויי בעטלערס, וואָס זיינען געגאַנגען און געזונגען אַ ליד.

אַ בילד פון אַ נאַפט־פעלד אין טעקסאַס

נאַכט —
שאָטנס שווארצע שפרייטן זיך אין גאַסן,
שפרייטן זיך אין הארצן טיף.
עס הערט זיך פון דער ווייט
דאָס סאָפּען פון די קעסלען,
וואָס טרייבן ריזיק־שטאָלענע עגבערס
אין דער ערדס געדערעס־טיף.
קוואַלט פון דאָרט דאָס גרינע פליסיק גאָלד,
אין רערן,
אויסגעמישט מיט מענטשנס בלוט און שוויים.
און די מיט ליכט־באַדעקטע „דעריקס"
אויסגעשפרייט אויף מיילן ווייט,
ווי טויזנטער ריזן־אויגן,
שטעכן דורך די טיפקייט פון דער נאַכט.
דאָ, אויף טראָטוארן —
מענגעס גאַנצע שפּאַרן זיך
ווי אַ סטייע היישעריקן
אָנגעלאָפן פון אַ הונגער־לאַנד.
נעכטן ערשט —
אַ גרין באַוואָקסן פעלד געווען,
היינט —
ווי דורך אַ שווארץ־כשוף,
ביידלעך, „הייזלעך", קרעמלעך אויסגעוואָקסן.
קומען ארבעטער און בייטן
שווער־פאַרהאָרעוועטע פּראַצע
אויף סלאָט־מאַשינען, „ווייב" און וויין.
דער האַנדל ברענט,
עס גייט דאָ אַלץ אין קאָן,
— אַן „אויל בום".
„דרילערס" ברודיקע און מידע,

מיט נאַפּט פאַרשמירטע פּנימער און קליידער;
פרויען מיטליאַריקע
און גאָר יונגע,
כמעט קינדער,
מיט אויגן און באַוועגונגען
וואָס שרייען: „צום פּאַרקויף״, —
ציען זיך אויף מאַרגער „פּראָמענאַדע״.
און אין אָט דעם געדראַנג,
שאַרן זיך מיט טריט ניט זיכערע
צוויי בלינדע,
מאַן און ווייב.
ער, מיט אַ גיטאַרע,
זי, אַ קווערטל טראָגט פאַרויס,
און כריפּען אין דער וויסטער נאַכט אַריין:
„ווהען יו ענד אַי, וואָס יאַונג, מעגי״,
(ווען דו און איך זיינען יונג געווען, מעגי)
און דער עולם וואַרפט אין קווערטל
גראָשנס פּאַר אַ ניט געלעבטן לעבן,
און פאַר אויגן אויסגעלאָשענע —
מטבעות.
מישט זיך אוים דאָס כריפּן זייערס
מיט דעם סאָפּען פון די קעסלען,
מיט דעם רוישן פון די דרילן,
ברענגענדיק מיליאָנען
פאַר יחידים —
פון דער טיפענייש אַרוים.

✶

געווען איז אין מאַרגער איינער מאחינו, וואָס האָט געמאַכט געלט פון גאָר ניט קיין זויבערע קוואַלן. איך וועל בעסער ניט אָנרופן זיין נאָמען. אויף ימים נוראים האָט ער מיט זיין שאַנד־באַפלעקט געלט געעפנט אַ שול, אַראָפּגעבראַכט אַ חזן און אַ ספר תורה פון פאָרט־וואָרט. ער איז זיכער

געווען אַז עס וועט זיין אַ גוטע ביזנעס: וועלכער ייד וועט ניט אויסגעבן פינף און צוואַנציק דאָלאַר און גיין ראש השנה און יום כפור אין אַ שול? און מען איז טאַקע געגאַנגען!

דאָס איז געווען אַ חברה־מאַן, וואָס האָט אפילו פאַר קיין האָלד־אַפּניקעס קיין מורא ניט געהאַט. ער האָט זיך באַרימט, אַז ער אַליין געהערט צו דער „פרענדער־געסט גענג" פון קענזאַס סיטי. ער איז געקומען אויך צו מיר, מיך איינלאַדן צו גיין צו אים אין „שול" אין די ימים נוראים. „איך וועל אייך געבן אַן ענטפער אין אַ פּאָר טעג אַרום" — האָב איך אים געזאָגט. און ווען ער איז געקומען נאָך מיין ענטפער, האָב איך פאַר אים איבער־געלייענט אָט די שורות, וואָס איך האָב אָנגעשריבן:

נאָך די נביאים

און געזאָגט האָט גאָט צו מיר אַזוי:
צו די זינדער פון מיין פאָלק גיי
און אין מיין נאָמען רעד צו זיי:
איר, וואָס אַלע טעג פון יאָר,
מיין נאָמען מאַכט צו שאַנד,
מיט בלוט באַפלעקט איז אייער האַנט,
דאָס הויז וואָס איז מיט זונות פול,
יום־כיפור מאַכט איר פאַר אַ שול,
און מיט מיין תורה אין דער האַנט,
פאַרדעקן ווילט איר אייער שאַנד?
געזונקענע אין רויב און זנות,
זאָגט, דורך וועלכן זכות
זאָל איך מיין אויער צו אייך קערן,
די פאַלשע תפילות אייערע צו הערן?
און ווי אַ בלאַט געוויגט אין ווינט,
וועט דורך אָט די שווערע זינד
די תפילות אייערע אין הויכן
פון מיינע הימלען ניט דערגרייכן,
— די רייד פון גאָט.

ער איז רויט געוואָרן, ווי דאָס גאַנצע בלוט וואָלט אים אַריין אין פּנים; אַ ווײַסער שוים האָט אַרויסגעשלאָגן אַרום די ווינקלען פון זיין מויל. ער האָט אַ זעץ געטאָן מיט דער טיר, אַז ער האָט שיער דאָס גלאָז צעבראָכן און ער איז אַרויסגעלאָפן פון קראָם. ער האָט אָבער שפּעטער זיך אָפּגערעכנט מיט מיר.

ווען די „טעקסאַס רענדזשערס״ זיינען ווי געווינטלעך אַרייַנגעקומען מאַכן אָרדענונג אין שטעטל, און „חברה״ האָט גענומען לויפן פון שטאָט ווי די שטשורעס פון אַ ברענענדיקער שיף, איז ער אַריין אין מיין קראָם „פונקט״ ווען איך בין ניט געווען, זיך „איינגעהאַנדלט״ וואַליזעס און קליידער אויף איבער הונדערט דאָלאַר און — והילד איננו. ער איז נעלם געוואָרן...

אוודאי זיינען דאָ פאָרגעקומען די זעלבע פאַרברעכנס, מאָרדן און האַלדאָפּס, אָבער אין אַ גרעסערער מאָס ווי בעת מיינע פריערדיקע דערפאַ־רונגען אין די נאַפט־פעלדער. וועגן איין האַלדאָפּ כאַטש איז כדאי צו דערציילן, כדי צו געבן אַ באַגריף ווי אַזוי די באַפעלקערונג איז געווען „געשיצט״ פון דער פּאָליציי:

אַ דרילער האָט אָפּגעגעסן זיין וואונטערבערויט אין אַ רעסטאָראַן און באַצאָלנדיק דעם קאַסירער, אַרויסגענומען אַ היפּש פּעקל פּאַפּיר־געלט פון קעשענע. באַצאָלט און אַוועק. אָפּגייענדיק אַ שטיקל וועג, זענען צוויי רויבער אים באַפאַלן און האָבן אים באַרויבט.

דער דרילער איז אָבער געווען איינער פון די, וואָס לאָזט זיך ניט שפּייען אין דער קאַשע. מיט אַ פּאָר וואונטן שפּעטער איז ער ווידער געקומען אין זעלבן רעסטאָראַן און בכיוון אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פּעקל מיט געלט, אַז אַלע זאָלן עס קענען זען. ער איז אַרויס פון רעסטאָראַן און ווי עס איז געווען צו דערוואַרטן, זענען אים די זעלבע רויבער נאָכגעגאַנגען, אָבער דאָס מאָל האָט ער געהאַט אין קעשענע אַ רעוואָלווער. ווי נאָר זיי האָבן אים געוואָלט אָפּשטעלן, האָט ער גלייך אויסגעשאָסן, איינעם האָט ער געטראָפן אין פוס און דעם צווייטן האָט ער דורכגעשאָסן דעם האַלדז. דער פאַרוווּנדעטער אין פוס איז אַנטלאָפן, דער ערנסטער פאַרוווּנדעטער איז אַוועקגעפאַלן. מען האָט אים געבראַכט אין דער „דזשייל״, וואָס איך האָב פריער באַשריבן, אים צוגעשמידט צו דער קייט און מענטשן זיינען געגאַנגען אים אָנקוקן ווי אַ בייז ווונדער.

נו, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער רעוואָלווער מיט וועלכן דער האָלדאָפּניק האָט זיך באַנוצט, האָט געהערט צו אַ „דעפּיוטי שעריף“. ווען דאָס איז באַוווּסט געוואָרן, איז דער שעריף אַנטלאָפן פון שטאָט...

אַ ניי נאַפט־פעלד האָט זיך געעפנט ניט זייער ווייט פון דאַנען. דאָרט האָט מען ניט געדאַרפט עגבערן אַזוי טיף. דער נאַפט איז אויך געווען פון אַ בעסערער קוואַליטעט, און מיטן אָנקומען פון די „טעקסאַס רענדזשערס“, האָבן זיך אַלע אַ לאָז געטאָן אַהין, והעיר מאָרגער נבוכה. עס איז געוואָרן אַ טויטע שטאָט.

ויסעו ממאַרגער, ויחנו בענסאָן

פון די צוויי הונדערט און פופציק דאָלאַר אַ חודש רענט, וואָס איך האָב געצאָלט, האָט שוין מיין לענדלאָרד אַראָפּגעלאָזט ביז פינף און זעכציק. איך האָב אָפּגעזאָגט די צוויי מיידלעך, וואָס האָבן ביי מיר געאַרבעט, אָבער עס האָט גאָרניט געהאָלפן.

איבער דער גאַנצער ברייט פון מיין גרויסן שופּענצטער איז געווען אַן אויפשריפט: שטענדיק „ביזי״, ווייל די פרייזן זיינען ריכטיקע. האָב איך שוין מער אויף דער אויפשריפט ניט געקענט קוקן און מיט אַ ראַזיר־מעסערל זי אַראָפּגעקראַצט, אָבער דאָס האָט אויך ניט געהאָלפן...

מער פאַרבלייבן דאָ האָט קיין זין ניט געהאַט, האָב איך פאַרפּאַקט מיין ביסל פאַרמעגן אין קאַסטנס, געדונגען אַ טראָק און בחצי הלילה פאַרלאָזט מאַרגער אין דער ריכטונג פון ענסאָן, טעקסאַס.

✶

אויס נאַפט־פעלדער. איך האָב באַשלאָסן צו באַזעצן זיך אין אַ שטיל קליין שטעטל. איך בין געפאָרן מיט מיין טראָק־טרייבער. ער מיטן טראָק, איך — אין מיין אויטאָמאָביל. אַרום דריי אזייגער פאַרטאָג האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ רעסטאָראַן אין סטעמפאָרד, אַ שטעטל אַרום פופצן מייל פון ענסאָן. דאַרף גראָד דער טייוול אָנטראָגן אַ דעפּיוטי־שעריף און ער זאָל דערזען ביי מיין טראָק־טרייבער אַ רעוואָלווער אין גאַרטל.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט אים דער דעפּיוטי־שעריף.

— איט איינט נאָ באַנאַנאַ — ענטפערט ער — דאָס הייסט: ס׳איז ניט קיין באַנאַנע.

— פון וואַנען און וווהין פאָרט איר — פרעגט ער ווידער.

— פון מאַרגער קיין ענסאָן.

— פון מאַרגער, הע? איז מוזט אוודאי זיין פון יענער חברה, וואָס אַנטלויפט פון די „טעקסאַס רענדזשערס״. דאָס שטעטל מאַרגער האָט געשמט אין דער גאַנצער אומגעגנט פאַר אַן אמתער סדום.

איך האָב אים דערקלערט, אַז מיר זיינען אַנשטענדיקע מענטשן, אַז איך בין אַ געשעפטס־מענטש, אים אפילו געוויזן אַ קבלה אויפן רענט, וואָס איך האָב באַצאָלט פאַר אַ קראָם און, אַז דער טראָק פירט עס מיין סחורה קיין ענסאָן.

— דערציייל עס דיין באָבע — און ער נעמט צו ביי מיין טראָק־טרייבער דעם רעוואָלוער. מיין רעוואָלווער האָט ער ניט געזען. ער האָט אונדז פון דעםטוועגן ניט פאַרהאַלטן און אונדז געלאָזט ממשיך זיין די רייזע. מאָרגן אין דער פרי וועט ער אונדז אָפּשטאָטן אַ וויזיט.

באַלד אין דער פרי בין איך אַוועק צום שעריף און אים דערציילט, אַז איך בין אַן אָנשטענדיקער בירגער, אַז איך באַזעץ זיך דאָ אין שטאָט פירן מסחר; אַז איך בין אַ מייסאָן, און אַז זיינער אַ דעפּיוטי אין סטעמפּאָרד האָט אונדז אומגעזעצלעך פאַרהאַלטן און צוגענומען ביי מיין טרייבער דעם רעוואָלווער. דער שעריף האָט גלייך געשיקט נאָכן דעפּיוטי און אים גוט אָנגעזידלט:

— ווייסטו דען ניט, דו נאַרישער קאָפּ, אַז אויב מען פירט סחורה אויף אַ שטרעקע פון איבער הונדערט מייל, איז דערלויבט צו טראָגן געווער?

אין ענסאָן זיינען געווען צוויי יידישע דרייגודס־סטאָרס. דער אייגנטי־מער פון איין סטאָר איז געווען מיסטער הײדהײמער, אַ דייטשער יאַהוד, און ער האָט זיך געהאַלטן ווי אַ יאַהודי: „ווייס ווער דו ביסט, און ווער איך בין". דער צווייטער — אייב בראָשטיין, איז געווען אַ צוגעלאָזטער מענטש און אַ פּשוטער „חי וקים". די מענטשן אין שטעטל, איבערהויפּט די פאַרמערס, האָבן אים זייער ליב געהאַט. זיין קראָם איז געווען איבערגע־פּאַקט מיט סחורה בוכשטעבלעך פון דיל ביזן סופיט, און וויפל אָנגעשטעלטע ער האָט געהאַט, האָבן דאָך די מערסטע קונים געוואָלט באַהאַנדלט ווערן נאָר פון אים אַליין.

— ביי מיר האָט איין מאָל אָנגעהויבן אַרבעטן אַ בוכהאַלטער — דערציילט ער מיר — זאָגט מיר דער בוכהאַלטער, אַז איך פיר מיינע געשעפטן ניט ריכטיק; איך דאַרף צורעכענען פינף און דרייסיק פּראָצענט צום קאָסטן־פּרייז, האָב איך אים געענטפערט, דעם ממזר, וואָס דאַרף איך וויסן פון פּראָצענטער? אַ פּאָר שטיוול קאָסט מיר זעקס דאָלאַר און איך פאַרקויף זיי פאַר זיבן פופציק. אויב איך פאַרקויף צען פּאָר אין טאָג,

פאַרדין איך פופצן דאָלאַר, און אַזוי אויך מיט די איבעריקע זאַכן. איך פאַרקויף טאַקע ביליק, אָבער אַ סך, און איך לייג ניט צו. דער קונה קריגט אַ מציאה, און אויך איך בין צופרידן.

איך בין איינגעשטאַנען ביי מיסטער און מרס. פּ. א. אַרנאָלד. זיי זיינען געווען אַן עלטער פּאָרפאָלק און זייער ליבע מענטשן. הגם איך בין ביי זיי בלויז איינגעשטאַנען אויף קוואַרטיר, האָב איך דאָך יעדן זונטיק געמוזט מיט זיי עסן פרישטיק.

מיסטער אַרנאָלד איז געווען אַ כמו לאָיער (אַדוואָקאַט), ווען עמעצער האָט געדאַרפט גיין אין געריכט און געפילט, אַז ער אַליין קען זיך ניט אויסטענהן, פלעגט מען בעטן דעם מיסטער אַרנאָלד, אַז ער זאָל גיין און רעדן. איז ער אַזוי לאַנג געגאַנגען רעדן פאַר יענעם, ביז ער אַליין און די ריכטער אין שטאָט האָבן אָנגעהויבן גלייבן, אַז ער איז טאַקע אַ לאָיער...

מיסטער אַרנאָלד איז געווען זייער אַ רעליגיעזער מענטש, אַן דער „ביבל" האָט ער זיך ניט גערירט פון אָרט. אַ נעגער האָט ער אָבער געהאַסט ווי אַ פּעסט.

— מיסטער אַרנאָלד — זאָג איך — איר זענט דאָך רעליגיעז און איר גלייבט אַזוי אין דער ביבל. און די ערשטע זאַך, וואָס די ביבל לערנט איז דאָך ליב צו האָבן דעם שכן ווי זיך אַליין.

— סעם — גיט ער אַ גלעט זיינע פון קיי־טאַבאַק פאַרגעלטע וואָנצעס — „בלעססעד בי יור סאָל" (געבענטשט זאָל זיין דיין נשמה), ווען די ביבל רעדט וועגן ליב האָבן דיין שכן, רעדט זי וועגן מענטשן, וואָס האָבן אַ נשמה, אָבער אַ „ניגער" האָט דאָך ניט קיין נשמה. דער „לאָרד" (גאָט) האָט באַשאַפן דעם „ניגער" אַלס אַ לאַסט־חיה אויף צו באַדינען דעם ווייסן מענטש.

אַזאַ אויסטייטש האָב איך, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט אָננעמען. עס פלעגט זיך צווישן אונדז פאַרפירן אַ היציקער שמועס. די גוטע מיסעס אַרנאָלד פלעגט גלייך זיך אַריינמישן: „פּליז, סעם, איך בעט אייך, דיסקוטירט ניט וועגן אַזעלכע ענינים". און מיסטער אַרנאָלד האָט געזאָגט: סעם, ביסט אַ ווילער יונג, וואָרן איך דיך: האַלט דיין צונג צווישן די ציין, אַזאַ חכם ווי דו האָט מען דאָ איין מאָל געגעבן אַ באַד אָפּ אין סמאָלע,

אים אויסגעפּוצט אין פעדערן און אַ נאַקעטן, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט, משלח געווען פון שטאָט.

אין די זונטיק-פרימאָרגנס פלעגן מיר גיין צום טייכל כאַפּן פיש. מיסטער אַרנאָלד פלעגט מיר דאַן דערציילן טשעקאָווע מעשׂיות פון „אָלד טעקסאַס״. אַ שאָד וואָס איך האָב די מעשׂיות זיינע ניט פאַרצייכנט, אָדער אריינגענומען זיי גוט אין קאָפּ. דאָס איז באמת געווען אַן אוצר פון אַמעריקאַנער פאָלקלאָר.

אין מעשׂה, וואָס ער האָט מיר דערציילט, געדענקט זיך מיר יאָ: ווי אַזוי „אָלד דזשים״ פאָרט אין „עבעלין״ צו דער באַנק דעפּאָנירן דאָרט אַ טאָפּ גאָלד, וואָס ער האָט איינגעלייזט פון זיין פּלאַנטאַציע. ער באַגעגנט אַ שכן, וואָס פאָרט שוין פון עבעלין. דער שכן פרעגט אים וווהין ער פאָרט, און דזשים ענטפערט אים, אַז ער פאָרט אין באַנק.

— ביסט משוגע? — זאָגט דער שכן — ווייסטו דען ניט, אַז „סעם בעס״ דרייט זיך דאָ אין דער געגנט. ווילסט פאַרלירן דיין גאַנץ פאַרמעגן? (סעם בעס איז געווען באַקאַנט אין דער טעקסאַסער געשיכטע אַלס איינער פון די געוואַגטסטע רויבער).

ווען דזשים האָט עס דערהערט, האָט ער פאַרקערעוועט אין אַ זייט און אונטער אַ בוים באַגראָבן זיין גאָלד.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער געשטאָרבן און דאָס געלט האָט זיך קיין מאָל ניט אָפּגעזוכט. שפּעטער מיט עטלעכע יאָר האָט דייוו דזשאָנסאָן געקריגן אַזאַ צויבערשטעקל, וואָס אַז מען קומט מיט דעם צו נאָענט ווו עס געפינט זיך מעטאַל, הייבט עס זיך אָן צו באַוועגן.

— וועל, סעם, איין מאָל אין אַ זונטיק איז דייוו, און מיט אים, כמעט האַלב ענסאָן, אַוועק צום אָרט, ווו דזשימס יורשים האָבן אים אָנגעוויזן און ער האָט גענומען אַרומפירן מיט זיין שטעקעלע איבער דער ערד. אָבער דאָס צויבער־שטעקעלע שווייגט. מיט אַ מאָל שרייט דזשאָנסאָן אויס: „קיין וווּנדער ניט, וואָס איך קאָן ניט געפינען דאָס גאָלד. די גייסטער ווען שוין דעם סוד ניט אַנטפּלעקן. דאָ געפינט זיך אַן „אינפידעל״ (אומגלויביקער) צווישן אונדז״. און פאַרפאַלן טאַקע, דאָס גאָלד האָט זיך קיין מאָל ניט אָפּגעזוכט...

מאַרגאַרעט

קורץ פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז קיין ענסאָן אָנגעקומען אַ יידישער יונגער מאַן, אַ שוסטער. ער האָט געדונגען אַ קוואַרטיר ביי אַ יונגער אלמנה מיט אַ קליין מיידעלע. עס האָט ניט לאַנג געדויערט, זיי האָבן זיך פאַרליבט און געהייראַט. אין גיכן אָבער איז זי קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. פאַרן טויט האָט זי צוגערופן איר מאַן און אים געזאָגט: „אייב, גיב מיר דיין ערן־וואָרט און שווער מיר, אַז דו וועסט מיין קינד קיינעם ניט אַוועקגעבן, אַז דו וועסט זי אַליין דערציִען". ער האָט איר פאַרזיכערט, אַז ער וועט געטריי אויספילן איר פאַרלאַנג.

די שטאָט־באַלעבאַטים האָבן בשום אופן ניט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז אַ קריסטלעך קינד זאָל דערצויגן ווערן פון אַ ייד. מיט אַלע כוחות האָבן זיי געפּרוווט אַוועקנעמען דאָס מיידעלע פון אים, אָבער ער האָט זי בשום אופן ניט געוואָלט אַוועקגעבן און געטריי געהאַלטן זיין שבועה צו זיין געשטאָרבענער פרוי. ער האָט טאַקע דאָס קינד זייער ליב געהאַט, אָבער ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן איז ער גע„דרעפטעט" (מאָביליזירט) געוואָרן און ער איז צוריק פון דער מלחמה ניט געקומען.

די אַרנאָלדס האָבן שוין געהאַט אַלע זייערע פינף קינדער אויסגעגעבן און כדי אויסצופילן די ליידיקייט אין זייער הויז, און אויך צו האָבן אַ שטיקל הילף, האָבן זיי אַדאָפּטירט די קליינע מאַרגאַרעט.

די אַרנאָלדס, ווי אויך זייערע קינדער, האָבן זי באַהאַנדלט ווי איינע פון זייער פאַמיליע. דאָך איז עפּעס ווי אַ בענקשאַפט, אָדער אומעט געלעגן אויף איר פּנים. ווען איך בין אָנגעקומען צו זיי אין הויז, איז זי גאָר ווי אַן אַנדער קינד געוואָרן. ווער ווייסט — אפשר האָט זי אינסטינקטיוו געפילט, אַז איך האָב עפּעס אַ שייכות מיט איר „דעדי" (פאָטער)? זי האָט זיך זייער „געקלעפּט" צו מיר.

ווי קליין זי איז געווען, האָט זי אין הויז קיינמאָל ניט דערמאָנט

אירע עלטערן, אָבער ווען איך האָב זי גענומען אויף שפּאַציר, אָדער איר געגעבן אַ „ראַיד" (רייזע) אין מיין אויטאָמאָביל, פלעגט זי אָפּט דערמאָנען איר „דעדי", די „סטאָריס" (מעשיות), וואָס ער האָט איר דערציילט, און די שפּילעכלעך וואָס ער פלעגט איר ברענגען.

קיין קליידער פאַר קינדער האָט ביי מיר אין קראָם ניט געפעלט, האָב איך זי באַקליידט ווי אַ קליינע פּרינצעסין. די אַרנאָלדס האָבן דאָס זייער אָפּגעשאַצט און, ווען די גאַנצע פאַמיליע האָט זיך פאַרזאַמלט צוליב עפּעס אַ שמחה, האָב איך געמוזט זיין מיט זיי צוזאַמען. קריסטמעס־צייט איז אויף דער „קריסטמעס־טרי" (קריסטמעס־בוים) געווען אַ מתנה פאַר מיר, אַזוי גוט ווי פאַר אַלע זייערע קינדער און אייניקלעך.

ווינטער ביי נאַכט, מיסטער אַרנאָלד מיט אַ פּאָר פון זיינע „אָלד טיימערס" זיצן אין מיטן שטוב ביי אַן אַנגעגליטן קוילן־אויוון. זיי שמועסן און קייען „טשואינג טאַבעקאָ", זיי שפּייען דאָס אַרויס אַזוי קונציק, אַז זיי טרעפן גלייך אין אַ מיט זאַמד אָנגעפילט קעסטל, וואָס שטייט ביים אויוון. מאַרגאַרעטן שיקט מען אַריינברענגען אַן עמער קוילן. איך וויל ניט, אַז אַ זעקס־יאָריק קינד זאָל אַרויסגיין אַליין ביינאַכט און שלעפּן אַ שווערן עמער מיט קוילן, גיי איך מיט איר און, פאַרשטייט זיך, איך טראָג דעם עמער. זי איז מיר זייער דאַנקבאַר.

ווען איך האָב פאַרלאָזט ענסאָן, האָט מאַרגאַרעט ביטער געוויינט. שוין זייענדיק אין קאַליפאָרניע האָב איך צו איר אין יעדן אירן געבוירן־טאָג געשיקט אַ מתנה.

מיסטער ט. לואיס

ענסאָן איז געווען אַ באַצירק־שטאָט. אויפֿן מאַרק־פּלאַץ איז געשטאַנען דער סיטי־האָל מיט אַ הויכן פּירקאַנטיקן גרויסן זייגער איבער דעם. דאָרטן זיינען געווען דאָס געריכט־הויז און פֿאַרשידענע אַנדערע באַצירק און שטאַטישע אינסטיטוציעס. דאָרטן זיינען אויך געווען געשעפֿט־הייזער, רעסטאָראַנען וכדומה. פֿאַרן שטעטל ענסאָן אַליין וואָלט עס זיכער געווען צו פֿיל, אָבער זיי האָבן באַדינט אַלע רענטשערס און פֿאַרמערס, וועלכע פֿלעגן ברענגען אַהער זייער קאָטאָן (בייוול) און איינקויפֿן עסנוואַרג. קליידער, פֿאַרשידענע אַגריקולטור־מאַשינען, געקויפֿט און פֿאַרקויפֿט אייזלען, פֿערד און בכלל איז וואָס אַ פֿאַרמער־געגנט נייטיקט זיך. האַרבסט־צייט פֿלעגן אַהער קומען אין אַ גרויסער צאָל בייוול־קלייבער מיט זייערע ווייבער און קינדער.

האַרבסט־צייט, און בעיקר ווען דאָס גערעטעניש אויף די פֿעלדער איז גוט געווען, האָט ענסאָן זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ יאַריד, וואָס האָט אַנגעהאַלטן עטלעכע חדשים. און ווען ענסאָן איז פֿול געווען מיט פֿאַרמערס, רענטשערס און „קאָטאָן־פּיקערס״, פֿלעגט אַרויספֿאָרן אויפֿן מאַרק אַ הויך־דעקאָרירטער טראָק מיט „מוזיקאַנטן״ אָנגעטוענע ווי קאָוו־בויס און זיי האָבן געשפּילט אויף בענדזשאָ, גיטאַרע און טאַמבורין. ווען אַרום זיי האָט זיך שוין פֿאַרזאַמלט אַ היפּש געזעמל, האָט זיך באַוויזן דער „פּראָפֿעסאָר״ מיט אַ פּראַנצויזיש בערדל, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגן שוואַרצן סורטוק און אין אַ ווייסן קאַמזויל, מיט אַ צילינדער־הוט און אַ פּאָר „פּענסנע״ צוגעפּעסטיקט צו אַ שוואַרצער לענטע אַרום האַלדז. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פֿלעשל מיט עפּעס אַ גרינער פֿליסיקייט. אין אַ געהויבענעם ענגליש האָט ער געדרשנט פֿאַרן עולם וועגן דעם מעדיציניש ווונדער, וואָס אָט דאָס פֿלעשל האָט אין זיך. עס קען היילן אַ שלעכטן שניט, אַ פֿאַרשטאָפּטן מאָגן, רעוומאַטיזם, קאָפּ־ווייטיק, שלאָפֿלאָזיקייט, מיט איין וואָרט — עס איז ניטאָ אַזאַ חולאת, וואָס אָט דאָס פֿלעשל קאָן ניט אויסהיילן. ס'איז אַפֿילו גוט פֿאַר עקרות.

צום באַדויערן איז ביי אים מער ווי פיר טויז פון אָט דער וווּנדערלעכער מעדיצין ניט געבליבן...

ניט ווייט פון טראָק מיטן פּראָפעסאָר, איז געשטאַנען אַ סאַלווײשאָן־אַרמיי־אָרקעסטער, געשפּילט און געזונגען רעליגיעזע ניגונים. און דער „קעפּטן" פון דער סאַלווײשאָן־אַרמיי האָט געהאַלטן אַ פלאַמפּייערדיקע דרשה, וואָס האָט פאַרשלאָגן דאָס קול פון דעם פּראָפעסאָר:

— ברידער און שוועסטער, האָט איר זיך גערייניקט פון אייערע זינד? זייט איר גרייט צו באַגעגענען דזשיזוסן? ער איז שוין אויפן וועג, ער קומט שוין, האָט חרטה אויף אייערע שווערע זינד, טוט תשובה!

די פאַרמערס און קאָטאָן־פּיקערס, וואָס האָבן אָפּגעאַרבעט אַזאַ שווערן זומער, האָבן אוודאי קיין צייט ניט געהאַט צו זינדיקן, אָבער ווער ווייסט? וואַרפן זיי פון דעסט וועגן מטבעות אין דעם איבערגעקערטן טאַמבורין, וואָס אַ „שוועסטער" אין אַ היטעלע מיט אַ רויטער סטענגע טראָגט אַרום צווישן עולם.

עס פעלן דאָ אויך ניט קיין קעשענע־גנבים, ציגיינער, כישוף־מאַכער. אַן אַקראָבאַט שפּרייט אויס אַ שמוציקע קאָלדרע אויף דער ערד און מאַכט איבער דעם קאָזשעלקעס; אַן איטאַליענער שפּילט צו אויף אַ קאַטערינקע און אַ פּיצל מאַלפּעלע מיט אַ היטעלע אויפן קעפּל, און אַ קליין רויט פאַרטעכל, לויפט אַרום אין אַ ראָד, און דער עולם, איבערהויפּט קינדער, וואַרפן איר פּעניס און פינאַטס. דאָס אָרעמע מאַלפּעלע ווייסט נעבעך ניט וואָס צו כאַפּן פריער, די פּעניס צי די פינאַטס... מיט איין וואָרט — אַ יאַריד. צווישן אָט דעם אָנגעלויף איז געווען איינער אַ מיסטער ס. ט. לואיס, אַן עלטערער הער. ווי קומט אַהער אַזאַ מענטש ווי ס. ט. לואיס? אָבער ער איז דאָ.

ער איז אַריין צו מיר אין קראָם, זיך באַקענט מיט מיר, און געזאָגט, אַז ער פאַרקויפט „מאָנומענטס", מצבות הייסט עס, און רעפּרעזענטירט די „דאַלאַס מארבל ענד גרעניט קאָ." ער מאַכט זייער גוטע געשעפטן. נעכטן האָט ער פאַרקויפט אַ מאָנומענט, האָט ער ביי דעם פאַרדינט פערציק דאָלאַר. און היינט האָט ער אויך גוטע אויסזיכטן. דערווייל ווערט „ביזי" אין קראָם, און כאָטש עס אַרבעטן דאָ דריי מיידלעך, הייבט ער אויך אָן אַרויסצוהעלפן מיטן פאַרקויפן. אַלע אַרטיקלען אין קראָם האָבן אָנגעצייכנטע פרייזן, איז דערפאַר פאַר יעדן איינעם גרינג צו נעמען פאַרקויפן.

— אַזאַ מענטש בין איך. איך האָב ליב יענעם „געבן אַ האַנט". גראָד איצט האָב איך צייט...

נאָך זיין הולך נאָך האָט ער ניט אויסגעקוקט צו זיין אַזאַ דערפּאָלגרייכער געשעפטסמאַן: דער הינטערטייל פון זיינע בלויע הויזן האָט געשיינט, כאָטש שפּיגל זיך אין דעם. די עלנבויגנס פון זיינע אַרבל האָבן געוויזן זייער אַן אָפּגעריבענעם אונטערשלאַק און די אָפּצאַסן פון זיינע שיך זענען געווען היפּשלעך אויסגעטרעטן. מיטאָג־צייט, ווען איך בין געגאַנגען אין רעדס רעסטאָראַן, האָב איך אים פאַרבעטן צו גיין מיט מיר אַלס מיין גאַסט. ער האָט זיך צונויפגערעדט מיטן אייגנטימער פון רעסטאָראַן און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זיינען שטיקלעך לאַנדסלייט. ווען מיר זיינען געגאַנגען עסן אין אָוונט, האָט אים שוין „רעד" טראַקטירט מיט אַ מאָלצייט. פּאָרט אַ לאַנדסמאַן... איז ער שוין זייער אָפט, אַ ביסל צו אָפט געגאַנגען אין רעדס קאַפע. מען האָט זיך מיט אים גאַנץ פיין געשאַפט און ער האָט געהאָלפן אין קיך וואַשן דאָס געשיר, ווען ער האָט „גראָד צייט געהאַט"...

— יו נאָו, מיסטער בונין, היינטיקע צייטן זיינען ניט וואָס אַמאָל — האָט ער זיך פאַר מיר פאַרקלאָגט — אַ מאָל פלעגן מענטשן אויסגעבן זייער לעצטן סענט כדי צו שטעלן אַ מצבה נאָך אַן אייגענעם. היינט פאַרשווענדט מען דאָס געלט אויף אויטאָמאָבילן, ראַדיאָס, גראַמאָפאָנען, און ווער ווייסט אויף וואָס נאָך פאַר אַ נאַרישקייטן. די פאַרשטאָרבענע קרובים ליגן אפילו ניט אין זינען.

אין רעדס קאַפע איז ניט שטענדיק געווען מיט וואָס זיך צו פאַרדינען דאָס עסן. האָט ער שוין געטשאַטשעוועט ווען איך גיי אין רעסטאָראַן און ער איז דאַן מיט מיר מיטגעגאַנגען. ער איז גאָר ניט הונגעריק — פלעגט ער זאָגן — אַט, אַ טעלער זופּ, אפשר אַ פּאָר קרעקערס און ניט מער. זעענדיק אָבער, ווי ער קוקט מיט הונגעריקע אויגן אין מיין טעלער, האָב איך שוין באַשטעלט פאַר אים אַ מער ממשותדיק געריכט.

— ווען איך צעגיי זיך ניט מיט מיין פרוי — האָט ער מיר געזאָגט — וואָלט מיר איצט גאָר ניט געפעלט. איך האָב פאַרמעגלעכע קינדער, אָבער זיי האַלטן מיט דער מוטער און פון מיר האָבן זיי זיך אין גאַנצן דערווייטערט. איך האָב אָבער איין טאָכטער אין קליבאַרן, טעקסאַס, איז זי זייער גוט צו מיר און אַזוי גיך ווי איך פאַרקויף אַ מצבה, פאָר איך אַוועק צו איר.

קיין מצבה האָט ער אָבער אַזוי גיך ניט פאַרקויפט. ער איז געוואָרן

איינגעבויגענער, אָפּגעצערטער פון טאָג צו טאָג. אָבער איין מאָל איז אים באַשערט געווען אָפּצועסן אַן אמתדיק גוט מאָלצייט.

רעד האָט זיך איינגעקויפט אַ נייעם גרויסן אויוון פאַר זיין רעסטאָראַן. דער אויוון איז געווען קוים דורכצושפּאַרן אין טיר, און מיסטער לואיס האָט זיך געפּלייסט מער פאַר אַלעמען באַהילפיק צו זיין. זיין לינקע האַנט האָט זיך אריינגעכאַפּט צווישן דער טיר און דעם אויוון און אַוועקגעריסן דאָס פליישׁ פון האַנט, כמעט ביזן ביין.

די „רעדיכע" האָט פאַרבאַנדאַזשירט זיין האַנט און ווי ניט איז אָפּגעשטעלט דאָס בלוטיקן. דערפאַר אָבער, ווען עס איז געקומען מיטאָג־צייט און מיסטער לואיס האָט זיך ברייט אַוועקגעזעצט ביים טיש מיט דער פאַרווונדעטער האַנט, האָט רעד, כדי אים צו פאַרגיטיקן, אים דערלאַנגט אַ מאָלצייט, וואָס ווער ווייסט ווי לאַנג ער האָט אַזעלכן ניט געזען: אַ האַלב קעפּל לעטוס, זופּ, אַ סטעיק מיט געפּרעגלטע קאַרטאָפל, פּיי און קאַפע. ער האָט געשלונגען גאַנצע שטיקער ווי אַ גאַנדז, געהאַלטן די פאַרווונדעטע האַנט איבערן טיש און פאַרזיכערט יעדן איינעם, אַז ס'איז גאָרניט, אַז ס'וועט גאָר אין גיכן זיך פאַרהיילן. אָבער נאָכן אָפּעסן אָט דעם גרויסן מאָלצייט, ווען ער איז געקומען צו מיר אין קראָם, איז ער אַוועקגעפאַלן. אַ שוים האָט אַרויסגעשלאָגן פון זיין מויל, און ער איז געבליבן ליגן אויפן דיל. איך האָב געבראַכט אַ דאָקטער, און ער האָט געזאָגט, אַז מיסטער לואיס האָט געקראָגן אַ מילדן פּאַראַליז. מיט אַן אַמבולאַנס האָב איך אים אַוועקגעפירט אַהיים, אָנגעשטעלט אַ פרוי אויף אַכטונג צו געבן און באַשטעלט „רעד" זאָל אים ברענגען זיינע דריי מאָלצייטן אַ טאָג.

אין זעקס וואָכן צייט האָט ער זיך גענוג פאַרריכט אויף צו קאָנען פאָרן צו זיין „גוטער טאָכטער" אין קליוולאַנד. איך האָב אָבער געדאַרפט באַצאָלן דער פרוי, וואָס האָט אויף אים אַכטונג געגעבן, פאַרן צימער, אין קאַפע פאַר זיינע מאָלצייטן, דעם דאָקטער, און אויף באַן־הוצאות.

איך בין אַליין געווען פאַרענגט און ניט געווען בכוח אַליין פאַר אַלץ צו באַצאָלן. בין איך אַוועק צו אַ גלח, דערציילט אים די לאַגע. ענטפערט ער מיר, אַז מיסטער לואיס איז ניט קיין פּרעסביטעריאַנער; אַ צווייטער גלח — ער איז ניט קיין עפּיסקאָפּאַליער; אַ דריטער — אַז זיין קירך האָט ניט קיין ספּעציעלע פאָנדן פאַר אַזעלכע אָנגעלעגנהייטן. ווען די קליינע

מאַרגאַרעט איז געבליבן ביי אַ יידן האָבן די קירך־מענטשן און די שטאָט־באַלעבאַטים איינגעלייגט וועלטן זי אַוועקנעמען פון יידישע הענט, צו ראַטעווען איר נשמה, און דאָ האָט מען מיסטער לואיסן איבערגעלאָזט אין גאַנצן אויף מיינע יידישע הענט... אַ ברירה האָב איך געהאַט? איך האָב זיך באַנוצט מיט אונדזער אַלט יידישן מיטל: גענומען דעם אלטן מיסטער ארנאָלד, ביי וועמען איך האָב געוווינט, און מיט אַ פאַטשיילע אין האַנט געגאַנגען פון קראָם צו קראָם און אַזוי אַרום געזאַמלט גענוג געלט אויף צו באַצאָלן אַלע חובות און די נויטיקע סומע פאַר זיין באַן־בילעט. איך האָב אים אַרויפגעזעצט אויפן באַן און אים אָפגעשיקט צו זיין טאָכטער.

*

עס איז מיר אומעטיק אין ענסאָן. די נאָפּט־פעלדער און די קליינע שטעטלעך האָבן מיר דערעסן. די געשעפטן ביי אַ ניי־געקומענעם און מיט ווינציק סחורה זיינען ניט געגאַנגען צו גוט. אפילו פאַר די איינגעפונדעוועטע און אָנגעפּאַקטע דרייגודס־סטאָרס איז אויך ניט געווען צו־פויגלדיק. דערצו האָט מיין שוועסטער שיינע דאָבע, וואָס האָט זיך געגט מיט איר מאַן און חתונה געהאַט מיט מיין חבר און יוגנט־פריינד, מאירן, און איצט געווינט אין קאַליפאָרניע, געהאַלטן אין איין שרייבן צו מיר, אַז איך זאָל זיך אויפהערן אַרומדרייען איינער אַליין אין די קליינע שטעטלעך פון טעקסאַס און קומען צו זיי. מאיר איז אַוועק צו זיין אַלטער אַרבעט, סטאָלעריי, און עס איז דאָ אָרט אויך פאַר מיר. איך בין אָבער שולדיק געווען מיינע קרעדיטאָרס מער געלט איידער איך האָב געהאַט אין מזומן. די מערסטע פון מיינע קרעדיטאָרס זיינען אַליין געווען קליינע געשעפטסלייט און האָבן מיר געטרויט אויפן וואָרט, און איך האָב ניט געוואָלט אַוועקפאָרן אָן אַ „זיי־געזונט"...

צו מיין מזל איז אין אַ דערבייאיק שטעטל אויסגעבראָכן אַ שרפה און אין דעם פייער האָט אויך אָפּגעברענט אַ דרייגודס־סטאָר. פאַר פינף הונדערט דאָלאַר האָב איך אָפּגעקויפט אַלץ וואָס ס'איז געבליבן פונעם פייער, עס געבראַכט קיין ענסאָן, צוגעקויפט צו דעם אַ ביסל פרישע סחורה, אויסגעמאָלן אויף מיינע גרויסע שויפענצטער אַ געפערלעך פייער מיט אַ „פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע", און געמאַכט אַ פייער־סייל (אויספאַרקויף).

ס'איז געוואָרן אַזאַ געדראַנג ביי מיר אין קראָם, אַז איך האָב געמוזט האַלטן פּאָליציי ביי דער טיר, אריינלאָזן אַ געוויסע צאָל קונים. ווען זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן מיטן קויפן, האָב איך זיי אַרויסגעלאָזט דורך דער הינטערטיר, און דאַן ווידער אריינגעלאָזט פרישע קונים.

אין אַ וואָך צייט האָב איך פאַרדינט גענוג געלט זיך מיט אַלעמען פונאַנדערצוצאָלן. די סחורה, וואָס מיר איז פאַרבליבן, האָב איך פאַרקויפט

צו פופציק סענט אויפן דאָלאַר צו אייב בראָנשטיין. איך האָב זיך איינגעהאַנדלט אַ נייעם פאָרדל און מיט עטלעכע הונדערט דאָלאַר אין קעשענע בין איך „געפלויגן" פינף און דרייסיק מייל אַ שעה קיין סאקראמענטאַ, קאַליפאָרניע *.

* מער ווי פינף און דרייסיק מייל אַ שעה האָט אַ פאָרד אין יאָר 1923 ניט געקענט מאַכן.

עפּילאָג אויף רעדלעך

אין מיין לעבן האָב איך קיין בעסערן פריינד און חבר פון מאיר באַראָן ניט געהאַט, און קיינעם פון מיינע שוועסטער און ברידער האָב איך ניט אַזוי ליב געהאַט ווי מיין שוועסטער שיינע דאָבע (דאָרא שוין דאָ אין אַמעריקע). איצט, אַז זיי זיינען ביידע פאַרהייראַט און זיי האָבן שוין אַ ייִנגעלע פון אַכט חדשים, האָב איך דאָך, דאַכט זיך, געדאַרפט פליען ניט פינף און דרייסיק, נאָר הונדערט מייל אַ שעה. און דאָך בין איך געפאָרן ווי מיט עפּעס אַ שווערן געמיט, אַ חשבון־הנפש האָט מיך געמאַטערט: וואָס האָב איך אויפגעטאָן פאַר די צוועלף יאָר, וואָס איך בין אין אַמעריקע? וואָס האָט מיך באַוויגן צו ענדערן מיין פּלאַן צו פאָרן אין ניו־יאָרק?

מיין שוואָגער האָט געוואָלט פאָרן נאָר דורך גאַלוועסטאָן. אַזוי בין איך פאַרוואָרפן געוואָרן אין טעקסאַס. איך בין געווען מיט אים אַרום זעקס חדשים, ביז ער איז אין גאַנצן פאַרשווונדן. איך האָב אַראָפּגעבראַכט מיין שוועסטער סאָניען מיט די קינדער.

וואָס איז פון דעם אַלעם געוואָרן?

סאָניע איז געשטאָרבן. איך בין געבליבן אַליין מיט די קינדער. צער גידול בנים האָב איך געהאַט איבערן קאָפּ. אין משך פון יאָרן זיינען די דריי מיידלעך, סאָניעס טעכטער, אַוועק קיין ניו־יאָרק און דאָרט חתונה געהאַט. זיי ווילן אפילו זיך ניט „באַדערן" צו האָבן קינדער. דער איינציקער, וואָס האָט יאָ אַ קינד, איז סאָניעס זון מישאַ, איז ער פאַרהייראַט צו אַ קריסטלעך מיידל...

פון אײדאַ ליפּסאָן, מיט דער וואָס איך האָב געשפּילט טעאַטער ווי „דער ווערטער לעזער" וועט זיך דערמאָנען — איז געווען דאָס גלייכסטע פאַר מיר אָוועקצופאָרן: ניט איך און ניט זי זיינען גרייט געווען צו צעברעכן זייער פאַמיליע־לעבן, און פון אַלע מיינע פּלענער און אונטער־נעמונגען האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך. איז אַ טייך גאָר ניט אַזאַ שלעכטע

זאַך: אַ טייך גיט דאָך אַזוי פיל שפע, ברכה און פאַרגעניגן. ניין, ניט קיין טייך האָט זיך ביי מיר פון אַלץ אויסגעלאָזט, נאָר אַ קליין שמאָל ריטשקעלע, וואָס פליסט ערגעץ צווישן שטיינער און דערנער און ווייסט אַליין ניט וווהין עס טראָגט זיך. און געפילט האָב איך זיך ווי יעקב אבינו, וואָס פאָרט צוריק צו זיין ברודער עשיו און זאָגט: „כי במקלי עברתי את הירדן". אויף יידיש וואָלט עס געהייסן: איך בין געבליבן מיטן בייטשל...

סאַקראַמענטאָ

מאיר און איך האָבן זיך געגומען צוריק צו אונדזער אַלטער באַשעפ־טיקונג, סטאָלעריי, און דאָ, ווי אַ מאָל אין פּאָרט־וואָרט, געשאַפן אַ צווייג פון „אַרבעטער־רינג". עס זיינען געקומען „געגנאָסן" פון סאַן־פראַנציסקאָ, אָקלאַנד, סטאָקטאָן און סאַנטאַ־ראָזאַ צו דער גרינדונג פון אונדזער צווייג. כמעט אַלע פון זיי האָבן געהאַט שיינע היימען. די זיצונגען זיינען פאָרגעקומען יעדעס מאָל אין אַ אַנדער פריינדס הויז, און יעדע באַלעבאָסטע פון הויז האָט געפּרווווט אַריבערשטייגן דער צווייטער אין „אויסשטעלן אַ טיש". זיינען דאָס געווען אמתע באַנקעטן. פאַרשטייט זיך, אַז צו יעדער זיצונג איז געווען אַ פאָרלעזונג, אַ פאָרטראָג און געזאַנג. איך דאַרף דאָ דערמאָנען איינעם פון מיינע נייע באַקאַנטע. ער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין מיין לעבן אין קאַליפאָרניע.

ער האָט געהייסן סעם פּאָטאַש. ער איז געווען קליין אין וווקס, דין געבויט, און מיט רויטע האָר. געווען איז ער אַן אינזשיניער אָנגע־שטעלט ביים שטאַט. ער איז געווען זייער באַהאַוונט אין דער יידישער, רוסישער און תלמודישער ליטעראַטור. זיין פאָרלייענען שלום עליכמען איז געווען פאַר אונדז אַ גרויסער גענוס. ער האָט געהאַט אַ לירישן טענאָר און עס איז ניט געווען קיין אָפּערע וואָס ער האָט ניט געקענט און ניט געזונגען. ביי אַ זיצונג פון אונדזער צווייג האָט מען זיך ביי אים ניט געקענט דערבעטן, אַז ער זאָל עפּעס זינגען. אָבער האָט ער זיך אַליין צעזונגען, האָט מען אים ניט געקאָנט אָפּשטעלן. אַ גרויסער פאַרגעניגן איז געווען אַרויסצופאָרן מיט אים ביי נאַכט אין פעלד צווישן מאַראַנצן־צווייט וווּ ער פלעגט זינגען זיינע אָפּערע־אַריעס.

איין מאָל זאָגט ער צו מיר: „ווייסט, שאַליאַפּין טרעט אויף אין סאַן פראַנציסקאָ. לאָמיר זיך אריינזעצן אין דייך פאָרדל און צופאָרן. וואָס זאָגסטו. האַ? פאַרפאָרן וועלן מיר דאָרטן צו זייער אַן אינטערעסאַנטן

פאַרפאַלק. עס וועט דיך ניט פאַרדריסן מיט זיי זיך צו באַקענען״ (שפּעטער האָט עס מיך שוין דוקא יאָ פאַרדראָסן).

איך האָב נאָך ביז דעמאָלט שאַליאַפּינען קיין מאָל ניט געהערט, האָב איך זיין פאָרשלאָג זייער גערן אָנגענומען. צו זאָגן אַז די רייזע פון הונדערט מייל ביז סאַן־פראַנציסקאָ איז געווען אינטערעסאַנט — איז ניט גענוג. עס איז געווען אַ ווונדערלעכע איבערלעבונג. דער וועג האָט זיך געשלענגלט אַט ביי די זייטן פון די גרינע בערג און אַט צווישן בערג גופא ווי צווישן צוויי ווענט, און באַלד ציען זיך אויף מיילן און מיילן ווייט אָראַנזש־ביימער. מיין מיטפאָרער האָט ניט אויפגעהערט צו זינגען זיינע אָפּערעס ביז אונדזער אויטאָמאָביל האָט זיך דערקייקלט צו סאַן־פראַנציסקאָ.

וועגן סאַן־פראַנציסקאָ מיט איר ערד־ציטערניש האָב איך נאָך מיט יאָרן צוריק געהערט אין דער היים, און איך האָב געוווּסט, אַז עס איז אַ שיינע שטאָט. איצט, אָנקומענדיק אַהער בעת זון־פאַרגאַנג, וואָס פאַרגיסט מיט איר ליכט די פענצטער פון די הייזער־פּאַסאַדן, די גאַסן, וואָס לויפן אַרויף און אַראָפּ ווי הויך־געשטעלן פון פאַרווייַלונג־פּלעצער — בין איך געווען פשוט באַגייסטערט.

די אָרנשטיינס האָבן אונדז זייער פריינדלעך אויפגענומען. מיסטער אָרנשטיין איז אַוועק מיט מיין פריינד עפּעס איינקויפן אין אַ דעליקאַטעסן־קראָם, און איך בין געבליבן מיט רייזעלע אָרנשטיין אין הויז. מיין פריינד האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר די אָרנשטיינס אַלס פּאָעט, האָט זי זיך מיט מיר צערעדט וועגן פּאָעזיע און אגב מיר געוויזן „אַ זאַך״ וואָס זי האָט אָנגעשריבן. דאָס איז געווען אַ ליבע־ליד פון אַ פּרימיטיוון פּויער, געשריבן אין אַ פיינער לירישער שטימונג. איך האָב איר, מיט איר דערלויבעניש, אָנגעוויזן אויף עטלעכע פעלערן, און פאָרגעשלאָגן צו מאַכן געוויסע אויסבעסערונגען. דאָס ליד אַליין איז געווען שיין, אָבער דער יידיש האָט אַ ביסל „אונטערגעהונקען״ און מיט מיינע עטלעכע אויסבעסערונגען וואָלט, לויט מיין מיינונג, דאָס ליד אַ סך געוווּנען. מיינע באַמערקונגען זיינען איר געפעלן געוואָרן, און זי האָט זיי גערן אָנגענומען.

אָרנשטיין איז געווען אַ וויכטיקער מלוכה־באַאַמטער. אַ הויך געביל־דעטער מענטש, אַ זייער גוטהאַרציקער. אָבער אָן חכמות, אַן אמתער

„ווייס־קאַלנער מענטש". רייזעלע פאַרקערט, איז געווען זייער רייצנדיק, געהאַט אַ סך קינדישס אין זיך, און געווען זייער אַ פיינפילנדיקע.

מיר זיינען אַלע געגאַנגען הערן שאַליאַפּינען. זאָל איך גיין דערציילן, וואָס פאַר אַן איינדרוק שאַליאַפּינס זינגען האָט אויף מיר געמאַכט? צו זאָגן, אַז מען האָט געהערט שאַליאַפּינען זינגען — איז שוין גענוג!

די לעצטע ווערטער, וואָס ער האָט געזונגען און פאַרענדיקט שוין מיטן רוקן צום פּובליקום, אַוועקגייענדיק פון דער בינע, זענען געווען:

„אָ, יעסליבי יאַ בי מאָג וויראַזיט וו׳סלאָוואַ,
טשטאָ טווערוטסיאַ וו׳סערדצע מאַיאָם" *

מיר האָבן זייער אָנגענעם פאַרבראַכט אין סאַן־פראַנציסקאָ אַ טאָג צייט מיט די אָרנשטיינס, און פאַרן אַוועקפאָרן זיי פאַרבעטן אונדז צו באַזוכן ווען זיי וועלן נאָר זיין אין סאַקראַמענטאָ.

צוליב זיין רעגירונג־שטעלע, האָט אָרנשטיין אָפט געדאַרפט באַזוכן פאַרשידענע שטעט אין קאַליפאָרניע און גאַנץ אָפט געקומען אין „קעפּיטאָל" (סאַקראַמענטאָ) — איז זי שוין מיט אים מיטגעפאָרן. אַזוי האָבן מיר זיך שיינע עטלעכע מאָל געטראָפן און עס האָט זיך אַנטוויקלט צווישן אונדז אַ גרויסע פריינדשאַפט.

מיך האָט אָבער געצויגן צו אַ גרעסערער שטאָט, און די שטאָט איז געווען לאָס־אַנדזשעלעס מיט איר אינטענסיוו יידישן לעבן און יידישע שרייבער. נאָכן אָפּזיין ניין חדשים אין סאַקראַמענטאָ, בין איך אַוועק קיין לאָס־אַנדזשעלעס.

* אָ, ווען איך וואָלט נאָר געקענט אויסדריקן אין ווערטער, וואָס עס טוט זיך אין האַרצן ביי מיר.

לאָס־אַנדזשעלעס

לאָס־אַנדזשעלעס האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק: דער פּאַסיפֿישער ים, די שלאַנקע פּאַלמעס, דער אַראָמאַט פֿון די מאַראַנצן־ביימער אויף אַלע וועגן, די מיט שניי־באַדעקטע בערג־שפּיצן אַפֿילו אין די זומער־חדשים, און דער עיקר — כ׳בין אַריינגעפֿאַלן אין אַ סביבה, נאָך וועלכער איך האָב יאָרן־לאַנג געבענקט. ליטעראַרישע אָוונטן, וועטשערינקעס ביי חברים אין די הייזער, וווּ מען האָט ביי אַ גלעזל וויין געזונגען אוקראַיִנישע, רוסישע און יידישע פֿאָלקס־לידער.

פֿון רייזעלען האָב איך באַקומען אָפֿטע בריוו. אַ מאָל האָט זי בייגעלייגט אַ ליד איך זאָל זאָגן מבינות... אין בריוו האָב איך פֿון איר דערהאַלטן אין דער פֿאָרעם פֿון אַ רעטעניש:

„טרעף וואָס איז דאָס פֿאַר אַ זאַך,
וואָס עס מאַכט געזונט פֿון שוואַך,
עס האָט אין זיך אַזאַ מין שווּנג,
וואָס פֿון אַלט מאַכט עס יונג,
עס ווּנדעט און עס היילט,
ווּנדער־מעשהלעך דערציילט.
עס איז ריין פֿון זינד
און כאָטש עס הייבט זיך אָן פֿון אויג,
איז עס פֿון דעסטוועגן דאָך בלינד.
האָסטו אָבער אָט די זאַך —
מוזסטו טרוימען אויף דער וואַך...

איך האָב די רעטעניש אָן קיינע שוועריקייטן געטראָפֿן. אין דער אמתן האָט מיך רייזעלע ניט ווייניק פֿאַראינטערעסירט, אָבער איך האָב אויף איר רעטעניש ניט רעאַגירט און געשריבן צו איר ווי אַ פֿריינד שרייבט צו אַ

פריינד. נאָר אַט האָב איך פון איר דערהאַלטן אַ בריוו, ווו זי שרייבט, אַז אַזוי ווי איר מאַנס באַשעפטיקונג באַשטייט אין אַפּט אַרומפאָרן, און לאָס־אַנדזשעלעס איז אין זייך ראַיאָן, האָבן „זיי״ באַשלאָסן אַז זיי קענען וווינען אין לאָס־אַנדזשעלעס אַזוי גוט ווי אין סאַן־פראַנציסקאָ...

איך מוז זאָגן דעם אמת, ווען איך האָב איבערגעלייענט דאָס בריוול, איז ווי אַ פראָסט דורכגעלאָפן איבער מיין רוקנביין. איך האָב געוווסט און געפילט צו וואָס עס קען פירן. עס האָט ניט לאַנג גענומען, און זיי זיינען דאָ! זיי האָבן געדונגען אַ הויז אויף סאַנט־לואיס־גאַס, ניט ווייט פון מיר.

מיין אַמאָליקער טרוים זיך צו באַקענען מיטן פּאָעט ה. רויזענבלאַט און אַנדערע שרייבער האָט זיך פאַרווירקלעכט ניט אין ניו־יאָרק, נאָר אין לאָס־אַנדזשעלעס, און מיט כמעט דרייצן יאָר שפּעטער...

אויסער ה. רויזענבלאַט, זיינען דאָ געווען אַ היפּשע צאָל שרייבער, ווי ש. מילער, הירשל גאָלד אָדער גאָלדאָווסקי, יצחק האָראָוויץ, אַלטער עסעלין, י. פרידלאַנד, פינטשע בערמאַן, יחזקאל בראַנשטיין, איידא טיללים, שפרה וויס, ברכה קודלי, ל. מאַלאַמוט, י. ראַשעל און אַנדערע. שפּעטער זיינען צוגעקומען יונה ראָזענפעלד, לאַמעד שאַפּיראָ און משה לייב האַלפּערן.

די מערסטע פון די אויבנדערמאָנטע שרייבער האָבן ערשט גענומען שטעלן זייערע ערשטע ליטעראַרישע טריט.

ה. רויזענבלאַט, אויסער וואָס ער איז שוין געווען אַ דיכטער מיט „אַ נאָמען״, איז ער אויך געווען אַ זייער ליבער, גוטער און צוגעלאָזטער מענטש. היינט זיינע מעשהלעך! משה לייב האַלפּערן פלעגט קומען צו אַ קערמישל אין זיין קאָרדוראָי רעקל, בלויע הויזן מיט „האַנדשו״ און אַפּיצערסקע שטיוול. ער האָט אויסגעקוקט מער ווי אַ טיראָלער ספּאָרטס־מאַן, איידער ווי אַ יידישער פּאָעט. ער איז געווען פון הויכן וווקס, מיט ים־בלויע גרויסע אויגן און מיט אַ לענגלעכן ערנסטן, אָפּט צו־ערנסטן פּנים. אַ סך מענטשן האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ פאַרביטערטן און פאַר־ביסענעם מענטש, אָבער די וואָס האָבן אַזוי געטראַכט פון אים האָבן אים ניט געקענט, און ווייל צו דעם, וואָס האָט משה לייבן געקענט אינטים.

אַ פאַרגעניגן איז געווען צו פאַרברענגען מיט איידא טיללים, כאָטש זי איז געווען זייער אַן ערנסטע און שטענדיק אין אַ טרויעריקער שטימונג

צוליב איר שווערן לעבן. ס׳איז געגוג איבערצולייענען אירע צוויי לידער אין דער פרויען־אַנטאָלאָגיע, אַרויסגעגעבן פון ע. קאַרמאַן...

*

רייזעלעס מאַן פלעגט אָפּט אַוועקפאָרן אויף אַ וואָך, אויף צוויי וואָכן פון דער היים און איך מיט רייזעלען פלעגן שטענדיק זיין צוזאַמען. איך האָב זי אַריינגעפירט אין מיין ליטעראַרישער געזעלשאַפט און אויך זי האָט זיך דאָ געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער. אין יאָר 1928 איז דערשינען ע. קאַרמאַנס פרויען־אַנטאָלאָגיע, איז זי דאָרט געווען פאַרטראָטן מיט אַ זייער שיין ליד. זי האָט זיך אָנגעהויבן באַטייליקן אין פעריאָדישע זשור־נאַלן. זי האָט איבערגעזעצט פון ראַבינדראַנאַט טאַגאָר און אַנדערע.

לויט איר רעקאָמענדאַציע, האָב איך געלייענט ביכער פון אַנאַטאָל פראַנס, זודערמאַן, פלאָבער, טאָמאַס האַרדי, שעלי, קיטס, סווינבאָרן, וויטמאַן און פיל אַנדערע. ס׳איז געווען אַ פאַרגעניגן מיט איר צו רעדן און דיסקוסירן וועגן די שרייבער וואָס מיר האָבן ביידע געלייענט.

אין שבת, אָדער זונטיק אין דער פרי, פלעג איך אויספוצן מיין אויטאָ־מאָביל מיט בלומען און פאָרן צו איר הויז. זי פליט אַרויס אַ גליקלעכע, און אַ לייכטע, ווי אַ יונגע הירשן, גיט זי אַ שפרונג אַריין אין אויטאָמאָביל. מיר לאָזן זיך אַוועק העט הינטערן שטאָט, וווּ די מאַראַנצן־בוימער זיינען אין צוויט. איך רייס אָפּ אַן אָראַנזש־צווייגל און טראָג עס איר צו; זי שמעקט עס און קוקט אויף מיר מיט אַזעלכע פאַרליבטע אויגן. אָדער גאָר — עס איז שוין צוויי אַזייגער ביינאַכט און עס שלאָפט זיך מיר ניט, כאַפּ איך אויף זיך אַרויף די קליידער, קום צו צו איר הויז, אַ לייכטן קלאַפּ אין טיר. „ווער איז דאָס״? — איך ענטפער. זי גיט אַ טו אַן אירע שטעקשיך, וואַרפט אַרויף אַ שלאָפראָק איבער איר נאַכטהעמד און מיר לאָזן זיך אין דער וועלט אַריין.

עס דערמאָנט זיך מיר: איין מאָל, אין אַ שיינעם פרימאָרגן, זיינען מיר אין דרייען, יונה ראָזענפעלד, רייזעלע און איך, אַרויסגעפאָרן. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ גרין פעלד צופוס פון אַ הויכן באַרג. די שניי־באַדעקטע שפיצן האָבן שעמערירט אין דער זון. רייזעלע האָט אויס־געשפרייט אויפן גראָז אַ טישטעך, אויסגעלייגט איבער דעם דאָס עסן,

און איז ערגעץ פאַרשוווּנדן. איך האָב דערוויייל פאַרבראַכט מיט ראָזענ־פעלדן. ערשט זי קומט צוריק מיט אַ קראַנץ בלומען, וואָס זי האָט אויסגעפלאָכטן און טוט עס אָן יונה ראָזענפעלדן אויפן קאָפּ. ער האָט אויף איר אַ קוק געגעבן און אין זיינע קליינע גראָע מאַנגאָל־אויגן האָט אַ פינקל געטאָן אַ טרער...

עס קאָן מעגלעך קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס: מיט מיינע העכסטע און שענסטע געפילן צו רייזעלען האָב איך דאָך זיך געפילט אַזוי שולדיק קעגן אַרנשטיינען. ער איז באמת געווען אַזאַ ליבער, גוטער מענטש. האָט געהאַט אַזאַ פיינע באַציונג צו מיר און גאַרניט פאַרדעכטיקט. צייטנווייז האָב איך פשוט ניט געקענט קוקן אים אין פנים. איך בין דאַרום געווען אמת צופרידן, ווען איך האָב געדאַרפט אַוועקפאָרן אויף אַ שטיקל צייט צוריק אין טעקסאַס. דאָס שטיקל צייט האָט זיך פאַרצויגן אויף מער ווי צוויי יאָר.

✶

אוודאי האָבן מיר געשריבן בריוו איינער צום צווייטן, און אַ שאָד, באמת אַ שאָד וואָס ניט מיינע בריוו צו איר, און ניט אירע בריוו צו מיר, זיינען פאַרבליבן. דאָס זיינען געווען בריוו, וואָס האָבן אויסגעדריקט די שענסטע, דינסטע געפילן צווישן פאַרליבטע מענטשן. געבליבן זיינען נאָר אַ ריי לידער, אויך ניט אַלע, וואָס איך האָב צו איר, און זי — צו מיר געשריבן.

דו ווייטער, דו

עס האָט מיין האַרץ
אויף איר שפּיגל־פלאַך
דיין בליק געפאַנגען —
דו ווייטער, דו.
איז פון די שטילע שפּיץ־פינגער מיינע,
אויף שטענדיק שוין אַוועק די רו
אין נאַגנדיקן דראַנג

דיין אַנוועזנהייט צו דערלאַנגען,
און לויטערן אין דיין באַריר,
באַהאַלטענע פאַרלאַנגען...
טריפן זיי, די בענקשאַפטן
ווי ווייטע פלאַמען,
און קענען זייער אייגן צער ניט צאַמען.
און איצט —
אָ, ווייטער דו,
איז שוין ניט מער,
פון אַ שטיל געצעלט מיין רו.
נאָר אין דעם דראַנג פון זוכן דיך,
זיסע פרייד און פיין
פון שפּיצפינגער וואָס ווייסן,
אַז זיי וועלן קומען ווו —
ווועסטו שוין דאָרט מער ניט זיין.
דו ווייטער, דו...

מיין ענטפער:

רייזעלע: —
אפשר האָט די אייפערזוכט פון געטער
מיך פון דיר פאַרטריבן.
ניט מ י י ן ווילן האָט דעם וועג
פון שיידונג אויסגעקליבן,
נאָר מיין בענקשאַפט איז פאַרבליבן,
אין די וועלן, וועלכע זוימען
דעם פאַסיפיקס ברעגן,
אין דעם אַראָמאַט פון אָראַנזש-צוויט,
אין דעם זאַמד און שטויב,
וואָס קושן דיינע טריט
אויף דיינע וועגן;

אין די שאָטנס פון די קעניאָנס,
אין די פאַלדן פון די בערג,
וואָס האַלטן,
סודות אונדזוערע באַהאַלטן,
אין יעדער רויז,
אין יעדן בלומען-בלעזל,
אין יעדן טוי-באַדעקטן גרעזל,
וועלכע וואַקסן ביי דיין פענצטער,
בליען ביי דיין טיר —
בליט אָרוים מיין דינסטע ליבע —
צו דיר!

ווידער פון רייזעלען, 20 נאָוו. 1928:

פּרימאָרגנס

די פייגל פון מיינע אַמאָליקע טרוימען,
ציען נאָך ערגעץ אין די ווייטקייטן
פון רוימען;
זוכן פון לאַנג שוין
פאַרלאָשענע זונען,
און אַ פרייד —
וואָס לאַנג איז שוין אַנטרונען.
וויסן שוין מיינע פאַרחלשטע טרוימען,
אַז אומקומען מוזן די פייגל
אויפן בלוי פון די רוימען
און וועלן קיין מאָל צוריק
שוין ניט קומען,
ווייל זייער וועג
איז אין דעם חלל
פון הימל צערונען.

דאָך וואקסן מיינע פאַרעקשנטע טרוימען,
און היטן אין פרימאָרגנס,
פון הימל די זוימען.

(דאָס ליד איז געווען געשריבן אויף אַ פּאָסט־קאַרטל,
ווו אַ מעווע פליט איבערן בלאָען פּאַסיפיק).

איך האָב אַ ביסל פאַרשפּעטיקט מיט מיין ענטפער, איז ווידער פון רייזעלען:

איבער דיין שווייגן

איבער דיין שווייגן —
הענגען שעהען שווער און שטום,
ציען וועגן
וויסט און קרום.
ווילן מיינע טעג,
איבער וועגן וויסטע
מער ניט גיין,
בלייבן זיי אין נאַכט פאַרכאַפּטע,
איבער מיין צוקאָפּנס שטיין,
איבער דיין שווייגן,
וואַרטן בלינד צעשראָקענע,
מיינע שעהען,
מיינע טעג —
ביז איך וועל פאַר זיי, די שווערע,
אויסשווייגן,
אַ נייעם וועג...

און אַט שרייב איך איר:

וואָלט אונדזער באַגעגעניש
אַנדערש געווען:
ווי צוויי שיפן וואָס קרייצן זיך דורך אויפן ים,
אין מיטן דער נאַכט
— אויף וועגן אויף צוויי
וואָלט בעסער געווען,
וואָלט בעסער געווען!

וואָלט אונדזער באַגעגעניש
אַנדערש געווען:
ווי צוויי פייגל וואָס צלמען איבער די לופט
אין בלינדן געאייל אין דער נאַכט
און פליען אַוועק צו נעסטן צו צוויי —
וואָלט בעסער געווען,
וואָלט בעסער געווען!

אויף אַ בוקעט ליליעס, וואָס איך האָב איר טעלעגראַפיש געשיקט, ענטפערט זי מיר:

אויף אַ טיש ביי מיין פענצטער,
אין אַ גלאָז אַ דינעם,
שטייען ליליעס צוויי,
דורכזיכטיקע ווייסע,
ווי ערשט געפאַלן שניי —
ווי הענט פאַרבענקטע צוויי,
וואָס ציען זיך און ווייַנען
אין האַרץ אַריין מיר
זייער ווייטן וויסטן רוף-געשריי.

שטייען שטיל די ליליעס,
צוויי ווייסע שטילע תפילות
און בעטן מיט גינגאָלדענע אויגן
דורך דעם שאָטן וואָס דער טויט
האָט איבער זיי פאַרצויגן
ניט צו פילן, ניט צו הערן
ווי עס טריפט טראָפּנווייז אַוועק
זייער שטויב־סוד פון ניט ווערן.

אונדזער איבערשרייבן זיך איז איבערגעריסן געוואָרן, ווען איך האָב פּלוצלינג דערהאַלטן אַ בריוו פון אַרנשטיינען. ער שרייבט:

„טייערער פריינד, איך האָב היינט געזוכט און געפונען אייערע בריוו צו רייזעלען. פון די בריוו זע איך אַז זי ליבט אייך מער ווי מיך. אַלזאָ, איך פאַרנעם מיינע זאַכן און פאַרלאָז דאָס הויז. איך וויל אָבער זייער וויסן אייערע פּלענער, ווייל מען קען רייזעלען ניט לאָזן אויף הפקר".

איך האָב אים מיט צער און ווייטיק געענטפערט:

„מיין טייערער לואיס.

מיר האָבן גערעדט וועגן אַננאַ קאַרענינאַ. געדענקט איר ווי זי דריקט זיך אויס, אַז „אַ מענטשס האַרץ קען ווי אַ פּוס זיך אויסגליטשן". גלייבט מיר, מיין ליבער פריינד, אַז עס טוט מיר אַזוי וויי, וואָס צווישן אונדז האָט אַזוינס געטראָפן. איך האָב אַלע מאָל און אונטער אַלע אומשטענדן, געפילט, און געהאַט דעם גרעסטן רעספּעקט פאַר אייך. איר זייט דאָך באמת אַזאַ זעלטן ליבער און גוטער מענטש. נו, איר קאָנט דאָך רייזעלען בעסער ווי איך. זי האָט אַזאַ צוציונגס־קראַפט, אַז עס איז פאַר מיר אוממעגלעך געוועזן בייצושטיין. איך האָב נאָך פון איר ניט געהערט, און אַזוי גיך ווי איך וועל הערן פון איר, וועל איך אייך שרייבן גענויער".

אַזוי גיך ווי מיין בריוו איז אָנגעקומען, קריג איך אַ טעלעגראַמע פון רייזעלען: „איך בעט דיך, קום ניט".

פון רייזעלעס אַ פריינדין, אַ דיכטערין, וואָס איז געקומען אין לאָס־אַנדזשעלעס שוין נאָך מיין אַוועקפאָרן, און זי איז געוואָרן זייער באַפריינדט מיט רייזעלען, האָב איך דערהאַלטן אַ קורצן בריוול:

„מיין ליבער אומבאַקאַנטער פריינד. איר ווייסט שוין וואָס דאָ איז

פאַרגעקומען צווישן רייזעלען מיט איר מאַן. ווען איך בין איר, וואָלט איך גלייך געקומען".

פאַרנדיק קיין לאָס־אַנדזשעלעס, בין אויף אַ ווייל אַראָפּ פון דער באַן אין סאַן־בערנאַנדינאָ, טרעף איך דאָ מיינעם אַ באַקאַנטן, זאָגט ער צו מיר:

— איר ווייסט ווען איך האָב דאָ נעכטן געזען דורכפאָרן אויפן וועג קיין סאַן־פראַנציסקאָ?

— ווען, פרעג איך,

— די אָרנשטיינס — ענטפערט ער.

איך האָב עס בשום אופן ניט געקאָנט גלייבן. ווען כ׳בין אָנגעקומען קיין לאָס־אַנדזשעלעס בין איך אַוועק צו איר הויז און געטראָפן טיר און פענצטער בלינד און שטום. בין איך אַוועק אין סאַנטאַ מאָניקאַ צו רייזעלעס פריינדין, די וואָס האָט מיר געשריבן דעם בריוו. זי האָט געהאַט רייזעלעס אַדרעס אין סאַן־פראַנציסקאָ פּאָסט־אָפּיס, האָב איך איר געשריבן ווען איך קום אָן, און זי האָט מיך באַגעגנט ביים באַן. מיר זיינען אַוועק אין „גאָלדן געיט פּאַרק".

דריי ליבע און פיינלעכע טעג האָבן מיר פאַרבראַכט אין „גאָלדן געיט פּאַרק". אין דער פרי האָב איך זי באַגעגנט, פאַרבראַכט דעם טאָג, און אין אָוונט זי אָפּגעפירט אַהיים.

— ווי אַזוי האָסטו געקענט אַוועק מיט לואין נאָך דעם אַלץ וואָס איז פאַרגעקומען?

— דו ביסט דאָך אַזאַ פאַרשטענדיקער מענטש, בעט איך דיך, מיין טייערער, פּרוּוו צו פאַרשטיין. דו ווייסט דאָך, אַז לואי איז אַ גוטער מענטש און האָט מיך אויך ליב. דו ווייסט אויך, אַז איך האָב אַ זייער קראַנק האַרץ. מיינע יאָרן און אפשר חדשים, זיינען געציילטע. ער ווייסט שוין ווי אַזוי אַרום מיר אַרומגיין. איך האָב דיך צו פיל ליב צו ווערן אַ לאַסט אויף דיר.

זי האָט מיך געקושט און געוויינט.

דעם 2טן נאָוועמבער 1932 האָט זי אויסגעהויכט איר נשמה אין עלטער פון צוויי און דרייסיק יאָר, און לויט איר צוואה, איז זי קרעמירט געוואָרן.

נעקראָלאָג

האָסט ווי די זון אין שבט,
דורך גרויע וואָלקן-שפּאַלטן,
אַ רייץ געטאָן זיך מיט אַ שטראַל —
און זיך צוריק באַהאַלטן.
ווי אַ קנאָספּ אין פעלד,
וואָס עפנט זיך אין מאָרגשיין,
און שליסט זיך מיטן זון-פאַרגיין —
האָסטו אַ הויך געטאָן
מיט אַזאַ וואַרעמקייט,
מיט אַזאַ חן,
און ווי אויף שלעסער זיבן
זיך צוריק פאַרשלאָסן.
נאָר צו וואָס אַצינד
פאַרגאַנגענע פאַרדראָסן,
אויף אַזוי פיל לעבנס
ניט פאַרענטפערטע פאַרוואָסן?
זיי פליסן איצט אויס
ווי וויין פון אַ צעבראָכן פלאַש,
ווען דיין סך-הכל רוט שוין
אין אַ קריגל אַש.
עי, ניט איין מאָל האָט דער שׂטן
זיך אין מיין פיין געפרייט,
אַז אויף בייטן פרעמדע,
האָב איך אין ווינט געזייט!
דאָך אומזיסט האָט ער זיין ווילדן שפּאָס געטריבן.
אין צער-פול צאַרטע לידער —
ביסטו ביי מיר פאַרבליבן!

✶

בײַ מײַן פענצטער שטייט אַ בוים,
און יעדן פרילינג איז ער אין צווייט,
און ס'האָט נאָך קיין מאָל קיינער
אים ניט געפרעגט:
פאַר וואָס ער האָט אַזוי פיל מאָל געבליט.

ישראל־לידער

ישראל

מיר האָבן מיט שוויים און צעבלוטיקטע פינגער,
די זומפּן פון גליל צעקנאָטן.
אין ענדלאָזן זאַמדיקן, זודיקן באָדן
די וועגן און שטעגן צעטראָטן.

מיר האָבן דאָ פעלדער און וועלדער פאַרזייט,
צעטורעמט פאַבריקן-פּאַסאַדן;
דער מדבר האָט זיך אין אָאַזיס צעבליט
ווו ס'האָבן געוואַנדערט נאָמאַדן.

עס האָבן חלוצים מיט באָרוועסע פיס
געפורעמט דאָס ליים און דעם ציגל, —
דאָך ווילן די שונאים פאַרחתמענען איצט
דאָס לאַנד מיט אַ טויטלעכן זיגל.

מיר קעמפן אויפסניי אויף די בערג פון גלבוע,
ווו שאול, זיין זון יהונתן,
בר כוכבא און די חשמונאים, וואָס האָבן
פאַרן לאַנד זייער בלוט דאָ פאַרגאָסן.

נאָך צענדליקער דורות פון ביטערן גלות,
פון פיינטלעכע ציינער געביסן:
מיר קומען צו וועבן דעם אוראַלטן חלום,
וואָס טיטוס הרשע ט'צעריסן.

עס וועט אונדזער קיום און אויפבוי פון לאַנד
קיין שונא — ווי שטאַרק — ניט פאַרמיידן;
און דאָס וואָס מיר האָבן מיט טרערן געזייט —
אין פריידן מיר וועלן דאָ שניידן!

געשריבן אין דער צייט פון באַפרייען דאָס לאַנד.

דורך ים־בלאָע הימלען

דורך ים־בלאָע הימלען, דורך זילבערנע וואָלקנס
עס ווערן מרחקים פאַרשלונגען פון „דזשעט"
און לאַנדשאַפטן אונטן, צעאַקערט ווי שרונטן,
טוליען זיך, נעסטלען צו דערפער און שטעט.

איך טראָג זיך אויף כוואַליעס פון הימלשע הויכן,
אויף אָדלערשע פליגלען פון שטאָלענעם ריז.
שיקאַגאָ, מאָנטרעאַל, און איבער אַטלאַנטיק
און אָט מיר דערנענטערן זיך צו פּאַריז.

פּאַריז איז אַוודאי דער מקור פון פרייהייט.
די היים פון וואָלטער און פון פראַנס אַנאַטאָל.
נאָר ס'פלאַטערט מיין הארץ ווי אַ זעגל אין שטורעם
צו גרייכן וואָס גיכער דאָס לאַנד פון ישראל.

אָ, לאַנד פון ישראל, טרוים פון מיין קינדהייט,
ניט איין מאָל האָב איך דיך אין חלום געזען!
אין אונדזער צעזייט און צעשפּרייט זיין דורך דורות,
אין אונדז און מיט אונדז ביסט אין גלות געווען!

30 סעפטעמבער 1960

דורך וועלכן זכות

עס איז געווען מיין זיידנס
גרעסטער ווונטש און שענסטער חלום,
ווען אויסלעשן וועט זיך דאָס ליכט
פון זיינע אויגן,
מען זאָל אים,
אין זיין לעצטער היים
אַ זעקל ארץ-ישׂראל-ערד
צוקאָפּנס לייגן.

און מיין טאַטע, —
אויף אַ פאַרוואָרפן ווינקל
אין זיין אוקראַיִנישער כאַטע,
האָט דורך די נעכט
ביים אָפּריכטן חצות,
און ביים „על נהרות בבל" זאָגן,
אונדזער צוויי טויזנט יאָריקן חורבן
ניט אויפגעהערט באַקלאָגן.

און איך —
דורך וועלכן זכות בין איך עס זוכה
אויף פליגלען פון אַלומינום און שטאָל
אין רוים צו פליען,
צו ירושלים, ירושלים!
צו דורות-לאַנג געבענקטן ציון,
צו אונדזער אַלטן גלאָררייכן אַמאָל!

אויפן הר הכרמל

איך שטיי אויפן הר הכרמל,
ביינאַכט אונטער שטערן־געבלענד.
דער הימל צום באַרג אַזוי נאָענט,
אַט נעם, ריר עס אָן מיט די הענט.

מיט טויזנטער יאָרן צוריק,
אין איינס פון די באַרגיקע שפּאַלטן,
האָט דאָך אליהו הנביא
פון איזבלן דאָ זיך באַהאַלטן.

און דאָ האָט פאַר גאָט אליהו
געקלאָגט אויף זיין שווערן געמיט,
און איך — אפשר טרעט איך אַצינד גאָר
אויף נביאס אַמאָליקע טריט?

שטיי איך אַזוי ווי פאַרכישופט,
באַגייסטערונג נעמט מיך אַרום,
איך וויל עפּעס זאָגן און קאָן ניט,
מיין מויל בלייבט פאַרשלאָסן און שטום.

און פּלוצעם דערהער איך אַ שטים,
ווי ס׳וואָלט עמעץ גוטמוטיק געלאַכט:
זוכסט „פּאַסיקע ווערטער" בן־אדם,
אַ ליד האָסטו שרייבן פאַרטראַכט?

אומזיסט! „כי אראה שמיך"
און „השמים מספרים כבוד אל"
האָט לאַנג שוין אַ פּאַסטעך געזונגען
און געזונגען האָט ער אַזוי וויל,

אַז פאַר אים און נאָך אים איז קיינעם
צו זינגען אַזוי ניט געלונגען.

איז שטיל, ווי דער באַרג, ווי די גראָזן
פאַרנעם דעם אַרום, מיין באַשאַף,
און אונטער געשטערנטן הימל —
אין שווייגן קוק אָן אין פאַרגאַף.

10 דעצעמבער, 1960

ברוכים הבאים

איך גיי אין די גאַסן פון תּל־אביב,
מיין האַרץ איבערפילט איז מיט שׂמחה, מיט פרייד:
באַשערט מיר איז לעבן און עדות צו זיין
אויף נביאס מקוים געוואָרענע רייד.

צעזייט און צעשפּרייט זינט טויזנטער יאָרן,
געדריקטע פון יעטווידער רוצחישער האַנט —
קערט זיך שׁארית ישראל צוריק,
צוריק צו זיין היים, זיין פאַרשפּראָכענעם לאַנד.

אַז יעדער פון אייך איז דאָך אַ דניאל,
געפּרוּווטע אין פייער און שטענדיקן האַס,
ניט זיכער געווען אונטער אייגענעם באַלקן
און הפקר אויף קיינעמס באַראָט אויף דער גאַס.

אַנטקעגן אַזעלכע רדיפות איז יעדער
פון אייך דאָך געווען אי מאַרטירער אי העלד,
איז שלום לרחוק און שלום לקרוב
און ברוכים הבאים אין יעקבס געצעלט.

9 נאָוועמבער 1960

חג שׂמח

עס נידערט די זון שוין אין מערב
אין תל־אביב פסח פאַר נאַכט,
און ס׳ווערן געוועלבן און קראָמען
אויף שלעסער פאַרזיגלט, פאַרמאַכט.

ס׳איז יום־טוב פון זמן חרותנו,
דאָס פּנים פון יעדערן שטראַלט.
און וועמען אין גאַס דו באַגעגנסט,
אָן אונטערשייד — יונג און אַלט —
איז: שלום, חג שׂמח!

עס שיינדלט און חנדלט דאָס וואַסער
פון ים הגדול ביים „דן".
און געסט פון אַלע טייל וועלט
שטראָמען אהער אין מלון.

אָט לאָזט זיך אַ כוואַליע צום ברעג,
אַ בלויע, דורכזיכטיקע קלאָרע,
און שטראָמענדיק כאַפּט זי אַרויף
אויפן קאָפּ אַ זילבער־עטרה
און בליקט אין די פענצטער אַריין,
אָ, וויפל געסט אָן עין־הרע!

נאָך איר קומען אַנדערע כוואַליעס
מיט ימיקן אימפּעט און כוח,
און גריסן זיך איינע די צווייטע:
שלום, חג שׂמח!

פון פענצטער און טירן עס טראָגט זיך
פון יום־טוב־מאכלים דער ריח,
הגדה של פסח געזאַנגען
גריסן דיך: חג שׂמח!

תל־אביב, פסח, 1960

ירושלים

ס׳איז אמת, ס׳איז וואָר,
ווי דער כנרת איז קלאָר.
— זאָג איך צו זיך אַליין,
שוין צום וויפילטן מאָל:
ביסט אין ירושלים,
אין לאַנד פון ישראל!
האָט דאָך מיין טאַטע,
און טאַטעס אין די מיליאָנען,
ניט אויפגעהערט דיין נאָמען
מיט בענקשאַפט דערמאָנען.
אַ קוים גלויבלעכער טרוים,
וואָס איז צעגאַנגען, ווי עס צעגייט
ביים ים־ברעג דאָס כוואַליקע שוים.
און יעדעס יאָר איז געווען
אַ „לשנה הבאה״
און איך — איך בין דאָ!
און גיין דאַרף מען גיין דאָ,
ניט ווי מען שפּרייזט,
אין ניו־יאָרק, שיקאַגע,
אין פּאַריז, צי אין פּראַגע,
מיט שיך און שטיוואַלעס
טאַפּטשען און טרעטן,
נאָר מיט שיכלאָזע פיס,
דעם באָדן באַגלעטן!
אונטער יעדן זעמדל,
יעדן שטיינדל,
ליגן פאַרהוילן
לעגענדן און מעשים,
ניט איבערצוציילן!
שפּיץ אָן דיין אויער,

פֿאַרשאַרף דיין בליק,
און וועסט הערן קלאַנגען
און זען געשטאַלטן
פון אונדזער עבר דעם אַלטן,
וואָס זענען פֿאַרגאַנגען
זינט צענדליקער דורות צוריק.

צו אַלע יידן־האַסער

„טומלט פעלקער
און ברעכט צוזאַמען,
און לייגט צו אַן אויער
איר אַלע ווייטיקייטן פון דער ערד.
גורט זיך אָן,
און ברעכט צוזאַמען"

(ישעיה ח, 9—10).

פון אייער אייגן פייל און שווערד!
ווייל ניט העלפן וועלן אייך,
די עצות אייערע און פּלענער,
צעפּליען וועלן זיי
ווי עס צעפּליען
פון אונטער העקערס האַק די שפּענער!
פרעגט:
ווּ איז אַשור,
וואָס איז איצט בבל?
— אַ בוך אַן בלעטער און אַן טאַוול!
ווּ זענען עס,
אַנטיוכוס עפּיפאַנעס
רייטוועגן און רייטער?
— אַ רויך צעגאַנגען
פון אַן אויסגעלאָשן שייטער.
עס וואַלגערט זיך שוין לאַנג אין שטויב
דער שטאָלצער אָדלער פון וועספּאַסיאַן,
און די חילות פון האַדריאַן —
אַ פאַרטעמפּטער קלאַנג.
אין געשיכטעס צייט-פאַרגאַנג!
פרעגט:
ווּ זענען איצט די „צלם-טרעגער"

אַלע אַלטע און נייע המנס,
יידן־יעגער?
זעט:
היטלער האָט, ימח שמו,
אַליין גענומען זיך דעם טויט,
און סטאַלין ליגט אין שאַנד באַגראָבן,
ווי אַ הונט אונטערן פּלויט.
און זיין וועט זיין דער זעלבער סוף
פון דעם „שווערד־העלד" פון די פּיראַמידן!
קיינער וועט דעם וועג פאַרשטעלן
דעם צוויי טויזנט יאָריק
וואַנדערנדיקן יידן!
פּלאַצט פון שׂנאה, ברענט פון האַס,
אויף ירושלימס גאַס,
קלינגט פון ס'נײַ
געזאַנג, געלעכטער,
פון ישׂראלס זין און טעכטער!

געהייליקט ליבעלעס אנדענק

ווען איר וועט, קינדער מיינע...

ווען איר וועט, קינדער מיינע,
צוריקקערן אַהיים
פון אייער זומער־וואַקאַציע,
וועט איר טרעפן דעם אַליאַנדער־בוים
און די אַקאַציע,
שיין צעוואַקסן און געראָטן;
דער פייגנבוים —
פון שטאַם ביז קרוין
מיט פייגן אָנגעשאָטן.
דאַכט זיך אַלץ איז ווי געווען,
אַלץ איז ווי געווען.
נאָר די צווייגן פון די ביימער,
אין די לעצטע צען וואָכן,
זעען אויס ווי הענט
אין צער פאַרבראָכן.
און אויפן גראָז ביים הויז —
פּערלען זיך אָפּגעקילטע טרערן,
ביי די ערשטע שטראַלן
פון פרימאָרגן גרוי —
אַנשטאָט דערפרישנדיקן טוי.
אין אַ צימער
וווּ געשטאַנען איז אַ בעט,
וויינט אַ ליידיק שטיקל וואַנט,
ווי עס וויינט אַ ליידיק אַרבל
וואָס פאַרלוירן האָט זיין האַנט.
און פון אַ שראַנק
וווּ ערשט געהאַנגען זיינען פרויען־קליידער
און איצט אַנטרונען —
שרייט אַרויס אַ שטומער חלל,
ווי פון אַ שאַרבן אויגן אויסגערונען.

נאָר ביי דעם גלאָזן־שיסל
אויפן ווינקל־טישל,
וועט שטוינען אייער בליק:
נאָך שווימען אַלץ צוויי פישעלעך אַרום
הין — צוריק,
הין — צוריק...
און ווען איר וועט הערן טראָפּנס טריפן,
טראָפּ נאָך טראָפּ,
ווי עס טריפן טראָפּנס
פון אַן אָנגעשפּאָלטן טאָפּ,
זאָלט איר זיי צוזאַמענקלייבן
און ווי פּערל ציילן
— מיינע טרערן־טראָפּנס,
טראָפּ נאָך טראָפּ.

אַכטער יאָרצייט

ליבעלע:
ס׳האָט זיך מיר געדאַכט,
מעפיסטאָ האָט געלאַכט,
ווען איך האָב פאַרנומען דאָס געוויין,
פון דיין פאַרשניטן נאָמען
געקריצט אויף טויטן שטיין.
ניין,
ניט דער שטיין,
מיין האַרץ האָט געוויינט.
און איך, דער נאַר, האָב געמיינט,
דער שטיין האָט געוויינט!

אין שוואַרצן טו זיך אָן

אין שווארצן טו זיך אָן,
און מיט וויינענדיקע הענט,
אַ ליכט צינד אָן,
און מאַך אַ ברכה:
להדליק נר של שאָטן
פון אַ פלאַם,
וואָס האָט אַמאָל געברענט.

און ווען אויף סופיט און ווענט
וואַקלען וועט דער שאָטן,
ווי עס וואַקלט זיך אַ מאַריאָנעט
אויף טאַנצנדיקע דראָטן — —
זאָג:
אַזוי וואַקלט זיך מיין שווער געמיט
און קען צו זיך ניט קומען,
זינט דער שׂר פון אַלע סופן
האָט דיך אַוועקגענומען.

אין די צווייגן פון די ביימער

אין די צווייגן פון די ביימער,
אויף זיין ווייַנענדיקן פּלייט —
ווייַנט דער ווינט פון צער, עלנט,
איבער שאָטנס אויסגעשפּרייט.

און אין מיין פאַרבענקטן פענצטער,
קוקט די נאַכט מיט גרויל און שוואַרץ,
ערגעץ וועלקן מיינע בלומען,
ווי עס וועלקט אין מיר מיין האַרץ.

וויין ניט, מיין נשמה מידע,
טרינק דיין פּיין אויס ביזן גרונט,
עס האָט אַ וואָלף דיין האַרץ צעריסן,
בלוטיקן געלאָזט דיין ווונד.

דורך די לאָדן פון מיין פענצטער
שטאַרט די נאַכט מיט גרויל און שוואַרץ,
ערגעץ וועלקן מיינע בלומען,
ווי עס וועלקט אין מיר מיין האַרץ.

אַ חתונה־איינלאַדונג

ווער האָט עס אויפֿן פֿעלד פֿון די באַפֿרייטע
פֿון אַלע זאָרגן און יאָכן,
די טויטע שטילקייט אונטערבראָכן?

דאָס בין איך, ליבעלע, איך!
דאָס בין איך, וואָס שטייט און קלאַפּט
אין שטומען שטיין,
ווו ס'רוט דיין יונג געביין,
איך ברענג דיר אַ בשורה אַ ליכטיקע:
יהודיתל —
דאָס קינד דאָס צווייטע,
וואָס אין יונגשאַפֿט דו האָסט מיר געבוירן,
מיט מזל איז
אַ כלה שוין געוואָרן.

באַלד יאָרן צוויי מאָל זיבן,
זינט דאָ האָסטו זיך אונטער גראָזן דאָ פֿאַרקליבן.
און די,
וואָס איז נאָך דיר געקומען,
האָט פֿון אונדזער קינד
איר מי און ליבע ניט פֿאַרבויגן
און האָט אַ שיין, געראָטן טעכטערל,
אין יידישקייט פֿאַר אונדז דערצויגן.

איצט שטיי איך דאָ געבויגן
ביי די שווייגנדיקע טויטן־טירן,
פאַרבעטן דיך:
צוזאַם מיט אונדז,
די טאָכטער אונדזערע,
צו דער חופּה פירן.

17 דעצעמבער 1963

בענקשאפט

זינט מיר האָבן זיך באַגעגנט

זינט מיר האָבן זיך באַגעגנט,
האָט די צייט אַזוי פיל יאָרן דורכגעבלעטערט.
און ביידנס שיפן אונדזערע,
אויף כוואַליעס שטורמישע צעשמעטערט,
און טעג — אָט פריידיקע,
אָט באַטריבטע,
זיינען אויסגערונען,
ווי דורך פינגער זאַמד געזיפטע.

און איצט — ווי נאָך אַ שיפברוך,
איינס דעם צווייטן מיר באַדאַרפן:
עס בענקט דיין האַרץ,
צו אַן אָפּרו-ברעג,
און איך — פון פריינדשאַפט זוך אַ האַפן.

לאָז מיך טרינקען פון דעם קוואַל
פון דיינע ליכטנדיקע אויגן.
און דערפריי מיין האַרץ,
ווי עס דערפרייט דעם פעלד נאָכן שטורעם —
דער קאָלירן-שפיל פון רעגנבויגן.

איך בין אַ נשׂרף

איך בין אַ נשׂרף,
מיין האַרץ האָט אָפּגעבּרענט.
בין איך געבליבן אַבלדיק,
ווי נאָך אַ בּראַנד
פאַרשׂרפהטע פיר ווענט.

ס'האָט זיך מיר געדאַכט:
אַ טויב אַ ווייסע אין אַ פרילינג-נאַכט
האָט אין מיין האַרץ
זיך איינגענעסטלט.
נאָר אין מיין שוואַרצער שעה,
האָט דער ראָב פון פּאָ
פון מיר זיך אויסגעלאַכט,
מיין שענסטן טרוים געלעסטערט.

אַוודאי טוט מיר באַנג
אויף מיין פאַרפירטן האָפן,
ווי עס באַנגט דעם יעגער,
וואָס האָט אויסגעשאָסן
און זיין פייל אין ציל
האָט ניט געטראָפן.

די באַלאַדע פון טשינג־טסאַ־ליג

און דאָס איז די מעשה
פון דעם פּאָעט טשינג־טסאַ־ליג
ווי אַזוי אַ פליג
האָט שיר אים אומגעבראַכט.

איז ער אַרומגעלאָפן
ווי אַ בלינדער בער
אויף אַ ציגיינער־שטריק.

צום גליק —
איז אָנגעפאָרן אויף אַ וואָגן שטרוי
אַ פּויער.
האָט ער געהערט, אַז טשינג־טסאַ־ליג
איז אין גרויסן אָנגסט און טרויער,
האָט ער גענידערט פון זיין וואָגן
און געזאָגט צו טשינג־טסאַ־ליג
לאמר, אַזוי צו זאָגן:
איך טו מיין רוקן
אין דרייען בויגן,
און ביזן גאַרטל —
זיך פאַרנויגן.
זאָג וואָס דריקט אויף דיין געמיט?
עס קאָן אַמאָל אפילו אָן אַלטער נאַר
העלפן יענעם אין זיין שעה פון צער.
און איך בעט דיר, זאָג פאַר וואָס
טרייבסטו ניט אַראָפּ די פליג פון נאָז?

האָבן דעם פויערס רייד
ווי פון שלאָף אים אויפגעוועקט
און זיין ביטער האַרץ
פאַר אים אַנטפּלעקט:

די פליג פאַרטרייבן
ז'ניט גאָר גרינג
ווי ס'קאָן זיך דוכטן:
זי האָט געבראַכט מיר שיינע טעג
און פריידיקע פאַרנאַכטן.

איר זשומען
האָט מיין איינזאַם צימער
מיט קלאַנגען אָנגעפילט,
ווי זיבן פלייטן —
וואָלטן זיך צעשפּילט.

האָט מיין האַרץ
געבענטשט איר קומען,
אויף אַלע מיינע וועגן
האָב איך זי מיטגענומען.

נאָר איך ווייס ניט ווי אַזוי
איך האָב מיין חן ביי איר פאַרלאָרן,
האָט זי זיך ווי אַ דאָרן
אויף מיין נאָז אוועקגעשטעלט
און פאַרפינצטערט מיר מיין וועלט.

האָט דער פויער,
זיך צעשמייכלט

אין זיין באָרד דער גרויער:
אויב אַזוי,
וועל איך מיר
אַ קראַץ געבן אין היטל
און פּרוּוון זיך דערטראַכטן
צו אַ מיטל,
ווי אַזוי, מיין ליבער טשינג-טסאָ-ליג,
דיך באַפרייען
פון דער פליג.

און נאָך לאַנגן, לאַנגן טראַכטן,
האָט דעם פויערס פּנים
זיך געגעבן אַ צעהעל.

האָט ער גענעענט
צו טשינג-טסאָ-ליג
און געגעבן אים אין נאָז —
אַ שנעל.
איז די פליג, פאַרשטייט מען דאָך,
אוועקגעפלויגן —
און דעם פאָעט טשינג-טסאָ-ליג
איז געוואָרן ליכטיק
אין די אויגן.

נאָקטורן

איך שטיי ביי מיין פענצטער און קוק אין דער נאַכט.
עס הערט זיך פון ערגעץ קיין ריר ניט, קיין קלאַנג.
איך וויים ניט, און קען ניט מיין אומעט דערקלערן;
איך וויים נאָר, אַז עפּעס טוט האַרציק מיר באַנג.

הינטער מיין פענצטער, אויף ווייַדענע פליגל
באַוועגט זיך די נאַכט, אַזאַ מילדע, אַ שטילע;
מיין פענצטער ווערט פּלוצעם אַ הייליקער עמוד,
און איך, פון דעם צויבער אַרום, דער בעל-תפילה.

און עס הויכט זיך אַ לויב צו אַלמעכטיקער האַנט,
וואָס האָט אָט די בערג אין די טאָלן צעשאָטן;
צווישן די ביימער און גראָזן פאַרבענקטע
האָט ערשט דער באַשעפער מיט ליבע געטראָטן.

לידער און פּאָעמעס

יאַסעמיטי

יאַסעמיטי־טאָל,
דו זיבעטער וואונדער!
איך באוואונדער
באזונדער
יעדן פעלדז,
יעדן בארג.
דאכט זיך:
יעדער בארג —
פאר זיך אליין.
נאר ניין!
אלע בערג —
איין הארמאָניע;
אלע קלאנגען —
איין סימפאָניע!
הערט און זעט,
אַ יידישער פּאָעט,
איז אזש אהער פארקראכן,
און — ס'איז יום־טוב
אין דער וואכן!
שטייט ער, דער פּאָעט,
אַט־אָ־דאָ.
די שעה
איז הייליק,
ווייליק:
חלק
עולם הזה
קריגט ער דאָ
אין דעם גן־עדן

התתחתון,
אין דעם באזאכטן —
יאסעמיטי-טאָל !

*

נעמט דעם „שפּיגל-טייך".
ווי געראָטן,
יעדער שאָטן,
שטיינדל,
חנדל,
פון דער געגנט.
שיינט צי רעגנט, —
שפּיגלען אָפּ זיך
אין דעם טייכל,
וואָס האָט צו זיך ניט
קיין פאַרגלייכן !
האָט מען עס בכן געשטעמפּלט
מיטן זיגל :
„טייך פון שפּיגל".

*

נאַכט, —
אין טאָל פאַרטראַכט
איך שטיי אַליין.
ווי שיין !
אויבן — שטערן,
אונטן — בערן.
אויבן — די לבנה,

אונטן — אַזאַ סכנה!
אַז ווו דו גייסט,
ווו דו שטייסט,
איז — בערן!
וואָס איז דאָ צו קלערן?
כאָטש אמת,
געטרעטענירטע,
ציווילזירטע,
אָבער פאָרט, בערן.
טרעפט דו גיסט זיי עטוואָס מיט דער האַנט,
בלייבט ביי דיר דער אַרבל,
און ביי זיי די פינגער,
פרעגט מיך עפּעס גרינגער,
צו וואָס דאַרף מען דאָ בערן,
אַבי יענעמס רו צו שטערן?
נאָר זיי שטערן ניט מיין רו,
איך גיב אַן עצה זיך דערצו:
און טראָגן מיך די שיך
וועלכע שטייגן
איבער דערנער,
איבער צווייגן,
אַלץ הויך און העכער,
צום „גלייזשער פּאַינט”
וואָס איז פון באַרג „ווילסאָן” העכער.

*

„גלייזשער פּאַינט”
דו פּרט פון אַלע פּרטים!
דער אָטעם

אזש פאַרכאַפּט,
ווי איר זעט מיך, יידן!
אַ פרידן
באַהערשט מיין זעל.
איך בין אויפן שוועל
פון גן־עדן.
האַלט איין דעם אָטעם
פון צו ריידן:
ניט קיין ריר,
ניט קיין קלאַנג,
דאָך הערסטו אַ באַוועגונג,
דאָך הערסטו אַ געזאַנג.
נאָר דאָס זיינען געזאַנגען,
קלאַנגען,
וואָס ניט דיין אויער,
נאָר דאָס האַרץ אַפּריער,
די דינסטע,
די איידלסטע געפילן,
קענען זיי דערהערן,
קענען זיי דערפילן...
כ׳בין אויף דער העכסטער הויך
פון „יאַסעמיטי״.
וואָס פאַר אַ יצירה,
וואָס פאַר אַ בחירה,
יעדעס בלעטעלע —
אַ שירה;
יעדעס בלימעלע —
אַ תפילה.
גוואַלד, יידן,
ווי נעמט מען דאָ אַ לירע!...

*

וויהי ערב, ויהי בוקר —
ווּנדער נאַר פון גאָט!
איך שטיי דאָ אין דער שטיינער־שטאָט,
אונטערן געזאַנג
פון די וואַסערפאַלן,
וועלכע קוואַלן,
שאַלן,
און פאַלן,
ווי ווּאַלן
פון אַ צאַרטן כלה־קאָפּ,
פון שפּיץ באַרג,
אין טאָל אַראָפּ...

*

אייזיק ניוטאָן
האָט שוין לאַנג דערפינדן,
און באַגרינדעט:
וואָס עס גייט אַרויף,
מוז אַרונטער.
מונטער,
לאָז איך זיך צוריק.
עס פאַלט מיין בליק,
אויף די „מאַריפּאָזאַ"
און „וואַוואָנאַ"ביימער.
ביימער — זינט די צייטן
כדרלעומר!...

אַט ליגט דאָ אויסגעצויגן
ווי אַ גראַף,
גאַנץ באַשאַף,
דער „געפאַלענער גיגאַנט".
אַ מאָל געווען
אַ בוים, אַ פּראַנט,
דעם הימל באַלד
געקענט דערלאַנגען.
איז עס דער נאַטור
ניט איינגעגאַנגען.
(יעדער ווייסט —
די נאַטור האָט פיינט
מ'האַלט זיך גרוים).
האָט אַ דונער־בליץ,
געטאָן אַ שמיץ
דעם גיגאַנט
צו דער ערד דער רויער,
אַ האַלבע שטעטל
פון דעם איינעם בוים,
פאַרבויען קענען בויער.
און כאָטש ער איז
צעגעסן שוין
פון כלע וועטערן,
איז בלויז זיין רוקן
אָנצוקוקן, —
אויף אַ לייטער מוז מען קלעטערן!
און אָט האָט גאָר אַ בוים
פון „אַריפּאָזע"
געהאַט די העזה
צו וואַקסן דאָ

ווער ווייסט זינט וויפל
טויזנט יאָרן,
ווו „אויטאָס" דאַרפן דורכצופאָרן,
האָט מען דורך זיין מיטן,
א וועג אדורכגעשניטן,
און דורכן בוים, פאַרט מען,
גייט מען,
און דער בוים —
ווי ניט אים מיינט מען!

*

וווּנדער דאָ —
און וווּנדער דאָרטן!
יאָסעמיט —
א צויבער-גאָרטן!
א שאָד נאָר, וואָס צו אַלץ
מוז נעמען דאָך א מאָל אַן ענדע.
איז אויף ווידערזען, יאָסעמיטי,
דו אויפן וואָר,
אייביקע לעגענדע!

אַ חלום

מיין ליבער פרוי יעטאַן אַ מתנה

און אַז זעליק דער פּאָעט
האָט שוין געהאַט זיין בוך געדרוקט,
און עס צושיקט כמעט
אין יעדן דאָרף און שטאָט,
האָט ער זיך ערשט אַרומגעקוקט,
אַז ער האָט ניט געשיקט
זיין בוך צו גאָט!
האָט ער זיך דאָך דערפילט
אַוודאי גאָרניט דאָסיק,
ס'וועט דעם אַלטן דאָרטן, אויבן,
די מעשה זיכער זיין פאַרדראָסיק,
און ניט פאַרלירנדיק קיין צייט,
האָט ער אַלע אַרבעטן
אָפּגעלייגט אָן אַ זייט
און אַ „דעלוקס"-אויסגאַבע
וואָס האָט אַזש געקנאַקט,
אין „אַסבעסטוס" גוט פאַרפּאַקט,
בכדי ווען עס וועט פליען
אין די הויכע ספערן,
זאָל עס ווי אַ מעטעאָר
חלילה ניט צעשמאָלצן ווערן!
און טאַקע אין דער זעלבער נאַכט
האָט די ספּעציעלע הימל-פּאָסט
דאָס בוך צו גאָט געבראַכט.
און ווען דאָס בוך איז
צום כביכול אָנגעקומען,

איז דאָס געווען פאַר אים
ניט קיין קליינער חידוש:
אותיות, דוכט זיך, קאַנטיקע פון חומש
נאָר די שפּראַך —
זאָגט מען אים איז יידיש.
האָט ער דאָס בוך געקערט,
געדרייט אויף אַלע זייטן,
געמאַטערט זיך מיט דעם אַ חודש,
וואָרעם, כידוע, איז דאָך
די שפּראַך אין הימל —
לויטער לשון קודש.
און טאַקע נאָר ווי דעם פאָטערס זכות אָבות,
דאַרף גראָד אָנקומען אונדזער
אַלט־באַקאַנטער בעל מחשבות.
האָט זיך גאָט דערפרייט מיט זיין באַזוך
— נאַ זאָגט ער, מיין ליבער דאָקטאָר,
זע, וואָס איז דאָס פאַר אַ בוך?
און וואָס מער ער האָט
דאָס בוך געלייענט,
גרעסער איז זיין פרייד געוואָרן:
קוים אַ יידיש וואָרט דערזען
נאָך אַזוי פיל לאַנגע יאָרן.
האָט ער מסתמא אָנגעשריבן אַ רעצענזיע
אָט ווי בעל מחשבות קאָן!
האָט דאָך גאָט דערזען
אַז דאָס איז אַ בוך וואָס איז
אַ „קאַטאָרי" וועלכער,
האָט ער באַשלאָסן זעליקן באַדאַנקען
מיט אַ פּרעזענט וואָס זאָל זיין
אַזוינס און אַזעלכער!

נאָר פּלוצעם איז געוואָרן
אַ שטורעם, אַ געוויטער,
אַזש גאָטס טראָן
געגעבן האָט אַ ציטער.
פון אַ שוואַרצן וואָלקן
איז דער שׂטן אַרויסגעשפּרונגען,
זיין שטים האָט זיך צעדונערט
און צעקלונגען
מיט אַ געפּילדער און ירגזון:
פאַר אַ יידיש בוך מתנות שיקן?
איך וועל דאָס ניט דערלאָזן!
אָט קום איך ערשט פון דעם פּלאַנעט
וואָס רופט זיך ערד,
וואָס איך האָב דאָרט זיך אָנגעזען,
וואָס איך האָב דאָרט זיך אָנגעהערט!
אַזויפיל שרייבער און פּאָעטן,
פון קיינעם ניט געלאַדן,
פון קיינעם ניט געבעטן,
פאַרוואָרפן די פּאָר לייענער
מיט אַזויפיל ביכער,
אַז דאָס לעבן זייערס
איז זיי ניט ניחה!
איך זאָג דיר, האַר מיין,
ווייז זיי דאָרטן נאָר אַ וועג,
און אין עטלעכע געציילטע טעג
וועלן זיי מיט ביכער
די הימלען אונדזערע פאַרפלייצן —
גענוג אַלע זיבן גיהנומס צו באַהייצן.

די מלאַכים האָבן זייער מיינונג
שוין כמעט געביטן,
נאָר דאָ האָט גאָט דעם שׂטן
אָפּגעשטעלט אין מיטן:
— הער מיר אויף אַ קאָפּ צו דרייען!
אָט כאַפּ איך שוין אַ בליץ
און שפּאַלט דיך אויף צווייען!
וואָס מיינסטו, ס׳איז דיר
פּאַוסט אָדער איוב,
וואָס אַלע מאָל דיך הערן
בין איך מחויב?
גיי דיר צו אַלדי שוואַרץ יאָר אין גיהנום
און הער אויף ריידן לשון הרע
אויף יענעם!

*

און ווען דער שׂטן האָט מיט חרפּה
קוים זיך אָפּגעטראָגן,
האָט גאָט געזאָגט צו די מלאָכים
אַזוי צו זאָגן:
אַנו, קאָרשט, חברה,
פאַרקאַטשעט נאָר די פליגלען
און טראַכט מיר צו אַזאַ מתנה
מ׳זאָל מיט דעם זיך דאַרפן שפּיגלען.
ס׳איז דאָך עפּעס אַ מתנה
ניט פון אַבי ווענען.
טאָ זעט־זשע, כרובימלעך מיינע,
אַז דער הימל זאָל די ערד
חלילה ניט פאַרשעמען!

האָבן די מלאָכים
זיך לאַנג געאַמפּערט און געטראַכט,
ביז זיי האָבן זיך געאייניקט
און אַ באַריכט צו גאָט געבראַכט:
היות, וואָס קען אַ שרייבער
געבן מער פּרעסטיזש און מער קוראַזש
ווען זיין בוך צעגייט זיך
אין אַ גרויסן טיראַזש.
בכן רעקאָמענדירן מיר
ביי אים גלייך באַשטעלן
ביכער כאָטש אַ האַלב מיליאָן,
און נאָך דעם ווערט מען זען
וואָס מ׳קען ווייטער פאַר אים טאָן.
און ס׳וואָלט זייער אויך געפּאַסט
ווען מען לאַדט אים איין אין הימל
אַלס גאָטס ערן־גאַסט!

*

האָט גאָט זיי אויסגעהערט
און געזאָגט: „כי טוב, גוט אַזוי!"
האָט מען געשיקט נאָך אים
אליהו הנביאס קאַרעטע
מיט זיבן ברענענדיקע סוסים
און פון כביכול
געבראַכט אַ גרוס אים.

פאַרשטייט מען דאָך
אַז דאָס בוך אין הימל
איז געוואָרן אַ „בעסט סעלער"
און צום באַנקעט,
האָט גאָט מיטן פּאָעט
געגעסן פון איין טעלער!

חלום אויפן וואָר

געוויינטלעך שטים איך מיט מיין פרוי,
כמעט אין יעדער זאַך גענוי,
דאָך טרעפט אַ מאָל,
מיר מוזן זיך צעגיין —
ווען איך זאָג יאָ,
און זי זאָגט ניין.

אַ מענטש איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש,
און טוט אַ מאָל אַ נאַרישקייט באַגיין —
אַ האַנדלונג אַ ניט טאַקטישע וכדומה.
זאָג איך צו מיין פרוי:
ווייסט, מיין טייערע,
איך בין אַפּנים פאַרט אַ בהמה.
זאָגט זי: ניין,
אַזוינס האָט זי נאָך
קיין מאָל ניט געהערט,
עס קען אַ מאַן ניט זיין קיין בהמה;
אַ מאַן, זאָגט זי, קען זיין אַ פערד —
אַט וואָס.

בלשון זכר הייסט עס, בל״ז.
זע איך דאָך אַליין שוין, אַז
זי איז כמעט ביים וועג;
וואָרעם אַלע מיינע טעג,
האָב איך מער געחלומט
ווי „געוואָרט״
און פון מיין יוגנט אָן,
געווען פאַרליבט אין שיינעם וואָרט.

בעת מיינע וויל-באַקאַנטע
האָבן „פּראָפּעטי״, „טענערס״ „רילעסטייט״,
און זינט יאָרן שוין „ריטייט״,
בין איך נאָך אַלץ אויף דער זייט פּלויט,
און אַלץ נאָך ניט קיין „לייט״.

אַז ביי מיר, נאָך עד היום,
אַ ליד, אַ שורהלע אַ שענערס,
האָט מער די ווערט פון „פּראָפּעטקעס״
מיט צען טויזנט „טענערס״.
מיך בלענדן אַלץ נאָך די קאָלירטע ליענטעס
פון דעם רעגנבויגן,
כאָטש פּראַקטיש האָבן זיי די ווערט
ווי גערטנער צעגרינטע
פאַר די אויגן פון אַ בלינדן.
פאַרוואָר,
מען קען מיט זיי אפילו
קיין קאַץ דעם עק דאָך ניט פאַרבינדן...

קומט דאָך אויס,
אַז מיינע, זאָל געזונט זיין,
איז שוין באַלד גערעכט.
נאָר איך בעט אייך,
האָט ווער געהערט, געזען,
אַ פערד זאָל חלומען און וויינען,
וויינען דורך די נעכט?

דאָס ניט פאַרענדיקטע ליד

ס'איז געווען שוין גאַנץ שפּעט,
ווען די מוזע איז פון אַ פּאָעט,
אַ צופרידענע געפלויגן
און אונטערגעזונגען,
די פליגלען צעשפּרייט,
און איר ווייסער טוניק
האָט אין דער לופט געפלאַטערט,
כאָטש אין אמתן
לאַנג געאַרבעט אויף אַ ליד
און געפילט אַ ביסעלע פאַרמאַטערט
און נאָך געהאַט צו פליען אַ היפּשן מהלך,
ערשט זי שטויסט זיך אָן,
אָן דעם שוואַרצן מלאך,
איינגעוויקלט אין אַ שוואַרצער פעלערינע.
די שטערן־לעכער צוויי
אַנשטאָט אויגן,
און דער חלף אין זיין ליפּנלאָזן מויל —
האָבן אויף דער מוזע
אַנגעוואָרפן אַ גרויל.
— ווּהין פליסטו דאָס אין אַזאַ אופן?
און וואָס איז דער געאייל?
ווייסט דאָך, אַז פון דיר
וועט קיינער ניט אַנטלויפן!
— אָט, איך אייל זיך
ווייל עפּעס איינער אַ חכם
האָט זיך אין אַ טעאַטער אויסגעצויגן,
און עס איז שוין באַלד נאָך אים
און אַלץ וואָס איך דאַרף טאָן,

איז בלויז פאַרמאַכן אים די אויגן.
— ווייסט, זאָגט די מוזע,
איך וואָלט אַ מאָל אַ בעלן געווען
דיך ביי דער אַרבעט זען.
— מיט פאַרגעניגן, פאַר וואָס דען ניט?
ס׳איז טאַקע דאָ באַלד,
עטלעכע געציילטע טריט.

*

געקומען אויפן אָרט,
ליגט אַ מאַן אויסגעצויגן ווי אַ ספּאָרט,
אַרום אים —
אַ טומל פון מענער און ווייבער,
די מוזע גיט אַ קוק —
ס׳איז אירער אַ פּאָעט, אַ שרייבער!
זאָגט די מוזע צום טויט-שליח:
אומזיסט דיין אַרבעט,
און זיי זיך אפילו ניט מטריח:
ער האָט ערשט אַ ישׂראל-ליד
אָנגעהויבן שרייבן,
און איך וועל ניט דערלאָזן,
אַז ניט פאַרענדיקט
זאָל אַ ליד פאַרבלייבן!
— ליד — שמיד,
ביסט אַזוי אומפּראַקטיש
ווי דיינע שרייבער:
פאַרשטייסט דאָך, אַז איך קען ניט זיין
קיין איבערקלייבער!
— הער זיך צו, — טענהט די מוזע —

דאַרפסט מיר אויפן וואָרט ניט גלויבן.
דו ווייסט אַליין, אַז אפילו גאָט
האָט ליב, מען זאָל אים לויבן.
ניט איינער פון מיינע פּאָעטן
האָט אין שלאָפלאָזער נאַכט,
דיך באַזונגען און דעם טויט
אומשטערבלעך געמאַכט...
אָט נעם אַפילו בערל פראַטש.
וועסט אַליין צוגעבן,
אַז ער איז אַ פּאָעט ניט קיין פאַרטאַטש.
באַאָדעט ער דיך מיט זיינע קלאַנגען
און באַגיסט דיך
מיט גאַנצע צעבערס לויבגעזאַנגען...
מוז איך דיר באַטאָנען:
אויב דו טוסט מיר ניט די טובה,
וועלן די פּאָעטן מיינע
מער אפילו מיט קיין איין וואָרט
דיך קיין מאָל ניט דערמאָנען!
בכן, לאָמיר געבן זיך
איינס דעם אַנדערן די פליגל
און שווער מיר צו, אַז דו וועסט
זיין לעבן ניט פאַרזיגלען,
אים מיט קיין פעדער ניט אָנרירן
ביז ער וועט דאָס ליד ניט
פינאַלירן.
— נו, פאַרפאַלן,
איך זע דאָך שוין,
אַז איך בין אַריינגעפאַלן.
נאָר פון היינט אָן, גייען מיר
אויף באַזונדערע וועגן,

און קום מיר מער
קיין מאָל ניט אַנטקעגן
מיט דיינע שרייבער און פּראָבלעמען,
ווען איך קען יאָ,
און ווען איך קען ניט נעמען!

*

דער פּאָעט איז ביסלעכווייז
דערווייל צו זיך געקומען
און זיך צוגעהערט צו דעם געשפּרעך,
וואָס דאָ איז פאָרגעקומען,
ווי אַזוי די מוזע מיטן שׂר פון אַלע סופן
האָבן זיך פאַרשטענדיקט —
האָט ער ביי זיך באַשלאָסן:
אַז דאָס ליד זאָל בלייבן
ניט פאַרענדיקט...

5 מאַי 1963

אויף יענער זייט האָריזאָנט

ס'איז פאַרנאַכט געווען
און אפשר טאַקע גאָר ביינאַכט,
איך האָב דעם מוח זיך געבראָכן,
אַלץ געזעסן און געטראַכט
עפּעס פון אַ רעכטער טעמע
פאַר אַ נייעם ליד.
נאָר אומזיסט די אויגן זיך געריבן.
אויפן אויסגעשפרייטן בלאַט פּאַפּיר
קיין איין שורה ניט פאַרשריבן.
ערשט איך כאַפּ זיך: אויף מיין טיר
קיין סימן ניט פון אַ מזוזה,
האָב איך עס טאַקע גלייך באַוואָרנט
און געהאָפט אַז בזכות זה
קומען וועט צו מיר די מוזע.
און כך הווה,
אין גאָר אַ קורצער צייט
מיט שטילע טריט, אָט ווי אַ פּאַווע
דערשיינט פאַר מיר אַ יונגערמאַן
מיט אַ מאָדנעם לאַנגן האַלדז —
אַ גילגול פון אַ שוואַן —
האָב איך צו זיך אַ טראַכט געטאָן.
און מעשׂה מכנים אורח
האָב איך באַזעצט אים אויבן אָן.
כ'האָב פון אים קיין פּאַספּאָרט
פאַרשטייט זיך ניט געמאָנט,
נאָר זאָגן זאָגט ער, אַז ער קומט
פון יענער זייט האָריזאָנט.
דאָס דערהערט, האָט אַ פרייד

אַ לויכט געטאָן אין מיינע אויגן.
ס׳האָט צו יענער זייט פון האָריזאָנט
זינט מיין יוגנט מיך געצויגן.
— איז וואָס־זשע שווייגט איר, נו
זאָגט, ווי לעבן דאָרט די מענטשן,
ווי דאָס פירעכץ גייט דאָרט צו?
— מענטשן, זאָגט ער,
זיינען מענטשן אומעטום,
ניט מער
וואָס דאָרטן קען זיין גלייך,
קען אויסקומען אויף דער זייט קרום.
למשל:
אַלע הייזער ווערן דאָרט
געבויט אויף בערג מיט גרינעם גראָז;
טיר און פענצטער, דיל און דאַך —
פון סאַמע לויטער שפּיגל־גלאָז,
און דירה־געלט ווערט דאָרט געצאָלט
אַזוי ווי דאָ ביי אייך, נו זיכער,
נאָר אַנשטאָט מיט געלט
צאָלט מען דאָרט מיט ביכער...
וואָרעם שרייבער, דאַרפט איר וויסן,
פאַרנעמען דאָרט דעם אויבנאָן
און נאָר אַ שרייבער, אַ פּאָעט,
קען זיצן דאָרט אויפן טראָן.
אַזוי אויך פון די מיניסטאָרן
ביזן קלענסטן פּאָליציאַנט
מוז אַזאַ איינער זיין
וואָס האַלטן קען אַ פען אין האַנט.
פון האַרמאַטן, פון מלחמה —
זיי האָבן קיין מאָל ניט געהערט,

און פון אטאמישן כלי־זין
זייער רו ווערט ניט געשטערט.
אין זייער ווערטערבוך איז ניטא
א וואָרט וואָס זאָל באַטייטן „האַס",
אַלע זיינען דאָרט פאַרברידערט,
מע טאַנצט רקודימלעך אין גאַס.
פאַר גוטע פערזן פון א צווייטן
ז'מען גרייט אַוועקשענקען ס'לעצטע העמד;
לשון־הרע, ניט פאַרגינען
איז אין גאַנצן דאָרט פרעמד.

— — — — — — — — — — —

כ'האָב מיט נייגער צוגעהערט
צו אַלץ וואָס ער האָט מיטגעטיילט
און געטראַכט: וואָלט ביי אונדז געווען
כאָטש האַלב דערפון
וואָס ער דערציילט...

דער קאַלענדאַר

איך האָב היינט אין צער
און מיט ציטעריקער האַנט
אָפּגעריסן פון קאַלענדאַר
דאָס לעצטע בלאַט.
אויפן וואַנט —
געבליבן איז
אַ ליידיק, בלאַנקער טאָוול
אָן אבל
נאָך זיינע בלעטער,
פון יאָר טויזנט ניין הונדערט און זעכציק צוויי,
וואָס זיינען אויסגערונען
ווי צעגאַנגען שניי.

12 דעצעמבער 1963

מיינע פיר סעזאָנען

צו מיין יאָר דעם צוועלפטן,
האָב איך געקלעזמערט אין אַ קאַפעליע,
אויף אַ מעשענער, ווי אַ בייגל,
קיילעכיקער טרובע.
און ביים אָנהייב פון מיין „לייגן" תפילין,
האָב איך אַלס לערניונג,
ביי ברוך סטאָליער,
קליי פאַרקאָכט,
פאַרברענט די סטרוזשקעס אין הרובע,
און דער באַלעבאָסטעס קינדערלעך,
געדאַרפט פאַרוויגן און פאַרשפילן,
און פאַרפלויגן זיינען מיינע יוגנט-טעג,
ווי די סטרוזשקעס פונעם הובל,
ווי דאָס שטויב פון אונטערן זעג...
בין איך אוודאי ווייט געווען פון גימנאַזיע
ווי אַ למעדוואָוניק
פון עולם-הזה,
און פון אוניווערסיטעטן —
חלומען אפילו ניט געקענט
די שוועלן זייערע באַטרעטן!
בין איך ווייט פון זיין אַ מומחה עתיק
אין חכמות אַריטמעטיק,
און אין כישוף-פעלד
פון מאַטעמאַטיק.
אָבער, אַז אַ יאָר באַשטייט פון פיר סעזאָנען —
וועט דאַכט זיך דאָך דער גרעסטער נאַר
אויסרעכנען קענען.
פאַר וואָס זשע קען איך

מיינע פרילינגס, מיינע זומערס,
אויף די פינגער צען צעטיילן,
און די האַרבסטן,
די ווינטערס מיינע, —
רעכן איך און רעכן,
און קען זיי אַלץ ניט איבערציילן?...

16 מערץ 1964

דער גרינער בלאַט

ווי אַ טישטעך אויף אַ יום-טוב-טיש געגרייט,
ליגט פאַר מיר
אַ בלאַט פּאַפּיר געשפּרייט,
זויבער קלאָר,
ווי עס וואָלט ערשט אויף דעם געשנייט.
אָנגעשריבן — איין וואָרט בלויז:
„אידאַ"
און איך קוק אויף דעם און קוק,
און ס'דאַכט זיך מיר
פון דעם פּאַפּיר שטראַלט
אַרויס זיך אַ געשטאַלט —
אַ רויז אין פעלד געפונען.
און אויגן —
צוויי שיינענדיקע זונען.
דער קאָפּ באַקרוינט מיט גאָלדענע צוויי צעפּ.
און הויכן הויכט פון איר
מיט פרישקייט פונעם סטעפּ.
העי, לאַכט אייך פון דער „לבנה בלאַסער",
פון „אַ נאַכט אַ שטילע אידיליע" לאַכט,
אָבער אין אַזאַ בלויער אוקראַיִנער נאַכט,
האָט דאָס שענסטע אין מיר דערוואַכט
און ס'האָט מיין הארץ דערפילט
אַזאַ פריידיקן געפלאַטער:
איך גיי דאָס ערשטע מאָל מיט אידאַן
אין אַן אוקראַיִנישן טעאַטער!
איך האָב נאָך דאָן קיין לידער ניט געשריבן,
און דאָך איז זי זינט יענער נאַכט,
דאָס שענסטע ליד ביי מיר פאַרבליבן.

אונ כאַטש עס האָט דער גורל
מיך פון איר אָוועקגענומען,
איז דאָך איר אָנדענק פון מיין האַרץ
זינט פינף מאָל צען און פינף יאָר,
קיין מאָל ניט פאַרשוווּנדן.
לעבט זי?
איז זי אומגעקומען?
און אפשר ערגעץ שוין אַ באָבע
מיט אייניקלעך פאַרנומען? —
ווער ווייס, ווער קען זאָגן?
אפשר וועט אַ מאָל מיין ליד
צו איר זיך דאָך דערטראָגן,
איז ווייס:
עס זיינען פון מיין בוים,
שוין אָפּגעוועלקט געוואָרן אַזוי פיל בלעטער,
דאָך ביז מיין לעצטער שעה דער שפּעטער,
וועט איין בלאַט אויף אים שטענדיק גרינען,
ביז דער לעצטער אָטעם
וועט זיך אין מיר געפינען!

12 אָקטאָבער 1963

פרייד און טרויער

דעם הייליקן אָנדענק פון אַיידע מאַזע

פרייד —
אַ פלאַטערל,
אַ קורצער אַקט
פון לעבנס טעאַטערל,
אַ בלענד פאַר די אויגן,
אַט דאָ, —
שוין ניטאָ,
געוועזן — אַוועקגעפלויגן!
טרויער, —
געדויער,
לאַנג געלויער,
באַשווערט,
באַטרערט,
אַ לאַנגע דראַמע,
זוכט טרייסט
ביי דער מאַמע.
געשפּענסטער,
טרייב פון טיר,
און ס׳קריכט דורך פענצטער.
יאָגט דיך,
נאָגט דיך
ווו דו זאָלסט זיך
ווענדן, קערן.
האַלט גרייט אַ טיכל,
וויש אים די טרערן.

שיין זענען די בלימעלעך אין פרילינג

(פון רוסיש)

שיין זיינען די בלימעלעך אין פרילינג,
שענער נאָך די מיידעלעך אין מאַי.
געגנסט אָן אין אָוונט די וואָס איז דיר נאָענט,
און דאָס לעבן ליב ווערט און כדאי!

ס'איז מיין גליק ניט ערגעץ פון דער ווייטן,
כ'גיי צום פענצטער צו און קלאַפּ נאָר אָן:
קום אַרויס מיין לעבן, כ'וועל דיר אָוועקגעבן,
מיין האַרץ וואָס בענקט נאָך דיר שוין פון לאַנג אָן!

אין לעבן טרעפן שטורעמס און געוויטער
דער האָריזאָנט פאַרוואָלקנט, גרוי ווי בליי.
שטורעמס אַנטרינען, וואָלקנס צערינען,
און דער הימל בלויט זיך פון דאָס ניי!

שיין זיינען די בלימעלעך אין פרילינג,
שענער נאָך די מיידעלעך אין מאַי.
געגנסט אָן אין אָוונט די וואָס איז דיר נאָענט,
און דאָס לעבן ליב ווערט און כדאי!

13 מאַי 1954

פסח

ס׳דערמאָנען זיך מיר יאָרן
איך לערן נאָך אין חדר,
קומט דער יום טוב פסח
זיצן מיר ביים סדר.

(צוזינג)
אליהו, אליהו, אליהו הנביא.
אליהו, אליהו, אליהו הנביא.

דער מלך אויף דער הסב-בעט,
די מלכה זיצט אנטקעגן,
אָפּגעזאָגט הא לחמא
איך נעם די קשיות פרעגן.

(צוזינג)

דער טאַטע איז פאַרנומען
די הגדה זאָגן.
בשורות טובות אליהו
ברענגען וועט צוטראָגן.

(צוזינג)

אַוועק אַזוי פיל יאָרן,
געבענקטע און געגאַרטע,
דער נביא ניט געקומען —
געבליבן אָפּגעוואַרטע.

(צוזינג)

חנהלע

(פאָלקסמאָטיוו)

פרילינג אין דרויסן, אַ לויטערער הימל,
ליגט אונדזער שטעטל פאַרהילט אין אַ דרימל.
הינטערן שטעטל, הינטער די מילן,
גיי איך מיט חנהלען דאָרטן שפּאַצירן.

גיט זיך אַ ווינטל אין זינגען אַ שלייכל,
שפּילן זיך שאָטנס פון ווערבעס אין טייכל.
טראָגט זיך פון סטעפּ אַ ליד אַ באַטריבטע,
פלאַטערן קינדערשע הערצער פאַרליבטע.

שוועבט די לבנה אַ זילבער־באַזוימטע,
איבער אַ וועלט אַ פאַרגאַפטע פאַרטרוימטע
שטערנדלעך שיינען און שעמערירן,
גוט זאָלבענאַנד אַזוי צו שפּאַצירן.

יורדים

אזוי פיל יאָרן שוין פאַרביי,
און דאָס געמיט — אזוי נאָך שווער,
און די ווונד —
אזוי נאָך ניי!
און דאָס בלוט אין מיר,
ווי דאָס בלוט פון זכריהן,
הערט ניט אויף צו זידן
איבער מיינע זעקס מיליאָן
וואָס דער נאַצי-שעכטער
האָט פאַרשניטן.
נאָך פאַרפאָלגן מיך
די הילפלאָזע געשרייען
אזוי קלאָר פון
די לעבעדיקערהייט
אין גאַז-אויוונס געוואָרפן.
איז ווי צו שרצים טמאים
מיין ווידערווילן
צו יענע קליינלעך עולם-הזהדיקע,
וואָס בייטן אוים דעם מגן-דוד
אויף סוואַסטיקע,
מיט אייגן ווילן —
צו זייער שאַנד —
און קערן זיך צוריק
צום הונען-לאַנד.

כ׳ווער ניט נתפּעל

כ׳ווער ניט נתפּעל —
קיין האָר ניט,
פון די לאַנגע באַלאַדן און סאָנעטן,
פון געוויסע שרייבער, פּאָעטן,
וואָס רעדן פיל און זאָגן גאָרניט.
ניט אין קוואַנטום,
נאָר אין קוואַליטעט
ליגט דער טאַלאַנט פונעם פּאָעט.

אַ פיר שורהדיק ליד
וואָס האָט דעם בלענד פון בליץ,
די טיפקייט פון ים,
אַ שיינער מעטאַפאָר,
אַ גוטער גראַם,
— און, אין אמתן, אַזוי
די זון שפּיגלט זיך אַ מאָל דאָך אָפּ
אין קלענסטן טראָפּן טוי!

2 מערץ 1962

ווי אַזוי ניט צו שרייבן אַ ליד

אַ שטייגער, לאָמיר זאָגן,
ווערסט אַמאָל אַוועקגעטראָגן
פון אַ זונפאַרגאַנג פאַרנאַכט,
פון אַ טיפער איבערלעבונג.

מעג עס פרייד זיין
אָדער צער,
און האָסט פאַרטראַכט אַ ליד צו שרייבן
היט זיך אויס פון דער געפאַר,
דיין גאַנץ געדאַנק
אין ליד פאַרפלאַנצן,
— לאָז איבער פאַרן לייענער
זיך צו פאַרטיפן, און דאָס ליד דערגאַנצן.

און ווי דאָס לעבן איז דיר טייער,
היט זיך ווי פון פייער
פון אַזעלכע גראַמען ווי:
„ליב-טריב, שטוב-גרוב;
האַרץ-שמאַרץ, געדאַנק-קראַנק,
לעבן-שטרעבן" — — — — —

אַזעלכע גראַמען
האָבן שוין פון לאַנג
זייערע אייניקלעך אויסגעגעבן!

אָט האָב איך פאַר אַ קאָלעגין
איבערגעלייענט צוויי פּאָעמעס,

ס׳איז גוט זאָגט זי,
ס׳איז לויטער אמת.

נאָר ניט צום שפּאַסן,
די גראַמען, מאַכט זי —
זיינען אָפּגעטראָגענע אָפּצאַסן...

היינט ווען דו פאַרנעמסט אַזאַ קריטיק
פון אַ דיכטערין אַ באַוווסטער —
קומט דאָך אוים, כאַטש נעם דאָס ליד
און טראָג דאָס אָפּ צום שוסטער!

ווי יענער פאַרמער וועלכער האָט
געבראַכט זיין האָן אין שטאָט,
און געזוכט אַ זייגערמאַכער
פון דער נאָענט און פון ווייט:
זיין האָן איז קאַליע אים געוואָרן,
און קרייעט ניט אין צייט!...

דערימעך איז מיין עצה:
בכדי אַמאָל צום נאָר ניט בלייבן —
איז בעסער צען מאָל גוט צו טראַכטן,
איידער איין מאָל שלעכט צו שרייבן.

און אפשר נאָך העכער

מיין ליבן זון סטענלי

מיין זון, —
זאָלסט זיך קיין מאָל ניט מתקנא זיין
אָן דעם,
וואָס זיין השגה, זיין פּאַרנעם,
איז אַ באַנק-ביכל צו בלעטערן
און זיין גרעסטער דראַנג —
אויף שטיגן גאָלדענע צו קלעטערן.

אַזאַ איינער,
וועט אפילו צו יעקבס לייטער-הויכן
העכער פון זיין גאַרטל ניט דערגרייכן.

גלייב:
ניט איין מאָל האָב איך
אין אומעט און אין צער
ווי זייד-געוועב דין,
דעראַנט פון לעבנס שענסטן זין.
און דער,
וואָס קען פאַרשטיין
און פילן ווי שווער
עס קען זיין פון אַ בלינדנס אויג אַ טרער —
קען גרייכן ניט נאָר צו די ספערן,
נאָר אפשר העכער נאָך
פונעם העכסטן שטערן!

אין גאַנג פון לעבן

מיין טאָכטער יהודית, צו איר 20סטן געבוירנטאָג

דעם מענטשנס דערפאַרונגען און לעבנס-חכמה
ליגן אין זיין פרילינג
ווי פאַרטויכט אין צוקונפט געהיים.
און רייפן זיך מיט זיין לעבנס-גאַנג
אין זיין האַרבסט,
ווי עס רייפן זיך אין האַרבסט
די פירות אויפן בוים.
געדענק אָבער, אַז פירות
ווערן דאָך ניט צייטיק
אויפן בוים דורך דער נאַכט,
אין זייערן געשמאַק און פראַכט.
ניין!
עס האָט דעם בוים
געמוזט נעמען צייט און יאָרן
פון זאָרגפעלטיקער מי און פלעגן,
טוי און רעגן,
ווינט און שטורעם,
ביז ער האָט אַרויסגעבראַכט זיין פרוכט,
אין איר געשטאַלט און פורעם.

דערפאַרונג און פאַרשטאַנד,
האָט נאָך קיין שול-באַנק
קיינעם ניט געגעבן.
און די בעסטע שול, מיין קינד,
איז אַליין דאָס לעבן.
דעם גוף צו זעטן און צו קליידן,

איז אוודאי גוט און ווויל,
זע אָבער אַז אויך די נשמה
זאָל ניט בלייבן הונגעריק און הויל.
באַנעם אַלץ און אַלעמען מיט פאַרשטאַנד.

און טראָג אויף קיינעם קיין פאַרדרוס.
וועסט אַן עוולה גרינג פאַרטראָגן
ווען אויף יענעם זוכן וועסט אַ זכות.
געדענק, אַז דער שלעגער
קריגט אַ מאָל מער
ווי דער געשלאָגענער, געשלאָגן!
דערהייבונג ליגט נאָר אין ליבע
און ממילא אין פאַרשטיין.
דער שוואַרצסטער וואָלקן
ברענגט דער וועלט שפע און ברכה
מיט זיין געוויין.

ישעיה

ישעיה, ווענוויזער און נביא.
אָנזאָגער פון פעלקער־פרידן,
זע ווי פון דעם אַקעראייזן
טויט־כלי־זין טוט מען שמידן.

צו פאַריאָכן יעדן פאָלק,
וואָס וויל צעברעכן זיינע צאַמען
און דראָען מיט אַטאָמען־טויט
די וועלט פאַרניכטן און פאַרסמען.

און צעטראָטן אונטערן קנאַפּל
ווערט דיין „באחרית הימים״־חלום,
און שטעלן שוין דעם חלף אָן,
צו אומברענגען די טויב פון שלום.

נאָך גילטן היינט, ווי אין דיין צייט,
נביאים פאַלשע, שקר־רייד,
זיי ריידן אַ גערייד פון שלום,
און ציען דאָך די שווערד פון שייד.

נאָך זיינען ניט פאַרהיילט די וווּנדן
פון דער לעצטע שחיטה־בראַנד,
און זע ווי ס׳פלאַקערט שוין פון ס׳ניי
מלחמה־האַס פון לאַנד צו לאַנד!

ס׳איז דאָס בלוט נאָך ניט פאַרטריקנט
אויף נאַצים מעסער אין זיין האַנט,
און שוין אַזאַ געיעג צו שליסן
מיטן קיילער אַ פאַרבאַנד!

אַ פּאָדקאָווע פון אַן אייזל-פוס

לאָם אַנדזשעלעס איז נאָך פאַרשלאָפן געלעגן
מיט האַלב-פאַרמאַכטע אויגן,
ווען איך,
ווי טויזנטער אַנדערע,
זיינען געפלויגן
אין גרויען באַגינען,
אין אויטאָס, איבער גאַסן און וועגן,
ווי נעצן צעשפּרייט,
אין געיעג נאָכן טעגלעכן ברויט.
אויף די זייטיקע גאַסן,
האָב איך באַמערקט איינעם,
פון די אַפראָ-אַמעריקאַנער גבעונים *
זיין פּנים איז געווען
שוואַרצער פון שוואַרץ,
ווי ערשט געגראָבענער קוילנאַרץ;
ער האָט פאַר קיינעם
קיין האָלץ ניט געהאַקט
און קיין וואַסער ניט געשעפּט,
נאָר מיד זיך געשלעפּט
מיט אַ וועגעלע,
ווי פון ברעטלעך
צוזאַמענגעקלעפּט,
אויף רעדלעך, צעדרייט און צעקרימט,
וואָס האָט מיט זיין פּנים
און רוקן געשטימט.
געקליבן האָט ער

---

* האָלצהעקער און וואַסערטרעגער אין דער צייט פון יהושע בן־נון.

אין הינטער-געסלעך
שמאַטעס, ביינער, ליידיקע פלעשער,
פון פעסלעך,
פון קאַנען,
דעם אָפּפאַל פון קראָמען
און רעסטאָראַנען.
און קענטיק אַנטוישט
אין „לאָרד" און אין יויזל —
זיין האָפענונג אויף „גוד לאַק"
איז געהאָנגען,
אויף אַ פּאָדקעווע
פון אַן אייזל...

ירושה

(אויטאָביאָגראַפיש)

מיין פאָטער איז געווען אַן אביון „אין זיבן פּאָלעס"
און שטענדיק זיך געפונען
ביי דער נויט אין גלות.
זיין איינציקער פארמעגן איז געווען
אַ שיין געשניצטער מלמדישער טייטל,
און אַ פארשעמטער ליידיקער בייטל.
ווען די באַלעבאַטים וואָלטן אים אפילו
זיין גאַנץ שׂכר-לימוד באַצאָלט אין צייט,
וואָלט עס אַלץ געווען נאָך זייער ווייט
צו קויפן פאַר אַ קינד אַ שוך, אַ בגד,
אָדער כאָטש אַ האַלב אָנשטענדיק קלייד
פאַר זיין צד שכנגד.
מענטשן פלעגן צו רב אפרים יצחקן
זיך אַן עצה האַלטן קומען,
און זיין מיינונג זייער גערן אָנגענומען,
אָבער זיך אַליין קיין עצה
האָט ער ניט געקענט געבן —
ווי אַזוי צו פאַרבעסערן זיין אייגן לעבן.
אַ, מיט וויפיל אָראָפּגעפאלקייט און עניוות,
ער פלעגט אַ דאָנערשטיק אין דער פרי
אין שול צוגיין צו מאיר שרה-ריוועס
אָדער צו רב יאָשע אַבעס:
אפשר קאָנט איר מיר לייען
אַ דרייערל אויף שבת?
און דערביי פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן,
ווי מען כאַפּט איינעם ביי דער האַנט,
ווען ער האָט פון יענעמס קעשענע

עפּעס צוגעצויגן...
און דאָך האָט ער פאַרמאָגט אַ מין עשירות,
וואָס אפילו די שבעה טובי העיר
מיט זייערע שענסטע דירות
און פּירונג רייכן,
האָבן זיך בשום אופן מיט דעם
ניט געקענט פאַרגלייכן:
כאָטש ער אַליין האָט גאָר ניט געאַנט,
אַז ער האָט געהאַט אַ פּאָעטישן טאַלאַנט.
אַפילו זיינע בריוו פלעגט ער שרייבן אין גראַמען
און מיט דער מאַמען
זיך שטענדיק דינגען ווען זי פלעגט אים בעטן:
נו־באַ, איטשע, וואָס וועט זיין,
שוין ניט געשריבן צו די קינדער
אפשר אַ חדשים ניין.
ווערט ער ברוגז, נו, הייבסט שוין אָן ווידער?
פון דעסטוועגן בעט ער זיך איבער,
און זעצט זיך אַנידער
ווי אַ ביאָכטער
און נעמט שרייבן:

„מיין ליבע טאָכטער,
חנוכה די לעצטע נאַכט,
האָב איך מיט מלמדים פאַרבראַכט,
געוויינטלעך, מיר זיינען, חלילה,
ניט געקומען שפּילן,
עס האָט ניט פאַר יענעם אַרויסגירעדט,
יעדערן גיקאָסט צו עטלאַכע גילין.
האָט מען זיך אוישגיזעצט
און קווערטל בראָנפן אויסגיקוועצט

איז מען אָבער מיט דעם ניט געווען יוצא
האָט מען זיך גיפונען אַן עצה,
און טאַקע שיים,
איז יעדערער גילאָפן מיט שׂמחה אַהיים
און מיהאָט גיבראַכט צו טראָגין
יעדערער נאָך זיין פאַרמאָגין.
איך האָב דער ערשטער גיבראַכט
פינף רויע קאַרטאָפל, איינע אין איינע,
ניט געקוקט, וואָש ביי מיר איז במחילה ניט גיווען,
האָב איך גילִיען בּאַ אַ שכנה.
און די איבריקע מלמדים —
וואָש זאָל איך דיר זאָגין,
רעטאָך, ציבעלעס, אוגערקעס, קרויט,
הכלל — מען העט גיטראָגין.
און איין מלמד האָט גיבראַכט אַ גריישן פּעקל
און גיווען איז אין דעם
פון אַ הערינג אַן עקיל,
און פאַר דער צייט וואָש מיר זיינען גיזעסין,
האָבן מיר גירעדט פון מלמדישע אינטערעסן".

אָט אַזוינע בריוו פלעגט דער טאַטע שרייבן
צו פריינד אָדער צו די קינדער,
געוויינטלעך חול המועד פּסח אָדער סוכות,
אָנגעשריבן און פאַרגעלייענט פאַר דער מאַמען:
„נאַ, אָט האָסטע דיר אַ בריף,
כאַטש נעם און דרוק עס".

די מאַמע איז אָבער פון אַזאַ מין בריוו
ניט צופרידן געבליבן.
ווען זי קען נאָר שרייבן,

וואָלט זי גאָר אַנדערש געשריבן.
געגראַמטע בריוו זיינען ביי איר געווען
ניט פון די וויכטיקסטע זאַכן.
זי וואָלט בעסער פרעגן
וואָס די טאָכטער, די אייניקלעך מאַכן,
ווי לאַנג נאָך ביז איר בהמה וועט זיך קעלבן,
און וואָס מאַכט איר יאַדישלעווער איידעם,
וואָס קויפט אויף אַלטע קליידער
און זעצט עס אָפּ אין די אַלטע קליידער־געוועלבן?

נאָך גאָר אין זייער יוגנט,
האָט דער טאַטע זיך אינטערנומען איר געבן „אוראָקן"
און זי אים — לערנען שטריקן זאָקן,
האָט דער טאַטע טאַקע זיך אויסגעלערנט שטריקן —
קיין בעסערס ניט צו פאַרלאַנגען
אָבער די מאַמע איז ווייטער פון „יוד"
ניט אַוועקגעגאַנגען.

שפעט ביינאַכט.
דאָס הויזגעזינד שלאָפט
אויף וואָס עס האָט זיך געמאַכט:
אויף צוזאַמענגעשטעלטע שטולן,
אויפן דיל,
אויפן קיך־טאַפּטשאַן,
אויף דער קאַנאַפּע,
אויפן אַלטן דיוואַן,
וואָס איז צו אונדז אַנגעקומען
שוין אַ וועטעראַן
מיט אַ פּוס צעבראָכן,
און אַ פּרוזשינע איז אים

פון בויך אַרויסגעקראָכן.
דער טאַטע, מיט אויגן צעגליטע
און צעשטראָלטן געזיכט,
ביים שיין פון אַ קאַניצל
וואָס דאַכט זיך, עס שעמט זיך
פאַר זיין אייגן ליכט —
שפּרייזט אַרום איבערן הויז
און קייט דעם שפּיץ פון באָרד;
גייט צו פון צייט צו צייט צום טיש,
מעקט אויס, שרייבט צו אַ וואָרט.
ער איז פאַרטראָגן אין גאָר אַן אַנדער וועלט
און פילט אַפילו ניט אין הויז די קעלט,
און ניט דעםווינט,
וואָס פייפט און ברומט,
ווי פון אַ פּוסטער טרויב,
און וויל זיך נאָר אַריינרייסן אין שטוב
דורך דער אויסגעבראָכענער שויב,
וווּ אַן אַלטער בגד איז פאַרשטעקט אין ראַם,
און האַלט דעם ווינט אין צאַם,
און „שטעלט אים אויס אַ נאָז״:
טו מיר עפּעס, זאָל דיר דוכטן, איך בין גלאָז...
און ביז עס נעמט אויף טאָג שאַרייען,
האָט ער שוין אַ פאַרטיק ליד,
צו וועלכע ער האָט אויך פאַרפאַסט די מעלאָדיען.

ער האָט געשריבן זיינע לידער
ניט גלאַט שפּאַס צו טרייבן.
יעדן ערב פּורים
פלעגט ער אַ ליד אָנשרייבן
און גיין פון הויז צו הויז עס זינגען,

און אַזוי — פּאָר אָרעמע לייט
געלט אויף מצה קלייבן.

די שטאָט־באַלעבאַטים,
האָבן זייער ליב געהאַט אים,
און געוואַרט ער זאָל קומען
זייער סעודה באַשיינען,
און זיי פלעגן אים
מיט דער ברייטער האַנט באַלוינען,
און וויפיל וועט עס גיט אים
גיט ער עס אַוועק צום גבאי
אויף מעות־חטים.
און וויפיל ער האָט צוזאַמענגעקליבן,
האָט ער אַ רשימה פאַרשריבן
מיט זיין פערלדיקן כתב־יד,
און אָנגעהאַנגען אין שול אויפן וואַנט
עס זאָל חלילה אויף אים
ניט פאַלן קיין חשד...

עס געדענקט זיך מיר זיינס אַ ליד „אַרעסטאַנטן" —
ווי אַזוי מען האָט אויף צוויי רייכע פאַבריקאַנטן
אַ בילבול אויסגעטראַכט,
אַז זיי האָבן פאַלשע „סיגנאַציעס" געמאַכט.
דער טאַטע מיט נאָך אַ מלמד
גייען געשמידט אין קייטן,
און אַ דריטער מלמד, אַ „פּאָליציאַנט",
טוט זיי טאָן באַגלייטן.
אָנגעטאָן איז דער „פּאָליציאַנט"
אין אַ מונדיר פון אַ „גאָראָדאָוואָי"
עפּאָלעטן פון אַ פּאָלקאָווניק,

און אַ היטל מיט אַ קאָקאַרדע
פון אַ קליינשטעטלדיקן טשינאָווניק.
אַריין אין אַ הויז,
לייענט דער „פּאָליציאַנט" אויס
דעם באַשולדיקונגס-אַקט,
אַז מען האָט די אַרעסטאַנטן
מיט פאַלשע באַנקנאָטן געפּאַקט.
און דער טאַטע זינגט:

„מיר זיינען געווען צוויי גריישע סוחרים
און מיר זיינען געווען גיאַכט;
צו וואָס עס האָט געבראַכט קנאה און שׂנאה —
מען האָט אויף אונדז אַ בילבול געמאַכט.

מיר זיינען גיפאָרין אויף ריסאָרנע טאַרנטאַסן,
צופוס ניט געוווּסט קיין וועג;
איצט פירט מען אונדז אַרום איבער אַלע גאַסן,
ניט גיגעסענע נעכט און טעג".

און איך געדענק זיין פאַרענדיקן אין „רוסיש":

„מי בודיעם פּראָסיט באָגו זאַ וואַס
דייטיע נאַם ספּאָקאָי
פּוסט כאָראָשיע ליודי פּאָזשאַלעיוט נאַס
טאָגדאַ מי פּאַידיאָם דאָמאָי"...

אין אַ קאַסטן אַן אַלטן
אין אַ ווינקל פאַרשטעלט,
זיינען געלעגן באַהאַלטן
זיינע כתבים,

פאַרעלטערט און פאַרגעלט,
געשריבן ווער ווייסט מיט וויפיל יאָרן,
נאָך איידער איך בין געבוירן געוואָרן.
און ווען איך אַליין
האָב שוין געקענט לייענען און שרייבן,
פלעג איך גאַנץ אָפט
זיך צו זיין קאַסטן דערקלייבן
און זיינע לידער אַרויסגענומען,
זיך מיט זיי באַרימט און געלייענט
פאַר יעדן ווער ס'איז מיר אַנטקעגנגעקומען.

ווי וואָלט עס געווען זיין האַרץ דערקוויקן
ווען ער וואָלט געאַנט
אַז אַ מאָל וועט ער דורך מיר
קריגן אַ תיקון.
טאַקע דערפאַר,
וואָס איך האָב זיי אַזוי פיל מאָל געלייענט,
זיינען זיי אין מיין זיכרון פאַרבליבן,
און אַ טייל פון זיי
אין אַ בוך פאַרשריבן.

און איין מאָל ווען איך האָב אים געוויזן
דאָס ערשטע ליד, וואָס איך האָב אָנגעשריבן,
איז ער נשתומם געבליבן,
מיר אַ קניפּ געטאָן אין באַק און געזאָגט:
„מיין זון, האָסט גוט געדרשנט"
און אויסגעשריען צו דער מאַמען:
באַשע, באַשע, קום נאָר אַהער,
זוסקע האָט דאָך מיך געירשנט!

וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען

טאַקע,
וואָס וועט ברענגען מיר דער מאָרגן?
דער מאָרגן וועט אַ „היינט" מיר ברענגען,
אָט וואָס!
און די צייט —
דעם „היינט",
אין אַ „נעכטן" וועט פאַרוואַנדלען.
און אָנזען וועלן זיך ביי דער צייט,
מיינע „נעכטנס",
מיינע „היינטס",
ווי ביי „אַ גאַנדז אַ האָבער".
ביי מיר אָבער,
די מאָרגנס,
ווי פערל זיינען טייער:
די „נעכטנס" און די „היינטס"
ווי קערנער ווערן
צווישן מילשטיינער צעריבן!
די „מאָרגנס" דאָך,
די „מאָרגנס",
זיי זיינען אַזוי ווייניק
מיר פאַרבליבן!

ראָמאַנטיזם און רעמאַטיזם

א קאָלעגע, אַ נאָסטאַלגיש פאַרקלערטער,
האָט זיך געווענדט צו מיר,
כהאי לישנא,
מיט די דאָזיקע ווערטער:
עס פעלט, מיין פריינד געערטער,
דער ראָמאַנס אין אונדזער
פּאָעטישער ליטעראַטור.
זי מעג זיך זיין ווי שיין און גוט,
זיך ניט פאַרשעמען
פאַר דער פּאָעזיע פון כל העולם
איז עס אָבער פּאָרט, ווי אַ חלום
אָן אַ כוילאם!...
אָן ליבע-לידער,
אָן ראָמאַנטיק —
איז עס אַזוי צו זאָגן,
אַ ליטעראַטור,
ווי אַ ניט געשפּאַנטע פור,
ווי איינהאַנטיק.

נו
און וואָס איז מיט דיר אַליין,
דו האָסט דאָך אַמאָל געשריבן
ראָמאַנסן, לידער,
אַזוי פאַרכאַפּנדיק שיין.
זיי זיינען געווען, געדענק איך,
אַזוי פּאָפּולער פאַרשפּרייט,
אַז אומעטום האָבן זיי געזונגען,
„קינד און קייט"

איז אפשר וואָלסטו טאַקע ווידער?
— אַמאָל, אַמאָל,
ענטפערט ער ווי מיט פאַרדראָס,
פאַרשטייסט אַליין ניט, וואָס?
ווען מען איז יונג געווען,
און דאָס לעבן איז געווען אַ „ניעקאַקיך"
האָט זיך עס געשריבן,
ווי אַליין פון זיך.
אָבער ווען דער קאָפּ
איז היפּשלעך שוין באַפּליכט,
און דאָס געזיכט
איז צערונצלט און צעקאַרבט געוואָרן
ווי צען אַקערס וואָלטן איבער דעם
אַדורכגעפאָרן;
און דער רוקן, איי דער רוקן,
דער רעמאַטיזם.
— גיי שוין, גיי,
ווי פאַרט זיך עס מיט ראָמאַנטיזם?...
עס איז שוין, מיין פריינד,
אַזוי דער לעבנס דרך:
אין דער יוגנט
איז כמעט יעדערער פון אונדז,
אַ שטיקל שלמה המלך,
און מען פילט זיך שיר השירימדיק,
מיטן עלטערן זיך,
ווערט מען שוין אָבער אַ ביסל תהלימדיק,
מען ווערט אַזוי פאַרקניפּט, פאַרדרייט,
אין לעבנס שלשלת,
אַז די לידער קלינגען שוין
מיט איוב און קהלת!

האַרבסט

וואָס,
וואָס באַוויינסטו אַזוי דעם בוים,
באַשר, וואָס,
ער ווערט פון ווינטן, רעגן,
אין האַרבסט
פון זיינע בלעטער אָפּגעשוילן;
און זיי וואַלגערן זיך, די בלעטער,
(דאַכט זיך ערשט געגרינט)
אונטער די פיס
פון יעדן טרעטער!
נו,
און די בלעטער פון דיין בוים,
דיינע בלומען,
וווּ זיינען זיי אַהינגעקומען?
דער בוים וועט נאָך פון ס׳ניי,
זומערן און ווינטערן.
און פרילינגס אָן אַ צאָל
צום לעבן וועלן אים דערמינטערן.
און ווידער ציען וועט ער זיך
צום הימל,
צו די שטערן.
אָבער דיין בוים
דיינע בלעטער —
קוים ווערן זיי אין האַרבסט פאַרוועלקט —
צו זיי וועט מער קיין פרילינג,
זיך צוריק ניט קערן!

*

מיין ליבן חבר און יוגנט־פריינד מאיר באַראַן —
צו זיין 75סטן געבוירן־טאָג

עס פליען די יאָרן,
זיי לויפן געשווינד,
ווי ס׳פליען די בלעטער
אין האַרבסטיקן ווינט.

עס דאַכט זיך מיר אַט,
אַט ערשט טאַקע, אַט,
האָט געבראַכט מיך מיין טאַטע,
אין סאָסניצע, מאירס שטאָט,
צו זיין ברודער מיך לערנען
די מלאָכה סטאָליערײַ.
סך־הכל זינט דאַן
זענען אין גאַנצן פאַרביי
ניין און פופציק יאָר,
און טאַקע ניט מער.
געווען בין איך דרייצן,
זעכצן — דאַן ער.
אַ בלאָנדע טשופרינע,
און אויגן צוויי בלויע ימען,
און געראָטן איז ער געווען,
אין גאַנצן אין זיין מאַמען.

געווען זענען זיי
אַ פאַמיליע פון זיבן,
ווען זיין טאַטע האָט זיך

צו די אָבות פאַרקליבן
און זיין מאַמע איז אַ יונגע אלמנה פאַרבליבן.
אָן אמתע אשת-חייל,
האָט זיך ניט פאַרלוירן,
און צו דערנערן די קינדער,
איז זי אַ ברויט-בעקערין געוואָרן.
זומער אין די היצן
און ווינטער אין די פרעסט אין מאַרק
איבערן קוילנטאָפּ געזעסן.
אָבער אירע פינף קינדער
זענען געווען באַשוכט און באַקליידט
און צו זעט געהאַט צום עסן.
און מאירקע, איר מיזיניק,
האָט ביי איר געשיינט און געגלאַנצט,
און אַלע אירע מידות טובות,
האָט זי אין אים איינגעפלאַנצט.
איז ער טאַקע,
איינער פון די שענסטע מענטשן
וואָס גאָט און לייט
קענען מיט אים זיך בענטשן.
אַפילו מיין באָבע אסתר, לשלום,
האָט אים פאַר מיר געריִמט:
אַ וואויל יינגל, מאיר אסתרס,
אַז איך אַליין פאַרשטיי גאָר ניט אין סידור,
און כ'בין אויף גרויסע צרות,
שלאָגט ער מיט מיר
אַלע ערב יום-כיפור כפרות...
איז דאָך גאָר קיין ווּנדער ניט,
אַז ער איז מיר גלייך זייער געוואָרן געפעלן,
און אַזוי שוין אויף אונדזער גאַנצן לעבן,

ווי דוד און יהונתן,
פֿאַרבליבן די בעסטע צוויי געזעלן.

וואָס אמת,
עקאָנאָמיש איז אים שטענדיק בעסער ווי מיר געגאַנגען
און צו זיין דערפֿאָלג
האָב איך קיין מאָל ניט געקענט דערלאַנגען,
און ניט אומזיסט:
פֿון מיין קינדהייט אָן,
בין איך געווען דער טרוימער,
און ער — דער רעאַליסט.
בין איך שטענדיק אין די הימלען געפֿלויגן,
און ער — צו דער ערד האָט געהאַלטן די אויגן.
דערפֿאַר אָבער, ווען מען וועט גאָר בקרוב
צו דער לבנה דערגרייכן
וועלן דאָך די פּאָעטן זיין
די גאַנצע שמעלקעס אין אירע הויכן.
איז פֿאַר זיין יעדער גוטער טאַט,
וועל איך אים דאָרט
צושאַרן אַ גוטן לאַט...
אָבער ווי די זאַך וועט זיין
ערשט העט שפּעטער,
האָט דערווייל די געשיכטע
אויף אירע בלעטער,
אַ באַנייונג פֿון אַ יידיש לאַנד פֿאַרשריבן,
און מאיר, ווי אַ גוטער זון פֿון פֿאָלק,
איז פּאַסיוו צו דעם ניט פֿאַרבליבן!
איז ער איינער פֿון אירע צוקונפֿט־שפּינערס,
פֿאַרקויפֿט ער באָנדס,
און גייט נעבעך צו „דאנארס דינערס"

און איז פּאַר ישראל פאַרטאָן
„אַריבערן קאָפּ",
אַפילו אַ טאַנץ כאַפּן, אויב ער מוז,
זאָגט ער זיך אויך ניט אָפּ.
פאַרוואָר,
צו זיין פינף און זיבעציקסטן יאָר,
איז ער, אָן עין־הרע,
בראַוו, און זשוואַוו,
פאַרטאָן און פאַרקאָכט מיטן לעבן.
וויל איך אים דאַרום
מיין ברכה געבן:
אַז וויינקסטנס
ביז זיין הונדערטסטן געבוירן־טאָג
זאָל ער נאָך מיט אונדז פאַרבלייבן,
„באַדיי" איך זאָל מוזן אין זיין כבוד,
אַ פּאָעמע ווידער שרייבן!...

15טער פעברואַר 1962

מיין ברכה איז ניט מקויים געוואָרן: צו מיין טיפסטן צער און גרעסטן פאַרלוסט, איז מיין ניט־פאַרגעסענער, געטרייער לעבנס־חבר געשטאָרבן, ווען דאָס בוך איז צוגע־גרייט געוואָרן צום דרוק.



15טער פעברואַר 1887 מאיר באַראַן 5טער אויגוסט 1963

סיי מיט דעם בילד און סיי מיט דער ווידמונג פונם בוך, בין איך אויסן, אַז מיין חבר מאיר באַראַנס קינדער זאָלן וויסן ווער זייער פאָטער איז געווען. איך בין דער איינציקער, וואָס האָט געקענט זיין גאַנצע משפחה פון דער אַלטער היים. אַלע זיינען זיי אומגעבראַכט געוואָרן פון די נאַצישע מערדער. זיין פאָטערס נאָמען איז געווען — צבי הירש. דער מאַמעס נאָמען — אסתר. זיינע צוויי שוועסטערס נעמען — עלקע און רחל־רישע. זיינע צוויי ברידערס נעמען — ברוך און משה. עס זיינען, פאַרשטייט זיך, אויך געווען פעטערס, מומעס, קוזינען און קוזינעס, ווי געוויינטלעך אין אַ משפּחה. קיינער פון זיי איז ניט פאַרבליבן.

אינהאַלט

קיין אַמעריקע 7
רעטראָספּעקט 12
מיינע עלטערן 15
ווער איז געווען אפרים איטשקע 17
לבני הנחמד כמר יקותיאל זוסמאַן נ״י 25
דער דלות 35
אויף דער שיף קיין אַמעריקע 44
מיין שוועסטער שפרה שרה 47
מיין שוועסטער רחל לאה 52
פילאַדעלפיע 55
מורקע 59
הללויה בצלצלי תרועה 63
מלאכה איז מלוכה — איך ווער אַ סטאָליער 68
מענאַ כאַפּט זיך אָן אין אַ שטרוי 72
קאָנספּיראַציע 74
רוסיש־יאַפּאַנישע מלחמה 78
דער מסור 82
מיין ערשטער ראָמאַן 85
איך פאַרלאָז אידאָן אָן אַ זיי־געזונט 88
יעקאַטערינאָסלאַוו 91
אין אַ יידישער קאָלאָניע 94
צוריק אין אַמור 99
מיר העלפן שלום עליכמען 101
איך פאָר קיין אַמעריקע 104
לאַנד, לאַנד 106
מיינע ערשטע טריט אין לאַנד 107
אָן אַ צונג 111
צוריק אין פּאָרט־וואָרט 115
מיין שוואָגער 118
סאָניע קומט אָן 124
יידיש אין פּאָרט־וואָרט 177
מיר שפּילן יידיש טעאַטער אין פּאָרט־וואָרט 132
איך ווער אַ ביזנעסמאַן 134
מיסטער איזראַעליט 138
מיין ערשטע געבוירן־טאָג־פּאַרטי 140
לעבן זאָל מען צווישן יידן, און שופר־בלאָזן — צווישן גויים 143
דערפאַרונג צווישן פאַרמערס 145
סאָניעס טויט 152
מנחם מענדל אין אַמעריקע 154
אַרויס און ווידער אַריין אין ביזנעס 161
אַ פּאַרטי אין אַ שבת־בייטאָג 167
אַ בילד פון אַ נאַפט־פעלד אין טעקסאַס 173
נאָך די נביאים 175
ויסעו ממאַרגער, ויחנו בענסאָן 178
מאַרגאַרעט 182
מיסטער ט. לואיס 184
עפּ־לאָג אויף רעדלעך 191
סאַקראַמענטאָ 193
לאָס־אַנדזשעלעס 196
דו, ווייטער דו 199
פרימאַרגנס 201
איבער דיין שווייגן 202
נעקראָלאָג 206

ישראל־לידער

ישראל 211
דורך ים־בלאָע הימלען 212
דורך וועלכן זכות 213
אויפן הר הכרמל 214
ברוכים הבאים 216
חג שמח 217
ירושלים 218
צו אַלע יידן־האַסער 220

געהייליקט ליבעלעס אַנדענק

ווען איר ווערט, קינדער מיינע 225
אַכטער יאָרצייט 227
אין שוואַרצן טו זיך אָן 228
אין די צווייגן פון די ביימער 229
אַ חתונה־איינלאַדונג 230

בענקשאַפט

זינט מיר האָבן זיך באַגעגנט . 235
איך בין אַ נשרף 236
די באַלאַדע פון טשינג־טסאַ־ליג . 237
נאָקטורן 240

לידער און פּאָעמעס

יאַסעמיטי 243
אַ חלום 250
חלום אויף וואָר 256
דער קאַלענדאַר 265
דאָס ניט פאַרענדיקטע ליד . . 258
אויף יענער זייט האָריזאָנט . 262
מיינע פיר סעזאָנען . . . 266
דער גרינער בלאַט . . . 268
פרייד און טרויער . . . 270

שיין זענען די בלימעלעך אין

פרילינג 271
פסח 272
חנהלע 273
יורדים 274
ווי אַזוי ניט צו שרייבן אַ ליד . 276
און אפשר נאָך העכער . . 278
כ׳ווער ניט נתפעל . . . 275
ישעיה 281
אַ פּאַדקאָווע פון אַן אייזל־פוס . 282
ירושה 284
אין גאַנג פון לעבן . . . 279
וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען . 292
ראָמאַנטיזם און רעווּמאַטיזם . 293
האַרבסט 295
מיין ליבן חבר און יוגנט־פריינד,
מאיר באַראַן 296
מאיר באַראַן, בילד 300

ביז איצט דערשינענע ביכער אין פאַרלאַג „המנורה״:

אַנאַ פראַנק — **טאָגבוך פון אַ מיידל.**

ש. פראַנק — **טאָגבוך פון לאָדזשער געטאָ.**

באָריס פאַסטערנאַק — **דאָקטאָר זשיוואַגאָ, 2 בענד.**

מ. מאַן — **דאָס הויז צווישן דערנער** (18 ישראל־נאָוועלן).

ראָבערט סענט דזשאָן — **דוד בן־גוריון** (לעבנסגעשיכטע פון אַן אומ־געווייִנלעכן מענטש).

מיכאל ווייכערט — **זכרונות, 1־טע טייל.**

מיכאל ווייכערט — **וואַרשע, זכרונות 2־טע טייל.**

מיכאל ווייכערט — **יידישע אַליינהילף.**

מיכאל ווייכערט — **מלחמה 1939—1945**, זכרונות 3־טער באַנד.

אַנדרעי שוואַרץ־באַרט — **דער לעצטער פון די צדיקים.**

שלמה שנהוד — **מיט חלום איבער תהום**, לידער.

לעאָנאַ קיכלער־זילבערמאַן — **מיינע הונדערט קינדער**, מיט אַ פאָרוואָרט פון רחל ינאית בן־צבי — ישראל־פּרעזידענטס פרוי.

אבא גאָרדין — **שלמה המלך**, היסטאָרישער ראָמאַן.

אבא גאָרדין — **משה**, זיין לעבן און לערע.

משה וויטיעס — **מסות על ספרות** (עסייען וועגן ליטעראַטור) — העברעיִש.

יוסף פּאַפּיערניקאָוו — **פּרי־גני** (פּירות פון מיין גאָרטן), (לידער אין העברעיִש).

ד״ר יעקב צינעמאַן — **עמיל זאָלאַ**, אַ לעבן פון אַ שרייבער און קעמפער (פּרעמירט דורך אַדאָלף־ניומאַן פאָנד).

מ. צאַנין — **תל־עולם**. מסע על פני 100 קהילות נחרבות. (העברעיִש).

אברהם קריב — **ליטא מכורתי — מיין היימלאַנד ליטע.** עברית־יידיש.

יחזקאל בראַנשטיין — **פון אייגן הויז.** עסייען און שרייבער, וואָס איך האָב געקענט.

מאיר זימל טקאַטש — **מיין האָב און גאָב.** געזאַמלטע פּערזן. **2־טער באַנד.**

פּיאָטער ראַוויטש — **דם השמים.** פון פראַנצויזיש (העברעיִש).

רחל אוירבך — **מרד גיטו ווארשה** (העברעיִש).

דב שילאַנסקי — **מוזלמאַן** (ענגליש).

הרב אברהם העפּטערמאַן — **אַזוי לעבן יידן.** רבנים, ראַבאַיס און סתם־יידן אין אַמעריקאַנער כתרילעווקע.

י. גאָלדקאָרן — **פון וועלט־קוואַל.** קליינע עסייען וועגן גרויסע מענטשן.

י. גאָלדקאָרן — **לאָדזשער פּאָרטרעטן.** אומגעקומענע שרייבער.

א. בוסתן — **חיים ווייצמאַן.** לעבן און ווערק.

יעקב זינגער — **דער יונגער דזשייקאָבס.** ראָמאַן.

ד״ר ח. שאָשקעס — **מיט יידן אין ווייטע לענדער.**

ד״ר ח. שאָשקעס — **עולם ומלואו של ר׳ חיים שאָשקעס** (העברעיִש).

א. גאָפּלאַט — **געשטויגן און געפלויגן.** ישראל אויף פריילעך.

ד״ר י. הרציג — **נדודי במלחמה ויאסלו עירי.**
ספר יזכור — **קוסוב** (הוצולסקי).
י. זשעמיאַן — **די פּאַפּיראָסן־הענדלער פון פּלאַץ דריי קרייצן.**
ב. אפשטיין — **בערבות הפאמפה** (העברעיש).
יוסף גאַר — **אַזוי איז עס געשען אין ליטע.**
ש. ראָזענבערג — **שבתי צבי.** היסטאָרישער ראָמאַן.
ז. בונין — **פון פרילינג ביז האַרבסט.** לידער און פּאָעמען.
מלכה חפץ טוזמאַן — **שאָטנס פון געדענקען.** לידער.

ביכער אין דרוק:

ש. י. עגנון — **פון דאַנען און פון דאָרטן.** 7 סיפּורים און נאָך איינער.
א. בייזער — **פיר זענען זיי געווען.** ראָמאַן.
אפרים קאַגאַנאָווסקי — **אַ טונקעלע דירה.** דערציילונג.
יחזקאל בראַנשטיין — **אין פּרדס פון יידיש.** עסייען.
ב. זאַלץ — **און די זון האָט געשיינט.**
ל. קוסמאַן — **בלעטער רוישן.** לידער.

צענטראַלע פאַרשפּרייטונג פאַר דער גאַנצער וועלט פון:

ש. אַש — **דער נביא.**
מ. צאַנין — **פולער העברעיש־יידישער ווערטערבוך,** 2 בענדער.
מ. צאַנין — **שבתדיקע שמועסן.**
יצחק גרינבוים — **פון מיין דור.**
יהושע שלייען — **איינער האָט זיך געראַטעוועט.**
ז. שניאור — **די משומדתטע.**
לאָרד ראַסעל — **די בייטש פון האַקנקרייץ.**
אַלמאַנאַך **פון די יידישע שרייבער אין ישראל,** 1963.
יוסף שטשאַווינסקי — **אונטער איין דאַך.** דערציילונגען.